YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv07i34

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 7 Issue 34
August 1925

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 7, Iss. 34)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/351

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, 6.)

אן מיין גערעכטיג-קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן

Vol. VII. No. 34. New York, Friday, August 21, 1925 — פרייטאג, 21טען אויגוסט, 1925 — PRICE 5 CENTS

פרעזידענט מאריס זיגמאן אפעלירט

שוועסטער און ברידער, מעמבערס פון דער דרעס- און קלאוקמאכער יוניאנס!

איהר קענט מיך, אלס איינעם, וועלכער האט אייך געדינט פאר די לעצטע צוואנציג יאהר אויף אלע מעגליכע אופנים, סיי אלס פראסטער סאלדאט אין די רייהען, זייענדיג אן ארביימער אין שאפ, סיי אלס א יוניאן-באאמטער.

איהר קענט מיך, אלס איינעם, וועלכער האט קיינמאל ניט געזוכט דעם אמט, נאר וועמען דער אמט האט אימער געזוכט, און — צי יע אין איינקלאנג, צי ניט, מיט זיינע פערזענליכע נייגונגען און אינטערעסען, — האט ער אימער געפאלגט דעם רוף פון פליכט.

איהר קענט מיך, אלס איינעם, וועלכער האט ניט איינמאל זיך אפ-געזאגט פון זיין אמט, ווען ער האט געפונען, אז ער קען ניט מעהר פאר-נעהמען דעם אמט מיט דעם נויטיגען נוצען פאר דער יוניאן.

איהר קענט מיך, אלס יאהרען-לאנגען ערשטען וויס-פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנעל, אלס מענעדזשער פון דזשאינט באארד פון די קלאוקמאכער יוניאנס, אלס מענעדזשער פון דעם געוועזענעם דזשאינט באארד פון דער לידיס וועיסט און דרעסמאכער יוניאן, אלס ארגאנייזער, אלס גרינדער פון פארשידענע לאקאלס. און ווען מיין פארגענגער האט פארלאזען זיין אמט, איז עס געווען די אלגעמיינע מיינונג, אז איך בין דער פאסענדסטער קאנדידאט פאר דעם אמט, און צו וועלכען איך בין אויף דער ספעציעלער קאנווענשאן אין באלטימאר אויסערוועהלט געווארען איינשטימיג.

דאסזעלבע האט פאסירט מיט ערשט איבער א יאהר צוריק אויף דער קאנווענשאן אין באסטאן, ווען איך בין ווידער איינשטימיג ערוועהלט גע-ווארען אלס פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנעל.

צו וואס דערצעהל איך דאס אייך?

כדי איהר זאלט פארשטעהן, אז דער, וואס האט אייך געדינט זיין גאנצען לעבען מיט אלע זיינע כוחות אין אלע קעמפע, וואס די יוניאן האט דורכגעמאכט; אז דער, וועמען די יוניאן, פון איהר זייט, האט געשענקט יאהרען-לאנג איהר צוטרוי, און האט איהם באלוינט מיט דאס העכסטע, מיט דאס גרעסטע, וואס א יוניאן קאן געבען איינעם פון איהרע מעמבערס, קען ניט מיט איינמאל ווערען א פאררעטער צו איהר. א פארראט צו דער יוניאן וואלט פון מיין זייט געמיינט א פארראט צו זיך זעלבסט, א פאר-ראט צו מיין גאנצען שעהנעם רעקארד, אויף וועלכען איך בין אזוי שטאלץ.

קען איינעם זיך לעגען אויפ'ן שכל, אז דאס איז מעגליך?

ווייטער. ווי עס איז באקאנט, בין איך ניט קיין פארטיי-מענש אין דעם שטרענגען זין פון ווארט. איך בין א סאציאליסט אין דעם ברייטען זין פון ווארט. איך האף און שטרעב פאר א שעהנערען, מעהר נאבעלען לעבען, וואס זאל זיין ווערט צו לעבען פאר אלע מענשען אויף דער ערד. איך האף און שטרעב און קעמפ פאר א צייט, ווען איין מענש וועט ניט עקספלואטירען און באהערשען דעם צווייטען. אבער קיין פארטיי-לייבעל טראג איך ניט. און, לויט מיין פארשטאנד, לויט מיינע השגות, קלייב איך אוים פון יעדער ריכטונג דאס בעסטע, דאס שעהנסטע, וואס איז דא אין איהר.

קענט איהר גלויבען, אז איך, גראדע איך, זאל פיהלען א האס צו איינעם אדער צו טויזענדע נאר דערפאר, וואס זיי גלויבען אין א געוויסען איזם און זאל זיי דערפאר ניט וועלען לאזען זיין טעטיג אין דער יוניאן?

איך האב אימער-צו, אין מיין גאנצער לעבענס-ארבייט, געטאן דאס, וואס איך האב געהאלטען פאר רעכט, און פראנק און פריי! איך האב גע-קעמפט פאר מיינע פלענער, אידעען און איבערציינוגען אין דער יוניאן, איך האב קיינמאל קיין „מאשין" ניט געהאט. די לעצטע פאר יאהר פון מיין טעטיגקייט זיינען דער שטארקסטער עדות, אז איך האב גאר געבראכען דאס, וואס מאנכע האבען געהאלטען פאר א מאשין, ניט קימערענדיג זיך וועגען דעם, ווי דאס קען זיך אפרופען מאמענטאן אויף מיר פערזענליך, נאר אימער האבענדיג אין אויג דעם וואוילזיין און דעם כבוד פון אייך, שוועסטער און ברידער, און פון אונזער גאנצער יוניאן.

קענט איהר גלויבען, אז פלוצלונג מיט אמאל האב איך זיך פאר-שווארען מיט אנדערע, אויפגעבויט א זיגמאן-קליקע, וואס איז אויסען צו צוברעכען די יוניאן?

געוויס קענט איהר עס ניט. ווען נאר א הייפעלע מענשען, וואס האבען יאהרען-לאנג צוזאמען מיט מיר געארבייט און געליטען פאר דער יוניאן, וואלטען דאס אויף א מאמענט נאר געקאנט גלויבען, וואלט מען געמוזט ווירקליך פארצווייפלען אין דעם מענשען אין אלגעמיין.

און אט, אלס אזעלכער, וועלכער האט געמוזט אויסרעכענען דאס ביסעלע, וואס ער האט געטאן, ניט צוליב זעלבסט-באריהמעריי, נאר ווייל די פליכט פאדערט עס פון איהם, זאג איך צו אייך, ברידער און שוועסטער, קלאוקמאכער און דרעסמאכער; הערט זיך צו צו מיינע ווערטער און לאזט זיך ניט פארפיהרען פון אייערע אייגענע אויפגעשטורעמטע געפיהלען! נאך ווייניגער לאזט זיך פאר'שכור'ען פון א בינטעל געוויסענלאזע ברואים און פאררעטער, וועמעס איינציגע אמביציע איז צו ווייזען, דאס זיי קענען יא צוברעכען די יוניאן, וועלכע איז בייגעקומען די ערגסטע שטורעמס אין איהר לעבען.

מען פארלאנגט פון אייך, אז דעם דאנערשטאג, 3 אזייגער, זאלט איהר ווארפען די ארבייט.

ווער זיינען עס די, וואס רופען אייך? וואס האבען זיי אויפגעטאן פאר אייער יוניאן און פאר די ארבייטער בכלל? פאר וואס זאלט איהר גאר זיך צוהערען צו די דאזיגע מענשען, וועלכע זיינען אזוי ווי ארויפגע-שפרונגען פון דעם פינסטערען תהום, און אין וועלכען זיי ווילען זיך באלד צוריקקעהרען און פארשווינדען?

וואס ווייסט איהר פון זיי, אז איהר זאלט קענען מיט זיכערהייט זאגען, אז זיי זיינען נ י ט אונטערגעקויפט פון די באסעס מיט דעם איינציגען ציל צו צושמעטערען די יוניאן, וואס זיי אליין מיט זייערע אייגענע כוחות און מיט דער הילף פון אלערליי סולקעסעס האבען ביז איצט ניט געקאנט אויספיהרען?

זאגט, שוועסטער און ברידער, קלאוקמאכער און דרעסמאכער, אויף אייער עהרען-ווארט, אויף אייער געוויסען, קענט איהר אט די נפשות, וועלכע שטעהען עס הינטער דער זאגענאנטער עקשאן קאמיטע און העצען און רייצען אייך אויף צו אלע בייזע האנדלונגען, וועלכע מאכען אייך און אייער יוניאן צו שאנד און צו שפאט פאר דער גאנצער דענקענדער וועלט?

א נאמען, א האלב-גע'גנב'עטער, עפעס א דזשאינט עקשאן קאמיטע, רופט אייך צו ווארפען די ארבייט דאנערשטאג ביטאג. ווייסט איהר דען ניט, אז זיי זיינען „אוטלאס"? ווייסט איהר דען ניט, אז זיי האבען, אלס אפיסערס פון דער יוניאן, איהר שענדליך פארראטען? ווייסט איהר דען ניט, אז זיי האבען אלס באאמטע געשפילט די ראלע פון שפיאנען פאר א פארטיי, וואס האט געשווארען טויט צו אייער יוניאן, אויב זי וועט ניט ווערען איהר באהערשערין, איהר באפעהל-געבערין?

און אויף דעם רוף פון די דאזיגע פאררעטער און שפיאנען וועט איהר עס ווארפען די ארבייט, וואס דאס מיינט א פולשטענדיגער ברוך פון יוניאן-דיסציפלין, און וואס מוז ברענגען אויף אייך א גאנץ הארבע שטראף?

איך קען עס בשום אופן ניט גלויבען. איך בין מיט אייך צוזאמען פאר אזויפיל יאהר. איך קען אייך זעהר גוט. איך קען אייערע מעלות און חסרונות. אבער איך קען מיר ניט פארשטעלען דאס אירגענד א באדייטענדער טייל פון די קלאוקמאכער און דרעסמאכער זאל זיך מאכען שולדיג אין אזא הפקר-האנדלונג.

און איך רוף צו אייך:

שוועסטער און ברידער, ווי די יוניאן איז אייך טייער, ווי אייער לעבען איז אייך טייער, ווי אייערע פאמיליען זיינען אייך טייער, אויב עס איז געווען אזא משונה'דיגער געדאנק ביי אייך צו פאלגען זייער רוף, דערשטיקט איהם, דערווערגט איהם. ער קען נאר פיהרען צו אייער אומגליק. אזא האנדלונג איז בעצם א האנדלונג פון סקעבעריי געגען דער יוניאן.

און איך פרעג אייך, איז עס ווירקליך אין אייערע אינטערעסען צו דעמאנסטרירען פאר אייערע באסעס, דאס יעדער דעמאגאג קאן אייך ארונטערפיהרען פון ריכטיגען וועג?

ווי, למשל, ווען די באסעס וועלען אייך אויף מארגען ניט אריינלאזען אין זייערע שעפער? וואס וועט איהר טאן? זיך ווענדען צו דער יוניאן צו באשיצען אייך? אבער, ווי קען די יוניאן דאס טאן, ווען איהר אליין האט קלאר געמאכט פאר די באסעס, אז די יוניאן האט ניט די נויטיגע ווירקונג אויף אייך?

ברידער און שוועסטער, קלאוקמאכער און דרעסמאכער! איך, אייער פרעזידענט, וואס איז איינשטימיג אויסערוועהלט געווארען דורך אייערע פארשטעהער צו דער קאנווענשאן, איך בין פעסט-ענטשלאסען ניט צו פאר-לאזען מיין און אייער יוניאן, ביז עס וועט קומען דער מאמענט, ווען איך וועל קענען אייך אפגעבען דין וחשבון פאר יעדען שריט מיינעם, פאר יעדער האנדלונג מיינער, לויט די געזעצען און פאראררדנונגען פון אונזער אינטער-נעשאנאל יוניאן, ביי אונזער נעקסטער קאנווענשאן; איך, דער פאר-שטעהער פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשא-נעל, וואס איז די איינציגע קערפערשאפט, וואס פארנעהמט דעם פלאץ פון דער קאנווענשאן, ערקלעהר אייך:

אז אויב איהר זאלט ווירקליך פאלגען דעם רוף פון די, וועמען אייער יוניאן האט ארויסגעשפיגען אלס א העכסט-געפעהרליכען יוניאן-עלעמענט, און זאלט אין מיטען העלען טאג ווארפען די ארבייט, וועט איהר זיך מאכען

אינהאלט-פארציכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 34.

זייט 2. א פערזענליכע ערקלעהרונג — דוש. ברעסלאו. יוניאן נייעס.
זייט 3. לאקאל 82 אנערקענט די גוטע אר-ביים פון געוועזענעם מענעדזשער.
זייט 4. ביי דער קלאוק פינישערס יוניאן, לאקאל 9 — איזידאר סארקין. אניס דעם לעבען פון לאקאל 18, שיקאגא. — דוש. האפמאן. אינטערנעשאנאל קא-לענדאר — ה. סקולמאן.
זייט 5. אין דער אינטערנעשאנאל יוניאן הויז — ב. ווינשטיין.
זייט 6. טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען.
זייט 7. א פראווינץ ציימונג — מרים קארפילאוו. ים און בארג — דער לעבעדיגער.
זייט 8. עדיטאריעלע נאטיצען.
זייט 9. די שטאטליכע און פריוואטע פענ-שאן-סיסטעמס — דר. הערמאן פראנק.
זייט 10. דער איינדרוקספולער מיטינג פון דרעס. פרעסער אין בעטהאווען האל — א סטעף רעפארטער. קורץ און שארף — י. ב. ג.
זייט 11. בלינדע קינדער — ה. לאנג.
זייט 12. די באלשעוויסטישע קאנצענטרא-ציאנס לאגערען — שלום. עס פרעגט זיך א וואקלען — א. ראדוצקי.
זייט 13. קורצע שמועסען.
זייט 14 און 15. שלוסען און אדווער-טייזמענטס.
זייט 16. קאמוניסטישע סקעב פארשווע-רונג געגען דער יוניאן מאכט איהר לעצטע אנשטרענגונג.

וואס מעהר קלאוק מאכער זאלען באשעפטיגט ווערען אין די שעפער!

(שלוס פון זייט 1)

מיט פרעזידענט זיגמאן, אלס ציטווייליגער מענעדזשער פון דער קערפערשאפט, אנצונעהן מיט דער ארבייט, דער בעשלוס זאל דורכגעפיהרט ווערען אין לעבען. גלייכצייטיג איז אויך באשלאסען געווארען דאס עס זאל פערלויפיג אין קיין קלאוק שאפ ניט געארבייט ווערען אווערטיים, אהן אן ערלויבניש פון דער יוניאן. וואס דאס מיינט אויך, אז איידער מען פאנגט אן ארבייטען אווערטיים, דארפען אפריהער באזעצט ווערען די ליידיגע פלעצער אין די שעפער. דאס דארף זיין דער ערשטער פרינציפ פון גלייכער פארטיילונג פון ארבייט.

כדי דורכצופיהרען אין לעבען דעם בעשלוס, האט פרעזידענט זיגמאן באלד אויפגעפאדערט די מענעדזשערס פון די דזשאינט באארד אפיסעס און דעפארטמענטס, צו אונטערזוכען די שעפער, איינצורופען שאפ און דיסטריקט מיטינגען, און ארבייטען וויפיל עס איז נאר מעגליך, אז די ארבייטסלאזע ארמעע זאל פארקלענערט ווערען, אז וואס מעהר ארבייטער זאלען ארויפגענומען ווערען אין די שעפער. אט די ארבייט ווערט געטאן גאנץ ענערגיש און מען קאן האפען עס זאל ברענגען גוטע רעזולטאטען פאר די ארבייטסלאזע קלאוקמאכער און פאר דער יוניאן אין אלגעמיין.

דער שאפ טשערמאן מיטינג אין בעטהאווען האל

מאנטאג פארנאכט, באלד נאך דער ארבייט איז אפגעהאלטען געווארען א דיסטריקט שאפ טשערמאן מיטינג, אין גרויסען בעטהאווען האל. דער מיטינג איז געווען גוט באזוכט. ברודער ה. סלוצקי, דער מענעדזשער פון דער „אמעריקען" און „אינדעפענדענט" דעפארטמענט, איז געווען דער טשערמאן.

פרעזידענט זיגמאן האט געהאלטען אן איינדרוקספולע רעדע. ער האט באזונדערס אפעלירט צו די טשערליים, צו העלפען דער יוניאן דורכפיהרען דעם בעשלוס, ארויפצוזעצען אין די שעפער וואס מעהר ארבייטער, צו פארקלענערען די נויט און דעם עלענד צווישען די ארבייטסלאזע מיטגלידער פון דער יוניאן. ער האט אנגעוויזען, ווי שעדליך עס איז פאר די ארבייטער אין די שעפער, ווען 8 טויזענט ארבייטסלאזע ארמעע דרייט זיך ארום איבער די גאסען; ווען ארבייטסלאזע קלאוקמאכער קלאפען אין די טירען פון די שעפער און זיינען צופרידען אנצונעהמען אירגענד וועלכען חשבון וואס עס מאכט זיך. ווער קען דעמאלט אויפצוהאלטען פרייזען און יוניאן סטאנדארדס?

אויף דעם מיטינג איז אויך אנגעוויזען געווארען די לאגע אין דער יוניאן, דער טומעל וואס די קאמוניסטען האבען פאראורזאכט, און פארשיידענע מיי-

מונגען זיינען וועגען דעם ארויסגעזאגט געווארען.

די יוניאן-מיטינגען פראטעסט געגען דאנערשטאג.

א שעהנער און גייסטרייכער מיטינג איז אפגעהאלטען געווארען פארגאנגענעם דאנערשטאג, פון די קלאוק און דרעס פרעסער יוניאן, לאקאל 35. דער מיטינג איז אפגעהאלטען געווארען אין דעם גרויסען וועבסטער האל און דער האל איז געווען געפאקט מיט מיטגלידער פון דעם לאקאל.

אויך וועגען דעם מיטינג, אזוי גוט ווי וועגען דעם מיטינג פון די קאטערס יוניאן, לאקאל 10, מאנטאג, האט די קאמוניסטישע פרעסע אנגעפיהרט אן אגיטאציע. זי האט גערופען דאס קאמוניסטישע געזינדעל צו באווייזען „זייער מאכט" און... זיי האבען עס פולשטענדיג באוויזען, ווי אוממעכטיג זיי זיינען אפילו אין די דערמאנטע לאקאלס. א פאר פון די קאמוניסטישע נאכשלעפער האבען אמת געזוכט ארונטערצופיהרען דעם שעהנעם מיטינג פון גלייכען וועג אבער דאס האט זיך זיי ניט איינגעגעבען. א סך מיטגלידער האבען זיך באטייליגט און גערעדט וועגען דער לאגע אין דער יוניאן, און אויסגעדריקט לאיאליטעט און געטריישאפט צו זייער לאקאל און צו די גאנצע יוניאן.

פרעזידענט זיגמאן איז געווען אנוועזענד און האט געהאלטען א הארציגע רעדע.

פרעזידענט זיגמאן האט אין זיין רעדע פאנאנדערגעגלידערט די גאנצע לאגע אין טרייד און אין דער ארגאניזאציע. ער האט אנגעוויזען, אז דעם קאמף האבען די קאמוניסטען אליין ארויפגעצוואונגען, ער האט ארויסגעבראכט אז נאך מיט איבער דריי מאנאטען צוריק האט די נאציאנאלע עקזעקוטיווע פון דער קאמוניסטישער פארטיי געארדערט איהרע מענשען אין דער יוניאן אויפצוהויבען די אטאקע אויף דער אינטערנעשאנאל און אויף דער דזשאינט באארד. דאמאלסט איז ניט געווען קיין פראגע פון סוספענדירען וועמען עס איז; פארקעהרט, די יוניאן האט אהן שום שטערונגען ערלויבט די געוועזענע עקזעקוטיווס צו טאן זייער ארבייט אזוי לאנג ווי זיי האבען געארבייט ווי יוניאן לייט. ווען אבער זיי האבען גענומען די אר-

בייט פון די קאמוניסטישע פאליטישענס אין יוניאן און האבען געפרואווט מאכען פון דער יוניאן אן עקזעקוטיווע פון זייער קאמוניסטישען וועג, איז די ארגאניזאציע געצוואונגען צו רופען זיי צו פאראנטווארטליכקייט. די יוניאן האט ניט געקענט ערלויבען די קאמוניסטישע „טשעקע" צו פארכאפען די ארגאניזאציע און טרייבען זי צו רואינע פאר זייערע איינענע פאליטיקס.

וויס פרעזידענט ריס, ברעסלאו, דער מענעדזשער פון לאקאל 35, האט געמאכט א הארציגען אפיל צו אלע פרעסערס צו שטעלען זיך איינינ און ענערגיש נעגען די פארשווערונגען פון די קאמוניסטישע פאליטישענס און העלפען די יוניאן אויסרייניגען און היילען זיך פון דער קאמוניסטישער פעסט. ער האט ערקלעהרט, אז דער עקזעקוטיוו פון פרעסערס לאקאל 35, און ער אליין אלס מענעדזשער פון דעם לאקאל האבען איינגעזעהן די געפאהר וואס די קאמוניסטישע קליקע שטעלט מיט זיך פאר, און זיי האבען זיך מיט זייער גאנצער איבערגעבענהייט ענערגיש געשטעלט אין דעם קאמף צו פארטיידיגען די אינטערנעשאנאל און דעם דזשאינט באארד נעגען די העסליכע אטאקעס וואס די קאמוניסטישע אפאזישאן „יוניאן" פיהרט אן. ער האט אויפגעפאדערט אלע פרעסער צו-צושטעהן צו דיזען גרויסען ארגאניזאציאנס קאמף מיט זייער גאנצען הארצען און גאנצער ענערגיע. „מיר זיינען איבערצייגט, — האט ער געזאגט, — אז דער דזשאינט באארד און די אינטערנעשאנאל מוזען פאלשטענדיג אונטערשטיצט ווערען אין זייער שטעלונג צו די קאמוניסטען. אויב איהר, פרעסער, קענט ניט גוטהייסען דיזע פאליסי און מיר קענען זיך ניט פארלאזען אויף אייער גוטהארציגער און איבערגעגעבענער אונטערשטיצונג, דאן ציה איך זיך צוריק פון אמט און די גאנצע עקזעקוטיוו באארד מיט מיר. ווייזט איהר צוריק אונזער שטעלונג און אונזער פאליסי, דאן דארפט איהר גלייך אויפ'ן ארט מאכען נאמינייישאנס פאר א נייע פארוואלטונג פון לאקאל".

ווען די רעזאלוציע פאר נעטרייער און נעאייניגטער ארבייט מיט'ן דזשאינט באארד און מיט דער אינטערנעשאנאל איז גענומען געווארען צו א וואוט, איז עס בכלל איינשטימיג אנגענומען געווארען, און די דיזיגע מאסע פרעסער האט נעשטורעמט מיט אפלאדיסמענטען און הורא-געשרייען. די פרעסער האבען אויף א גלענצענדען שטייגער ארויסגעוויזען זייער אייניגקייט און געטרייהייט צו דער יוניאן.

די דיסטריקט מיטינגען פון דרעסמאכער יוניאן, לאק. 22.

דעם זעלבען אווענט, פארגאנגענעם דאנערשטאג, איז אויך אפגעהאלטען גע-

ווארען א זעהר שעהנער דיסטריקט מיטינג פון דרעסמאכער, מעמבערס פון לאקאל 22. דער מיטינג איז פארגעקומען אין אודיטאריום פון רענד סקול, און דער האל מיט דער באלקאני זיינען געווען איבערפילט מיט דרעסמאכער.

די רעדנער אויף דעם מיטינג זיינען געווען דזשוליוס האכמאן, מענעדזשער פון דעם דרעס דעפארטמענט; סעקרעטאר בערוף און קריוועלע פון די איטאליענישע דרעסמאכער. אויף דיזען מיטינג איז אנגעוויזען געווארען ווי נויטיג עס איז פאר אלע דרעסמאכער, צו האלטען זיך איינינ און דיסציפלינירט אין דער איצטיגער צייט און ניט געבען די באסעס א געלעגענהייט צו באנוצען זיך מיט דער קאמוניסטישער פארמאכע, און מאכען זייערע שפיס אויפ'ן חשבון פון די ארבייטער. די הויפט ארבייט פון דער יוניאן דארף זיין דורכצופיהרען אלע פונקטען פון דעם אגרימענט דיזען סיזאן, און באפעסטיגען זיך אזוי אז די באסעס זאלען מוזען פאלגען און דורכפיהרען דעם אגרימענט פונקט ווי זיי האבען איהם אונטערגעשריבען. די דרעס-מאכער האבען ענטוזיאסטיש באשלאסען צו שטעהן איינינ און איבערגעגעבען דער יוניאן, און באשיצען זי געגען אלע איהרע שונאים.

א צווייטער זעהר שעהנער דיסטריקט מיטינג פון דרעסמאכער איז אפגעהאלטען געווארען דעם דינסטאג אווענט, דעם 11טען אויגוסט. דאס איז געווען א מיטינג פון די דרעס-מאכער פון דריי אפטאון דיסטריקטען, אין ברייענט האל, 6טע עוו. און 42טע סטריט. דער האל איז געווען געפאקט א קאפ אויף א קאפ. דער גרויסער זאל, די באלקאני, די טירען און שטיגען, אלע זיינען זיי געווען פארנומען מיט דרעסמייקערינס, וועלכע זיינען געקומען צום מיטינג פון זייער יוניאן. דער מיטינג איז געווען גרויס ניט נאר מיט דער צאהל מעמבערס, וואס זיינען געקומען, נאר אויך גרויס מיט'ן הערליכען גייסט פון יוניאן-אייניגקייט, וואס האט דארט געהערשט.

די פערזאמלונג איז אדרעסירט געווארען פון מענעדזשער האכמאן, פון דעם דעפארטמענט, און פון אנטאניני, מענעדזשער פון די איטאליענישע דרעס-מאכער יוניאן. זיי האבען ערקלערט, וואס די יוניאן וועט איצט טאן, דורכצופיהרען שטרענג אלע פונקטען פון דעם אגרימענט און אנפיהרען אן ארגאניזאציאנס קאמפיין אין אלע נאן-יוניאן שעפער. די וואס האבען פארשפרייט די בייזוויליגע קלאנגען, אז די דרעסמאכער יוניאן איז אפגעשוואכט געווארען פון די קאמוניסטען און פון די אנדערע שונאים, האבען דאנערשטאג און דינסטאג געקענט זעהן די אייניגע און מעכטיגע דרעסמאכער יוניאן. עס איז געווען א פראכטפולע יוניאן דעמאנסטראציע אין יעדען זין פון ווארט.

העלפען פאר באאמטע פון לאק. 22, קומענדען דינסטאג, 18טען אויגוסט

(שלוס פון זייט 1)

ניט עוועקגעהן אין פוסטע, אומנוציגע דיסקוסיעס איבער פארשידענע זייטיגע פראגען און פאליטישע קאמבינאציעס; די צייט וועט יעצט פארנומען ווערען מיט טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען, מיט פראגען ווי צו פארשעהנערען און פארבעסערען דאס לעבען פון די ארבייטער אין די שעפער.

העלפען די מיטגלידער פון לאקאל 22 זיך ניט צו הערען צו די אלע העצעס וואס ווערען איצט געמאכט נעגען דער יוניאן. די אלע העצע מאכער און רכילות טרייבער זיינען די ערגסטע שונאים וואס די יוניאן האט ווען עס איז נעהאט, און האבען די יוניאן אומצוברייננען. זאל יעדעס צאהל מיטגלידער פון דעם לאקאל 22 זיך באטייליגען אין די וואהלען און שטימען פאר די בעסטע און פעהיגסטע פערזאנען אויפ'ן באלאט.

שטימען וועט מען קענען דינסטאג, דעם גאנצען טאג, פון 9 אין דערפריה ביז 9 אוהר אווענט, אין די פאלגענדע פלעצער:

אין אפיס פון דזשאינט באארד, 130 ווסט 25טע סטריט.

אין הארלעם אפיס פון דער יוניאן, איסט 121טע סטריט.

אין ברוקלין אפיס, 105 מאנטראז עוועניו.

אין בראנזוויל אפיס, 219 סעקמען סטריט.

איצט איז די בעסטע צייט צו פאהרען אין

די אינטערנעשאנאל יוניטי הויז

אין פארעסט פארק, פא.



ווי די יוניטי אימעניע זעהט אויס ווען מען קוקט ארונטער פון א עראפלאן.

דער שיינער פלאץ איז אפען פאר די מיטגלידער פון אלע לאקאלס פון אונזער אינטערנעשאנאל און זייערע פאמיליעס און פריינד.

א חוץ מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל ווערען אין דער יוניטי הויז אויפגענומען מעמבערס אויך פון אנדערע ארגאניזאציעס, און זאנסט אינטעליגענטע מענשען און פריינד פון דער ארבייטער-באוועגונג.

אין דער יוניטי הויז לעבט זיך ווי אין אן אמת'ען גן-עדן. עס איז דא א גרויסער טייך צו באדען און זיך צו שיפען; פארשידענע גיימס און טעגליכע גימנאסטיקס; קאנצערטען, לעקטשורס, פארלעזונגען און פארשידענע געזעלשאפטליכע אונטערהאלטונגען. עסען און טרינקען פון די סאמע בעסטע. טעניס און בעיזבאל גיימס, באולינג, עלים, בעסקעטבאל און וואס ניט? יעדען אווענט שפילט אן ארקעסטער צו טאנצען.

רעדזשיסטרירט זיך אין אפיס פון דער אינטערנעשאנאל

3 וועסט, 16טע סטריט, ניו יארק.

דער אפיס איז אפען ביז 7 אוהר אווענט, ארבייטער זאלען קאנען זיך רעדזשיסטרירען געהענדיג פון דער ארבייט.

טעלעפאן טשעלסי 2148.

די יוניטי הויז קאמיטע

אב. באראף, טשערמאן.

אין דער קלאוק, סוט און ריפער אפערייטארס יוניאן, לאקאל 2

די וואהלען פאר דער נייער עקזעקוטיוו פון לאקאל 2 זיינען געהאלטען געווארען דינסטאג, דעם 11טען אויגוסט. עס זיינען אפגעגעבען געווארען 944 שטימען. נעהמט אין אכט, אז א געוויסע צאהל מעמבערס זיינען באאיינפלוסט געווארען, ווער פון דער סוספענדירטער עקזעקוטיווע און ווער פאר אנדערע קריוודעס, און זיי זיינען דאריבער ניט געקומען שטימען, איז די צאהל א גאנץ שעהנע.

ווען ערום טויזענט מעמבערס פון אונזער לאקאל האבען גענומען דעם מוט צו קומען, רעדזשיסטרירען זייערע לעדזשערס און געהן אויס'ן רעקארד, אז זיי שטימען מיט דער אינטערנעשאנאל, איז דאס א העכסט ערפרעהענדע ערשיינונג.

די צאהל שטימען, וואס זיינען אפגעגעבען געווארען פאר ברודער מ. י. אשפיז, אלס מענעדזשער, איז 617 פאר און 98 געגען.

פאר ברודער ג. היינס, אלס טשערמאן, זיינען אפגעגעבען געווארען 602 שטימען פאר און 65 געגען.

פאר דער עקזעקוטיוו באארד איז דער וואוט געווען, ווי פאלגט:

ע. וועטער — 578 שטימען, א. אבראמסאן — 561, ה. איגנבער — 553, דזש. בלאק — 508, ס. גארדאן — 457, ב. מילער — 432, ר. צוקערמאן — 430, מ. גאנז — 417, מאקס רובין — 410, דזש. סאקין — 387, ב. קאפלאן — 384, פה. סאפיר — 370, י. ב. האלענדער — 366, י. גוטערמאן — 352, ב. בעקער — 346, ה. לאפידוס — 341, ת. פערלמוטער — 332, ס. גינזבורג — 327, וום. בלום — 325, ס. רעזניק — 313, ס. רודין — 312, א. גאלדשטיין — 306, ל. ראזענצווייג — 302, ר. גענזער — 298, א. נאגאשענער — 285, ה. ראפאפארט — 279, דזש. שניידער — 272, ס. הורשטריט — 260, ל. עפשטיין 258, ס. סינגער — 256, א. גורמאן — 251, י. קאהן — 248, ה. פארמאן — 240, נ. פיקער — 234, ע. ראזין — 203, דזש. טראבישש — 200.

עס זיינען ערוועהלט געווארען בר. אשפיז אלס מענעדזשער; ג. היינס אלס טשערמאן און די ערשטע 24 קאנדידאטען וואס האבען געקראגען די העכסטע צאהל שטימען זיינען די ערוועהלטע צו דער נייער עקזעקוטיוו באארד.

מיר ווייסען אז די וואס האבען געשטימט אין דיזע וואהלען, האבען ניט נאר אויסגעדריקט זייער פראטעסט געגען דעם וואס די קאמוניסטען זוכען צו „פארסאוויעטעווען" אונזער יוניאן, נאר אז מיט זייערע שטימען האבען זיי אויסגעדריקט זייער גלויבען און צוטרוי, אז מיר וועלען דורכפיהרען די ארבייט פון לאקאל פאר די אינטערעסען פון די מעמבערס. מיר פארזיכערען זיי אז מיר וועלען פון אונזער זייט טאן אלסדינג, איבערצוציינגען די מעמבערס אז געבענדיג אונז זייער צוטרוי האבען זיי קיין מעות ניט געהאט.

מעמבערס קומען פרעגען וואס איז אונזער מיינונג איבער דעם פוטש־סטאפעדזש, וואס די „לינקע" פלאנעווען אין דער קלאוק אינדוסטריע. מיר ווילען דאריבער וועגען דעם דא זאגען א פאר ווערטער:

עס איז שוין איבער צוויי וואכען זינט פרעז. זיגמאן האט געטשאלענדזשט, אז די קאמוניסטישע פארטיי, האט פון שיקאגא געאָרדערט די סוספענדירטע עקזעקוטיוועס דורכצופיהרען א סטאפעדזש אדער סטרייק אין דער קלאוק אינדוסטריע. זיי האבען נאך ביז יעצט ניט אפגעלייקענט און קענען עס ניט לייקענען. עס איז דאס ערשטע מאל אין דער היסטאריע פון די קלאוקמאכערס יוניאן, אז אימיצער זאל רופען א סטאפעדזש ווי להבדיל אין די 80ער יאהרען פון פאריגען יאהר הונדערט. יעמאלט, איידער ס'איז געווען א יוניאן, פלעגט פאסירען אז די ארבייטער זיינען ארויס אין א ספאנטאנעם סטרייק און ווען זיי זיינען שוין געשטאנען אין גאס האבען זיי דאן געהאט א מיטינג און אויסגעארבייט פאדערונגען צו די באלעבאטים.

דיזער סטאפעדזש איז שוין גאר ניט געווען קיין ספאנטאנער. די קאמוניסטען פלאנעווען איהם און גרייטען זיך שוין זייט א מאנאט. קיינע פאדערונגען צו די באלעבאטים האבען זיי ניט. זיי מאכען אבער דעם סטאפעדזש, ווייל זיי זיינען אין כעס אויף די יוניאן פיהרער וועמען זיי ווילען דורך א סטאפעדזש אנלערנען. דאס איז א מין „פאליטישער סטרייק", רחמנא ליצלן. די יוניאן איז ביי זיי א מלוכה, להבדיל ווי די רוסישע רעגירונג, ערקלערען זיי א פאליטישען סטרייק געגען דער „רעגירונג".

קאמיש ווי די זאך איז, איז דאס אויך א גרויסע טראגעדיע. די קלאוק ארבייטער ווילען ניט אזא סטרייק, די ארבייטער פון די שעפער קומען אונז פרעגען עצות וואס צו טאן געגען דיזער בייזער אנשיקעניש. די ארבייטסלאזע ווילען אודאי יעצט ניט סטרייקען. זיי ווילען קריגען דזשאבס. די יוניאן, מיט פרעז. זיגמאן בראש, טרייען מיט אלע כוחות ארויפצוזעצען ארבייטער וואו נאר מעגליך, קומען די קאמוניסטען און מאכען א נייעם הונגער. פילע באלעבאטים, ניט וויסענדיג אין פאראויס וואס זייערע ארבייטער וועלען טאן, האבען זיי דאריבער זיך לעצטע וואך גענומען צוריקהאלטען זיך פון שניידען. עס איז אויף אזא אופן געשאפען געווארען א קינסטליכע סלעק אויף נאך 3 וואכען. פאר די קלאוקמאכער מיינט עס א פארלוסט אין דורכשניט פון ארום 150 דאלאר א מאן. אבער וואס ארט עס די קאמוניסטען? אבי זיי וועלען קענען טעלעגראפירען אין מאסקווע, אז זיי איז געלונגען ארויסצורופען א פאליטישען סטרייק אין ניו־יארק געגען די יוניאן פיהרער...

בארעכענט מען נאך דערצו, אז די באסעס וועלען געוויס אויסנוצען די געלעגענהייט פטור צו ווערען פון א טייל ארבייטער אויף וועלכע זיי האבען פון לאנג שוין אן אויג און א זא טייל פון די וואס וועלען סטאפען, וועלען פארלירען זייערע דזשאבס און ווי שווער עס איז היינטיגע צייטען צו קריגען א נ'עם דזשאב, קען מען ערשט זיך פארשטעלען וואס דיזער סטאפעדזש מיינט; פיל אומגליק, רואינע, פארוויסטונג און צרות דאס וועט צו פילע קלאוקמאכער ברענגען. זאגט וואס איהר ווילט. איך זעה אין דיזען סטאפעדזש די ארבייט פון א פראוואקאטאר.

די איינציגע האפנונג איז די „קאמאן סענס" פון די קלאוקמאכער. מיר זיינען זיכער אז ווייניג וועלען זיך אין דיזען פוטש־סטאפעדזש באטייליגען און אנשטאט ברענגען שאדען די קלאוקמאכער וועט עס זיי עפענען די אויגען און עס וועט ווערען א סוף צו דער חוצפה פון די קאמוניסטען און צו דעם טעראר וואס זיי געברויכען געגען דער יוניאן.

אט זיינען א פאר אינטערעסאנטע מעשה'לאך וואס וועלען צייגען צו וואס פאר א נידעריגע שטופע מאנכע לינקע „יוניאן רעטער" קענען זינקען.

ביי פאסמאניק, 40 וועסט 22טע סט. איז דער טשערמאן א לינקער. ער האט דערפאר געגעבען נאטיס צו א געוויסען מאקס שלעמאוויטש, אז אויב ער וועט ניט געבען 10 דאלאר פאר דער „עקשאן קאמיטע", וועט ער, אלס טשערמאן, איהם אפסטאפען די אינשורענס. דער ברודער, זייענדיג אין א זעהר געדריקטע לאגע, האט איהם געענטפערט, אז ער דארף דאס געלט פאר זיך און איבערהויפט איז ער געגען דעם מען זאל העלפען די יוניאן [illegible] ברעכער.

דער טשערמאן האט מקיים געווען זיין סטראשונאק און ווען דער מאן פון אינשורענס אפיס האט געהאלטען אין אויסצאהלען דעם אויבענדערמאנטען ברודער זיין אינשורענס אין שאפ, האט דער טשערמאן געסטאפט די אינשורענס, דערצעהלענדיג אויף דעם ברודער פארשידענע פאלשע סטייטמענטס. נאטירליך האט דער טשערמאן גאר ניט אויסגעפיהרט, ווייל אונזער לאקאל אפיס האט פאר'ן ברודער קאלעקטעד די אינשורענס. דיזער פאקט צייגט אבער ווי חוצפה'דיג און פארברעכעריש לינקע קענען האנדלען.

אונזער לאקאל אפיס העלפט אלעמען צו קריגען געזעצליכע אינשורענס. ניט פרעגענדיג צו זיי זיינען רעכטע אדער לינקע. אפילו מיטגלידער פון דער אויסגעשלאסענער עקזעקוטיווע פון לאקאל 2, האט אונזער אפיס געהאלפען קריגען זייער אינשורענס. און דא וויל א לינקער טשערמאן צווינגען א נויט באדערפטיגען ברודער צו געבען מעשר צו די יוניאן ברעכער, אז ניט איז ביי איהם רעכט צו בארויבען א מעמבער פון דאס געלט, צו וועלכע ער איז געזעצליך בארעכטיגט.

נאך שטארקער איז דער פאל ביי דובאווסקי און שאפירא, 21 וועסט 19טע סטריט. דארטען איז געסעקט געווארען דער עקזאמינער. די יוניאן און די אסס'ן זיינען ארויף אין שאפ און דער אסס'ן פארטרעטער האט צוגעגעבען, אז עס איז ניט געווען קיין אורזאכע דעם מאן צו סעקען און ער דארף ריאינסטייטעט ווערען. די פירמע האט זיך אנטזאגט אויסצופאלגען די ענטשיידונג. פיהרט זיך אז אין אזא פאל רופט די יוניאן א סטרייק. זיינען אין יענעם שאפ די ארבייטער געקומען צו הילף די באלעבאסלאך און אונטער די אנפיהרערשאפט פון אן אפרייטאר, וועלכער איז א ברודער צו איינעם פון דער פירמע, האבען זיי זיך ערקלערט פאר לינקע און זיינען געבליבען ארבייטען אין שאפ ענטזאגענדיג זיך צו העלפען ריאינסטייטען א ברודער, וואס ארבייט מיט זיי שוין א יאהר צייט, וועמען דער באס האט נאך ארומגעזוכט מיט א האלב יאהר צוריק, וועלענדיג אויף אן אונעהרליכען אופן פון איהם פטור ווערען.

די „פרייהייט" האט זיך לעצטע וואך בארימט מיט דער האנדלונג פון די ארבייטער פון יענעם שאפ און עס צוטראגען אויף טעלערלאך.

איך לאז איבער צו די מיטגלידער פון לאקאל צו באשטימען אויב אזעלכע האנדלונגען קענען אנגערופען ווערען מיט אן אנדער נאמען ווי סקעבעריי און יוניאן־ברעכעריי.

מ. י. אשפיז,
מענעדזשער לאקאל 2.

עקזאמינערס יוניאן לאקאל 82 אנערקענט די גוטע ארבייט פון געוועזענעם מענעדזשער

ברודער מ. י. אשפיז, וואס איז פאר א משך פון עטליכע יאהר צייט געווען דער מענעדזשער פון דער עקזאמינערס און באגראדערס יוניאן, לאקאל 82, איז לעצטע וואך ערוועהלט געווארען אלס דער מענעדזשער פון דער קלאוק און ריפער אפערייטארס יוניאן, לאק. 2, און ער האט אריינגעשיקט זיין רעזיגנאציע צו לאקאל 82. דא איז די רעזיגנאציע און אויך א רעזאלוציע פון לאקאל, אויסדריקענדיג אנערקענונג פאר זיין ארבייט.

אט איז די רעזאלוציע:

עקזעקוטיוו באארד עקזאמינערס יוניאן, לאקאל 82.

ליבע ברידער:

מיט א געפיהל פון פארדרוס און באדויערן שרייב איך אייך דיזע ווערטער.

איך בין ביי אייך אין לאקאל אנגעשטעלט געווארען אלס מענעדזשער דעם 14טען יאנואר, 1919, ד. ה. מיט זעקס און א האלב יאהר צוריק. געקומען בין איך אין א קליינעם לאקאל, וואס האט ערשט אנגעפאנגען זיין לעבען און האט ערשט דורכגעמאכט זיין קינדער־קרענקהייט אין דער פארמע פון אן אינערליכער מחלוקת.

ווען איך בין צו אייך אנגעקומען, האב איך געצענגערט; איך בין ניט זיכער געווען, צי וועל איך אימשטאנד זיין צוריק צו פאראייניגען די צעריסענע עלעמענטען און שאפען א שלום־בית; אויב מיר וועט געלינגען דורכצופיהרען די ארבייט פון ארגאניזאציע, און וועלכער אייער לאקאל יוניאן האט זיך דעמאלט אזוי שטארק גענויטיגט. איהר, וויסענדיג די פאראנטווארטליכקייט פון דער ארבייט, האט אין מיין צענגערען ניט געזעהן קיין חסרון, נאר דוקא א מעלה.

באקומענדיג א צוזאג פון אלע טוער פון דעם דזשאינט באארד, דארונטער אויך פון ברודער מ. זיגמאן, דאן דער גענעראל מענעדזשער פון דער קלאוקמאכער יוניאן, האב איך אנגענומען דעם אמט און זיך גענומען דורכפיהרען די ארבייט.

עס איז פיליכט נאך ניט געקומען די צייט צו ציהען א סך־הכל פון דער ארבייט, וואס איך האב אלס אייער מענעדזשער, מיט אייער הילף און אונטערשטיצונג, געטאן אין לאקאל 82. איינס, גלויב איך, וועט איהר אלע צוגעבען, אז איך האב פון מיין זייט געטאן אלעס אין מיינע כחות און אין מיינע פעהיגקייטען, צו דינען אייך עהרליך און געטריי; איך האב אגיטירט, ארגאניזירט, געמענעדזשט און געפיהרט דעם לאקאל פאר די בעסטע אינטערעסען פון די מעמבערס. עס איז מיר אינגיכען געלונגען צו שאפען אייניגקייט און ארומגערינגעלט אלע אקטיווע מעמבערס ארום דעם לאקאל.

עס איז אמת, אז מיר האבען נאך אונזער ציל, צו קריגען פולע אנערקענונג, ניט דערגרייכט. אבער איך גלויב קוים, אויב ווער וועט קענען דיזען אפהאלט צושרייבען צו מיר. איך, ווי איהר ווייסט, האב געטאן אלסדינג, אז איהר זאלט ווערען א יוניאן, ווי אלע אנדערע — מיט פולע אנערקענונג.

איך בין צופרידען אונטערצושטרייכען, אז איך בין ביי אייך רעספעקטירט געווארען, אז אייער האלטונג צו מיר איז געווען מיט ווירדע, דאך האט איהר ניט איבערטריבען די מאס. ווען איהר האט געדענקט, אז איהר דארפט מיינע א געוויסע האנדלונג אדער פלאן קריטיקירען, האט איהר עס אויך געטאן. דערמיט האט איהר אויפגעהאלטען דעם גלייכגעוויכט, וואס מאכט, אז אן אפיסער זאל ניט ענטוועדער פיהלען אומבאקוועם אדער קריגען א געשוואלענעם קאפ.

מיר זיינען אזוי אנגעוואקסען מיט אונזער ארבייט, ביז עס איז געקומען דער יעצטיגער קאמף. איך וויל א ווארט ניט פארלירען איבער די אורזאכען, וואס האבען דעם קאמף ארויסגערופען. דער לעצטער מיטינג פון לאקאל 82 האט איבער דיזער פראגע געהאנדעלט און ערליידיגט. איך וויל בלויז אין דיזען בריף אייך באדאנקען פאר אייער האלטונג צו מיר דורך דער גאנצער צייט ביז היינטיגען טאג. דאס איז מיין איינציגע טרייסט, אז אויב מען טוט ארבייט עהרליך און איבערגעגעבען, ווערט דאס דאך אנערקענט. אין דער זעלבער צייט פיהל איך זיך אבער שולדיג, וואס טראץ דעם, וואס איהר האט געווארט 8 וואכען, מוז איך אייך יעצט אריינשיקען מיין רעזיגניישאן.

גלויבט מיר, אז איך האב קיינמאל זיך ניט פארגעשטעלט, אז איך וועל פון אייך אמאל אוועקגעהן אויף אזא אופן.

אבער ווי איך האב פאר אייך ערקלערט די לאגע מינדליך, בין איך אצינד געצוואונגען צו בלייבען אין לאקאל 2, צוליב די אינטערעסען און גאנצקייט פון דער יוניאן. אבוואהל פאר מיר פערזענליך וואלט זיך בעסער געלוינט ניט צו ווערען אריינגעצויגען אין דיזען שטרייט, איז אבער די באוועגונג וויכטיגער, ווי פערזאנען. עס איז די פליכט פון די לעצטע צו צייגען זייער אידעאליזם דערמיט, וואס זיי דארפען זיין בארייט מפקיר צו זיין זייערע פערזענליכע אינטערעסען פאר דעם בענעפיט פון דער באוועגונג. אין איצטיגען קאמף איז אויף מיין גורל געפאלען, אין מיין יעצטיגער פאזיציע, דורכצופיהרען א וויכטיגען טייל פון דער קאמפס־ארבייט.

איך מוז דאריבער אנגעהמען ווייטער צו שטעהן אויף מיין פאסטען אין לאקאל 2 און רעזיגנירען אלס מענעדזשער פון לאקאל 82. איך ווייס, אז מיין רעזיגנישאן, אהן נאטיס, אין דער איצטיגער צייט, וועט דעם לאקאל טאן א געוויסען שאדען, און איך באדויער דאס זעהר. איך קען אייך בלויז פארזיכערען, אז איך וועל דיזען חוב טרייען גוט צו מאכען. איך וועל קיינמאל ניט פארגעסען די יאהרען, וואס איך האב מיט אייך צוזאמען געארבייט און איך וועל אימער זיין בארייט אייך צו העלפען אין דער צוקונפט, מיט וואס איך וועל נאר קענען.

מיט דער מאטא: איינמאל א פריינד אלעמאל א פריינד! ווינש איך אייך ערפאלג אהן מיר פונקט ווי מיט מיר, און ווען דער קאמף אין די איינענע רייהען וועט זיין פאריבער — איך האף, אז אין א קורצער צייט — זאלט איהר, אין דער נאהענטער צוקונפט, שניידען מיט פרייד, וואס מיר אלע האבען צוזאמען יאהרען־לאנג געזייהעט מיט טרערען.

איך פארבלייב ברידערליך אייערער

מ. י. אשפיז.

אנערקענונגס רעזאלוציע

ביי דעם עקזעקוטיוו באארד מיטינג פון דער עקזאמינערס יוניאן, לאקאל 82, אפגעהאלטען דינסטאג, דעם 11טען אויגוסט, 1925, ווערט אנגענומען די פאלגענדע רעזאלושאן וועגען בר. אשפיז'עס רעזיגניישאן אלס סעקרעטאר מענעדזשער פון אונזער לאקאל.

אין אנבאטראכט, דאס ברודער אשפיז האט געדינט אונזער לאקאל אלס סעקרעטאר מענעדזשער פאר די לעצטע זעקס און א האלב יאהר און ער האט געטאן אלעס מעגליכע צו ברענגען אונזער לאקאל צו א צושטאנד, דאס אלע מעמבערס זאלען ווערען פראטעקטעט, ווי יוניאן לייט אין די שעפער, ווערט באשלאסען אויסצודריקען אונזער באדויערען, דאס ברודער אשפיז איז געווען געצוואונגען צו רעזיגנירען פון אונזער לאקאל אלס מענעדזשער.

עס ווערט אויך באשלאסען אויסצודריקען אונזער ברידערליכען און פריינדליכען דאנק צו ברודער אשפיז פאר זיינע גוטע ארבייט, וואס ער האט געטאן פאר אונזער לאקאל. מיר פארזיכערען ברודער אשפיז, אז די גוטע ארבייט, וואס ער האט געטאן פאר אונזער לאקאל, וועט ניט פארלארען געהן.

מיר האפען, דאס ברודער אשפיז, פארלאזענדיג אונזער לאקאל אלס מענעדזשער, וועט אונז ניט פארגעסען און ער וועט אונז העלפען מיט ראט און טאט.

האפענדיג, דאס מיר וועלען אימער בלייבען פריינד, ווינשען מיר איהם ערפאלג אין זיין ווייטערדיגער ארבייט פאר דער קלאוקמאכער יוניאן און אויך פאר דער גאנצער ארבייטער באוועגונג.

מיט ברידערליכען גרוס,

עקזעקוטיוו באארד עקזאמינערס, באגראדערס און בושלערס יוניאן, לאקאל 82, א. ל. ג. ו. יוניאן.

מ. גרייפער, פרעזידענט,
ס. רושינסקי,
טשערמאן עקזעק. באארד,
לעאן ראזענבלאט,
עקטינג מענעדזשער.

אינדזשאנקשאן געגען אייזען־ארבייטער יוניאן

די „נארד אמעריקען אייזען ווארקס" ביי וועמען די סטראקטשורעל אייזען־ארבייטער יוניאן פיהרט אן א סטרייק פאר די לעצטע זעקס וואכען, האט פון א סופרים קאורט ארויסגעקראגען א טעמפארערי אינדזשאנקשאן געגען דער יוניאן. דאס פיקעטען פון שאפ איז פון קאורט פארלויפיג פארבאטען, ביז עס וועט ענדליך ענטשיידען ווערען אויב די פירמע איז בארעכטיגט צו א שטענדיגען אינדזשאנקשאן.

דער סטרייק אין דעם שאפ איז אין א גוטען צושטאנד. סטרייקברעכער זיינען דארטען ווייניג דא.

שולדיג אין א זעהר ערנסטען פארברעכען געגען אייער יוניאן, געגען זיך זעלבסט און געגען אייערע אינטערעסען אלס ארבייטער.

איך האב עס געהאלטען פאר מיין פליכט צו ווארנען אייך דורך אונזער צייטונג, איידער עס איז צו שפעט. נעהמט אריין גוט אין זינען מיינע ווערטער צו אייך, אלס אייער אלטער פריינד און מיטקעמפער. העלפט ניט די יוניאן-שונאים מיט אייערע אייגענע הענט צו צוברעכען די יוניאן, וואס האט גענומען יאהרען-לאנג אויפצובויען. אונטערגראבט זיך ניט אונטער די ווארצלען פון דעם שעהנעם בוים, וואס האט גענומען יאהרען-לאנג אויסצוואקסען.

זייט ניט קיין פאררעטער פון דער יוניאן! זייט ניט קיין סקעבס! העלפט ניט די באסעס און אנדערע יוניאן-פיינד צו דער פארווירקליכונג פון זייער הארציגסטען וואונש.

קיין יוניאן-מאן, וואס ארבייט אין שאפ, טאר זיך נעקסטען דאנערשטאג, 3 אזייגער נאכמיטאג פון ארט ניט ריהרען, און מוז בלייבען ביי דער ארבייט. יעדער יוניאן-מאן, וואס האט מאמענטאן ניט קיין ארבייט, דארף אויסוויכען דעם אומגעזעצליכען אפענעם יוניאן-פיינדליכען מיטינג, אויב ער וויל בלייבען געטריי צו זיין יוניאן און חיל איהר העלפען אין איהרע ווייטערע קעמפע, דורך וועלכע די פארפלוכטע ארבייטלאזיגקייט, און אלע אנדערע אונזערע אינערליכע און אינדוסטריעלע איבלען וועלען אויב ניט אינגאנצען אפגעשאפט, זאל קענען ווי ווייט מעגליך פארמינדערט ווערען. יעדער דענקענדער ארבייטער, וועמען עס איז טייער די ארבייטער-באוועגונג, דארף, ווי א מגפה, אויסמיידען די מיטינגען, וואס ווערען געפלאנעוועט פון דעם ערגסטען מין יוניאן-שונאים, וואס זיינען אנגעשטאנ: אויף דעם לעבען און שטרעבען פון די ארבייטער-יוניאנס.

מיט יוניאן-גרוס,
מאריס זיגמאן, פרעזידענט,
אינטערנעשאנעל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן.

די ניי-ערוועהלטע עקזעקוטיוועס פון די לאקאלס 2 און 9 ווערען אינסטאלירט

דינסטאג, דעם 11טען אויגוסט, זיינען פארגעקומען וואהלען פאר עקזעקוטיוו-באָרד מעמבערס און מענעדזשערס פאר די לאקאלס 2 און 9, און דעם דינסטאג און מיטוואך ווערען געמאכט די אינסטאלליישאנס פון די ניי-ערוועהלטע באאמטע.

די אינסטאלליישאן פון די באאמטע פון די קלאוק פינישערס יוניאן לאקאל 9 וועט פארקומען דינסטאג אווענט, דעם 18טען אויגוסט, אין דער צייט וועט די צייטונג זיין אין דרוק, און די אינסטאליישאן פון די קלאוק און ריפער אפערייטארס יוניאן לאקאל 2, וועט פארקומען מיט א טאג שפעטער, מיטוואך אווענט, דעם 19טען אויגוסט.

די אינסטאליישאן פון לאקאל 9 וועט פארקומען אין אודיטאריום פון אונזער אינטערנעשאנאל בילדינג, 3 וועסט 16טע סטריט.

די אינסטאליישאן פון לאקאל 2 וועט פארקומען אין די ראנד סקול בילדינג, 7 איסט 15 טע סטריט, ניו-יארק.

ל. ראזענצווייג, ס. רעזניק און פיליפ שייפער (קאפיר).

אין די וואהלען פון די קלאוק-פינישערס יוניאן, לאקאל 9, האבען זיך באטייליגט 867 מיטגלידער און די פאלגענדע פערזאנען זיינען ערוועהלט געווארען:

פאר מענעדזשער פון לאקאל 9, י. סארקין.

פאר עקזעקוטיוו באארד מעמבערס: מאקס ברעדשניידער, סאלאמאן בענדער, סעם בערמאן, קארל בערקאוויטש, מאקס גאלדשטיין, סעם גאלדשטיין, הערי גארטנער, ראזע העניג, דזשאו הארוויץ, היימאן וואכטלער, סעם לעפקאוויץ, קיטי מאנדרעס, היימאן סאלצבערג, סילי סאמערס, איזידאר סיגעל, אברהם סלאבאדא, דזשייקאב פרידמאן, סעם צוקערמאן, אברהם קאהען, איזידאר קאהען, אייב קאהען, לואיס קאופמאן, ניקאלאס קוירצמאן, מאיר קושנער און מאריס שניידער.

אויף א צווייטער זייט פון דער צייטונג וועלען די לעזער געפינען א באריכט פון ברודער אשפיז, דער ניי-ערוועהלטער מענעדזשער פון לאקאל 2, אין וועלכען די לעזער וועלען געפינען די ציפער פון די צאל שטימען, וואס יעדער קאנדידאט באזונדער האט באקומען.

די אינסטאליישאן רעדעס אויף די צוויי מיטינגען וועלען געהאלטען ווערען פון פרעזידענט זיגמאן, סעקרעטער באראף, ש. יאנאווסקי, רעדאקטאר פון דער „גערעכטיגקייט" און נאך אנדערע.

דער רעזולטאט פון די וואהלען

ווען מיר זיינען געגאנגען צום דרוק מיט די „גערעכטיגקייט" פון לעצטע וואך, איז נאך ניט באקאנט געווען דער רעזולטאט פון די וואהלען אין די צוויי לאקאלס, און מיר קענען עס פארעפענטליכען ערשט היינט, כאטש דאס איז שוין, אזוי צו זאגען, אלטע נייעס.

עס פרעהט אונז צו באריכטען, דאס די צאל שטימען, וואס איז אפגעגעבען געווארען אין די וואהלען איז א גאנץ שעהנע. עס זיינען פארגעקומען געווען וואהלען אין די לאקאלס אין נארמאלע צייטען, וואס די צאל שטימען וואס זיינען דאמאלסט אפגעגעבען געווארען איז ניט געווען גרעסער ווי איצט. עס איז נאר ניטא וואס זיך צו באקלאגען. אונטער די אומשטענדען איז עס ווירקליך שעהן, איז עס א גאנץ גוטער סימן, נעהמענדיג אין אנבאטראכט די שמוציגע אגיטאציע, וואס דאס קאמוניסטישע געזינדעל האט אנגעפירט געגען די וואהלען, אויפפאדערענדיג אבער און ווידער די אפערייטארס און די פינישערס צו „בייקאטירען" די וואהלען, דאס קיינער זאל נים נעהן שטימען; איז זיך ניטא וואס צו באקלאגען אויפ'ן רעזולטאט. דאס באווייזט, אז אלע מחות פון די מיטגלידער קאנען זיי ניט פארטומלען, און אז באלד, באלד וועלען די פאררעטער אינגאנצען ארונטער פון דער סצענע.

דער רעזולטאט איז ווי פאלגט.

אין דער קלאוק און ריפער אפערייטארס יוניאן, לאקאל 2, האבען זיך באטייליגט 994 מיטגלידער און די פאלגענדע פערזאנען זיינען ערוועהלט געווארען:

פאר מענעדזשער פון לאקאל 2, מ. אשפיז.

פאר טשערמאן פון לאקאל 2, נ. היינס.

פאר עקזעקוטיוו באורד מעמבערס: א. אבראמסאן, ה. איננבער, דזש. בלאק, ב. בעקער, וויליאם בלום, מ. גאנז, ס. גינזבערג, ס. נאראן, ד. געגזער, דזש. גרטערמאן, א. גאלדשטיין, י. ב. האלענדער, ע. וועטער, ה. לאפידוס, ב. מילער, א. נאגאשינער, ה. פערלמוטער, ר. צוקערמאן, ב. קאפלאן, ס. רודין, מאקס רובין,

דער קאנצערט פון י. ל. פרץ שרייבער פאראיין, נעקסטען שבת אווענט אין קוני איילענד

נעקסטען שבת, דעם 22טען אויגוסט, וועט אין קוני איילאנד זיין א שעהנער און פרעהליכער אווענט. דאס וועט זיין דער קאנצערט און באל פון י. ל. פרץ שרייבער-פאראיין. עס וועלען אויפטרעטען די באליבטעסטע אידישע שוישפילער, זינגער און שפילער. דאן וועלען שרייבער-הומאריסטען פארלעזען פרעהליכע זאכען און ס'וועט זיין חי — געלעבט!

אבער דאס איז נאך ניט אלץ. נאך דעם קאנצערט וועט זיך ערשט אנהויבען דער ביינאכטיגער באל, וואס וועט זיך ציהען ביז'ן גרויען פארטאג.

אין קאנצערט וועלען זיך באטייליגען: מאריס שווארץ, אהרן לעבעדעוו, היימי דזשייקאבסאן, לאזאר פריעד, די יונגע פרימאדאנא בעלא מייזעל, מארק שווייד, חזן ר' ישראל בריה, דער פיאניסט אלשאנעצקי, די באריהמטע רוסיש-אידישע זינגערינס און טענצערינס ווארנא און וויעסלאיא, מיכאל מיכאלעסקא, מאריס נאוויקאוו פון האפקינסאן טעאטער און דער עמוד-קינסטלער און קאנצערטיסט חזן ר' יאסעלמאן.

י. י. זעווין, תשר"ק, ח. נאטעספעלד, טוביה שטייכעל און יוסף באנק (באנקיר פאן יאסעלדארף) וועלען פארלעזען.

דאס אלץ וועט פארקומען אין דעם „רענסלענר" האלל, סורף עווענוי און 20טע סטריט.

טיקעטס שוין צו באקומען אין אלע אידישע רעדאקציעס און אין אפיס פון „רענסלאנר".

א פערזענליכע ערקלערונג

פון דזש. ברעסלאו, מענעדזשער לאקאל 35

דאס קאמוניסטישע בלעטעל פון פרייטאג, דעם 14טען אויגוסט, אין א ספעציעלער קעסטעלע אויף דער פראנט פיידזש, טשעפענדיש מיר בזה הלשון: „ברודער ברעסלאו, די קלאוק און דרעסמאכער וועלען אייך האלטען ביים ווארט!" און עס ווערט דארט געבראכט דער אויסצוג פון א רעדע, וואס איך האב געהאלטען ביי א מיטינג פון אלע עקזעקוטיוו באארדס. דער אויסצוג, ארויסגענומען פון דער „גערעכטיגקייט", איז ווי פאלגט: „וויס-פרעזידענט ברעסלאו ערקלעהרט אין א באגייסטערטער רעדע, אז די הויפט-אישו אין דעם קאמף איז ניט די קאמוניסטען, נאר די טאקטיק וואס זיי באנוצען אין דער יוניאן. ער רעדט אויך וועגען דעם סטאפפעדזש, באהויפטענדיג, אז אויב א מאיאריטעט פון די מעמבערס וועלען זיך אפרופען אויף זייער רוף פאר א דזשענעראל סטאפפעדזש, דאן וועט די איצטיגע אדמיניסטראציע מוזען נאכקומען דעם ווילען פון די מעמבערס. ער איז אבער זיכער, אז די קלאוק און דרעסמאכער זיינען מיט דער יוניאן, און וועלען זיך ניט אפרופען אויף דעם רוף פון די דעמאגאגען און זיי וועלען בלייבען אין די שעפער".

דאן הייסט עס ווייטער אין דער ספעציעלער קעסטעלע:

„ווען ברודער ברעסלאו וואלט מיינע ערנסט וואס ער רעדט, וואלט ער שוין לאנג געדארפט זעהן, אז די איצטיגע אדמיניסטראציע זאל נאכקומען דעם ווילען פון די מעמבערס. ברעסלאו ווייסט גוט, אז צווישען די מעמבערס זיינען ניטא אפילו קיין צוואנציג פראצענט, וואס זאלען ניט זיין קיין געגנער פון דער זיגמאן-מאשין מיט אלע איהרע ארויסהעלפער. נאר אויב ברעסלאו וויל נאך ווארטען צו זעהן, אויב א מערהייט פון די מעמבערס וועלען זיך אפרופען פאר א דזשענעראל סטאפפעדזש, וועט ער מסתמא עס זעהן קומענדען דאנערשטאג!

„נאר געדענקט, ברודער ברעסלאו, אז פון קיין צונג טאר מען קיין עס ניט מאכען. די קלאוק און דרעסמאכער וועלען אייך האלטען ביים ווארט".

דאס איז א קאפיע, ווארט און ווארט וואס עס איז געדרוקט געווארען אין דער „פרייהייט".

איך וויל ערקלעהרען, אז איך וויל ניט און וועל ניט אריינגעהן אין קיינע דיסקוסיאנען מיט דעם קאמוניסטישען געזינדעל. נאך מיין מיינונג נאך, פארטרעט עס ניט די קלאוק און דרעסמאכער און זי רעדט ניט אין זייער נאמען. נאטירליך, איז במילא נישטא וואס מיט איהר צו דיסקוטירען. איך וויל אבער ערקלעהרען צו אונזערע מעמבערס, סיי קלאוקמאכער און סיי דרעסמאכער, אז זיי קאנען מיך האלטען ביים ווארט. ווען דאס וואס איך האב געזאגט זאל דורכגעפירט ווערען אין לעבען פון דער היינטיגער דזשאינט עקשאן קאמיטע, איז אט וואס די דזשאינט עקשאן קאמיטע דארף טאן, כדי איך זאל ערפילען דאס, וואס איך האב געזאגט אין מיין רעדע — זי דארף רופען די ארבייטער צו ווארפען די ארבייט צעהן אוהר פרי, ווי די יוניאן האט דאס געטאן אין אלע פריהערדיגע סטאפפעדזשעס, אנגרייטען האלס פאר אלעמען, רעדזשיסטרירען אלע ארבייטער, וועלכע האבען געסטאפט נאך דעם לאקאל נאך און נאך דעם שאפ נאך — אזוי אז מען זאל וויסען, ווער און וואס האט געסטאפט און מיר זאלען זיין זיכער, אז דאס זיינען יוניאן מעמבערס. ערשט נאכדעם, ווי א פאר טעג וועלען אוועק, און עס וועט זיך ארויסצייגען, אז א מאיאריטעט מעמבערס האבען טאקע ווירקליך געסטאפט, דאן בין איך פארטיג צו האלטען מיין ווארט. אבער רופען א סטאפפעדזש, ווי איהר רופט יעצט, אז מען זאל סטאפען דריי אוהר נאכמיטאג, ווייל די איינבארופער אליין ווייסען, אז 10 אוהר וועט קיינער ניט סטאפען, מיט אויסנאהמע פון א פאר פאנאטיקער און פאררעכטיגע פערזאנען, און דער חשבון איז צו סטיידזשען א קאמעדיע און אנצופילען די האלס מיט אויטסיידער, וועלכע וועלען פארשריען ווערען אלס קלאוקמאכער, און ערשט נאך פינף אוהר וועלען פיליכט א פאר קלאוקמאכער אויך צוקומען — און נאכדעם אויף מארגען, צו טרומייטערען, אז אלע קלאוקמאכער האבען געסטאפט — איז א שווינדעל און א פעיק, וועלכען קיינער קען ניט נעהמען ערנסט.

איך באטאן נאכאמאל, אז אויב עס זאל ארויסגערופען ווערען אזא סטאפעדזש, ווי איך האב פארגעלייגט, וועל איך זיכער האלטען מיין ווארט.

איך וויל אין דער זעלבער צייט ערקלעהרען, אז וואס אנבאלאנגט מיין לאקאל, די קלאוק, סקוירט, דרעס פרעסערס יוניאן לאקאל 35, וועמען איך רעפרעזענטיר, ספעציעל אלס מענעדזשער, האב איך ניט געווארט אויף קיינעמס טשאלענדזש, נאר ביי א גרויסען מיטינג פון איבער צוויי טויזענד פון די קלאוק פרעסערס, דאנערשטאג, אויגוסט דעם 6טען, האב איך אליין אויפגענומען די פראגע מיט די מעמבערס וועמען איך פארטרעט און האב זיי אין די קלארסטע ווערטער ערקלעהרט, אז אויב זיי דענקען, אז זיי זיינען ניט איינפארשטאנען מיט דעם אופן ווי איך פארטרעט זיי און אויך מיט די פאליסי פון אונטערשטיצען די אינטערנעשאנאל און דעם דזש. באארד, דאן בין איך פארטיג צו רעזיגנירען. אין דער זעלבינער „גערעכטיגקייט" וואו עס איז געווען פארעפענטליכט מיין ערשטער סטייטמענט, קענט איהר אויך געפינען דעם באריכט פון אונזער מיטינג. אונזערע מעמבערס האבען כמעט איינשטימיג מיט די גרעסטע אוואציעס און הורראַ-געשרייען אנגענומען די רעזאלוציע פון דער עקזעקוטיוו באארד און צוריקגעוויזען מיין רעזיגנאציע.

דזש. ברעסלאו,
מענעדזשער לאקאל 35.

די יוניטי הויז וועט זיין אפען בלויז נאך א פאר וואכען

דער זומער סעזאן אין קאנטרי פארענדיגט זיך באלד. די אינטערנעשאנאל יוניטי הויז, אין פארעסט פארק, אויף די „בלויע" בערג פון פענסילווייניא, וועט נאך זיין אפען בלויז א פאר וואכען, איבער לייבאר דעי. און אויב איהר ווילט זיין דארט נאך דעם זומער, דארפט איהר זיך אונטערזיילען. דאס בעסטע איז באלד אריינצוגעהן אין אפיס פון דער יוניאן, 3 וועסט 16טע סטריט, און זיך רעדזשיסטרירען, ... מען לאזען פאר אייך פלאץ. טוט עס טאקע גלייך, וועט איהר זיין זיכער, אז איהר וועט נים זיין צווישען די פארשפעטיגטע, צווישען די, וואס קומען אלע מאל צו שפעט. זייט אין צייט.

אין יוניטי הויז האט דער עולם קיין מאל פריהער אזא הנאה ניט געהאט ווי דעם היינטיגען סיזאן. אין דעם וואונדער-שעהנעם פלאץ האט מען שטענדיג גוט פארבראכט, אבער היינטיגען סיזאן איז עס גאר, גאר וואונדער! און אלע באזוכער זיינען העכסט צופרידען.

אבער וואס איז דא פאראן א סך צו רעדען, — רעדזשיסטרירט אייך, פאקט איין דאס סעטשעל און פאהרט! איהר וועט אונז זיכער דאנקען פאר דער גוטער עצה. פאהרט און רוהט זיך אויס א ביסעל. א וואך אדער צוויי אין דער יוניטי הויז מיינט פארבעסערען אייער געזונט. עס מיינט, עטליכע יאהר לענגער לעבען. און דאס קאסט אייך אזוי ביליג. לאזט ניט דורך די געלעגענהייט זיך א ביסעלע אפצופרישען.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President
A. BAROFF, Sec'y-Treas.
S. YANOFSKY, Editor
H. A. SCHOOLMAN, Business Manager
Subscription price paid in advance: $1.00 per year
Vol. VII. No. 34. New York, Friday, August 21, 1925
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

„יוניטי הויז" די זומער ארבייטער היים פון דער אינטערנעשאנאל

פון ב. ווינשטיין *)

אין די נאך פריהערדיגע יאהרען פלעגען פאהרען אויף א „וועקיישאן" בלויז גבירים. גאנץ רייכע מענשען פאהרען פון אימער אן, אי זומער אי ווינטער, ביי ווי איז עס א שטענדיגע וואקיישאן. אזוי זיך פארמעגליכע פאה-רען זומער צייט אין א קאנטרי, די איינציגע מענשען וואס פלעגען אין די אמאליגע צייטען אין ערגעץ ניט פאה-רען, סיידען צו א פיקניק, דאס זיינען געווען די גרויסע מאסען שאפ ארביי-טער און זייערע פאמיליען.

מען פלעגט אמאל יא אן ארבייטער אין יענע יאהרען שיקען אין די „קעטס-קילס", דאס איז געווען דעמאלט ווען ער איז שוין שטארק קראנק געווען און דער דאקטאר האט איהם באפוילען צו פאהרען אין קאנטרי, צו רעטען זיין לעבען.

פאר די לעצטע פופצעהן יאהר אבער, זייט עס איז געלונגען אויפצו-בויען גרויסע און שטארקע יוניאנס, וועלכע האבען דורך פילע קעמפע גע-וואונען פאר די ארבייטער בעסערע קאנדיציאנען אין די שעפער, און אויך גרעסערע ווייזדזשעס, וועלכע גיבען א מעגליכקייט צו א געוויסער צאהל ארבייטער פאמיליען, א סך מעהר צו סינגעל לייט און ארבייטער מיידלאך, צו קענען אוועקפאהרען פאר א וואך, אדער צוויי אין קאונטרי פאר א „וואַ-קיישאן". זייט דאן אן, איז ביי ארביי-טער אויך געווארען א מאדע צו פאה-רען אויף „וואקיישאן".

צו פאהרען אין קאונטרי קאסט אבער א סך געלד, האבען דערפאר איי-ניגע ארבייטער ארגאניזאציעס געגרינ-דעט קאאפעראטיווע זומער - היימען, אדער „קעמפס", אום ליזבטער צו מא-כען פאר אן ארבייטער צו קענען פאה-רען.

איינע פון די שעהנסטע און גרעסטע זומער-היימען איז אהן צווייפעל די „יוניטי הויז", וועלכע באלאנגט איצט צו דער אינטערנעשאנעל לידיס גאר-מענט ווארקערס יוניאן.

דיזע גרויסע און רייכע זומער-היים איז פאר יאהרען לאנג געווען א פלאץ בלויז פאר גאנצע און האלבע מיליאנע-רען, וועלכע פלעגען קומען דארטען זו-מער צייט פארברענגען און אויך געהן, ווי מען רופט עס, „אויף דער יאגד", דארט איז דא א וואלד, וועלכער פאר-נעהמט מיילען ווייט.

די „יוניטי הויז" ווערט ניט אויס-געהאלטען פאר קיינע פראפיטען, נאר פאר דער טובה וועגען פון די גרויסע מעמבערשיפ פון דער אינטערנעשאנעל און ווען עס איז דא פלאץ, גיט די יוניאן א געלעגענהייט יוניאן-לייט פון אנדערע טריידס אויך אהין צו קומען. ערשט דעם יאהר האט דיזע אינטערנעשאנעל יוניאן געספענדעט פיל טויזענטער דא-לאר אום דעם פלאץ צו באנייען. און דאך איז דער פרייז פאר באארד אין „יוניטי הויז", הויפטזעכליך פאר איי-גענע מיטגלידער, זעהר אן אומבא-דייטענדער. און די ווינארדס וואס יע-דער קריגט דארט, זיינען די בעסטע.

אין „יוניטי הויז" איז דא פלאץ פאר 600 געסט. אלע רומס זיינען אמת'ע פאלאצען מיט די מאדערנסטע אימפרואוומענטס, ווייל, ווי שוין גע-זאגט, איז דאס געווען א זומער האטעל פאר רייכע. אלץ איז דארט לויט סאני-טארישע באדינגונגען.

אויסערגעוועהנליך איז דעם סיזאן רייך אויסגעפיקסט געווארען די דיינינג רום, וועלכע האט פלאץ פאר אלע 600 געסט. די פענסטער פון דעם שעהנעם „עס צימער" קוקען ארויס צו דעם גרוי-סען טייך.

ארײנקומענדיג אין דעם „דיינינג-רום" איז דער בליאסק פון די ווייסע טישטיכער און דער ריח פון די ארומיגע סאסנאווע בוימער, מאכען שטארקער דעם אפעטיט ביי אלעמען. אין „יוניטי הויז" זשאלעוועט מען ניט קיין אכילה. עס איז דאך צוגעגרייט פון איינענע פאר איינענע. צום עסען איז דארט פאראן פארשיידענע פאטראוועס, אזוי דאס יעדער קען זיך אויסקלייבען וואס ער גלייכט. זייט איהר א וועגעטאריא-נער, נים מען אייך דיזע געריכטען. עסט איהר טשיקען, בראטען, ווערזשעטיי-בעלס, קריגט איהר אלעס פריש. יוניאן ברויט און קייק ווערט געבאקען אין „יו-ניטי הויז", היימישע און געשמאקע גע-בעקס.

גרויס און שעהן איז די „פארלאר" אין „יוניטי הויז", דארט איז דא פלאץ פאר א פאר הונדערט געסט צום פאר-ברענגען. ביי די זייטען פון גרויסען זאל שטעהען טישען און דער עולם שרייבט לעטערס, א בריוועלע צו דער מאמען.

פילע מיידלאך, וועלכע פארברענגען אין „יוניטי הויז" ברענגען ווי [illegible] זייערע מאמעס און אנדערע—טאטעס, וואַ-לען די עלטערע מענשען אויך אביסעל געניסען אין דעם זומערדיגען ארבייטער-גן-עדן פון די ארבייטער. עס איז אויך דארטען דא א ספעציעלער גרויסער זאל פאר באלער, קאנצערטען, לעקטשורס און קליינע טהעאטער פארשטעלונגען. א גאנצען טאג ווערט די גרויסע האל פארנומען צו מאכען עקסערסייז (גימ-נאסטיקס). אין „יוניטי הויז" איז דא אן אייגענער ארקעסטער, מוזיק, און מען לאדעט איין קאנצערטיסטען און פארלע-זער. א היבשע צאהל פון די טאלאנ-טען, ספעציעל אידישע אקטיארען, ספענדען אין דער ארבייטער-היים זייער וואקיישאן. די אלע טאלאנטען נעהמען אנטייל יעדען אבענד אין די פעסטליכ-קייטען, וואו דער עולם אמוזירט זיך.

די לעקטשורס און פארלעזונגען ווערען געהאלטען אין וואלד, ביים טייך, וואס רופט זיך „פיין גראוו". ניט ווייט פון טייך שטעהט א פלאטפארמע און דער עולם זיצט ארום אויף בענק.

אין א ספעציעלע גרויסע זומער הויז געפינט זיך די ביבליאטעק און לעזע צימער פון דער „יוניטי הויז". דאר-טען זיינען פאראן א פאר טויזענט בי-כער אין אלע שפראכען פון די בעסטע שרייבער. ביכער אין אידיש קריגט איהר דארטען כמעט אלע. מען קען זיי ארויסנעהמען צום לעזען אדער צו לייע-נען אין דעם לעזע-צימער גופא, וואו עס איז שטיל און רוהיג. דארטען זיי-נען אויך פאראן א היבשע צאהל טעג-ליכע צייטונגען און מאנאטליכע זשור-נאלען.

דער גרויסער טייך, וואו דער עולם באדט זיך, פארנעהמט עטליכע מייל אין דער ברייט און דער לענג. עס זיינען דארטען דא לאדקעס צום שיפען. איי-ניגע ברענגען מיט פישער-געצייג, און כאפען פאר זיך אביסעל פיש. ביים טייך קומען פאר אין אבענד די „פייער קעמפס", וואו עס קלייבען זיך צוזאמען די מייסטע געסט און מען זינגט ארום פייער, און אמאל טאנצט מען צו.

אם מייסטענס פארברענגט דער עולם אויף דער פרייער לופט, און א יע-דער נעהמט זיך א „הייק", א שפאציר, אויף עטליכע מייל. מייסטענס נעהמט מען קאמפאניעס-ווייז און עס איז פרעהליך. היינט זיינען דא פארשידע-נע גיימס, שאך, צעטלאך, א ספעציעלע באולינג פלאץ, וואו מען שפילט קע-געל; א גרויסער טעניס קאורט, מען שפילט גאלף ביים באלל און פוט באלל.

די גרעסטע לוסטיגקייט צייגען ארויס די קינדערלאך, וועמען זייערע עלטערען ברענגען מיט מיט זיך אין „יוניטי הויז". די טיטשערין לערענט זיי טאנצען, מאכט מיט זיי גימנאסטי-קע און זיי שפילען צוזאמען פארשידענע גיימס, עס איז אן אמת'ער תענוג צו-צוזעהן, ווי קינדערלאך פון ארבייטער האבען א מעגליכקייט צו געניסען אזעל-כע פארגעניגענס אין דער פרישער לופט פון דער פרייער נאטור.

ביים ארייןפאהר אין „יוניטי הויז", וואו מען באגעגענט דעם גרויסען אויפ-שריפט „וועלקאם", דערזעהט מען גלייך דעם גרויסען רונדען סוירקעל פון אלע קאטערזשעס און די בילדינגס פון דער „יוניטי הויז", וועלכע פארנעהמען א האלבען מייל. אין מיטען פון דעם גרויסען סוירקעל געפינען זיך וואונדער-בארע גרינע לאנקעס מיט טייערע פרוכט-בוימער, פון וועלכע עס הענגען ארום פארשיידענע פירות. היינט די בלומען פון די פארשיידענע קאלירען גיבען פון זיך ארויס אמת'ע בשמים. אלעס בליהט. און פונקט אין מיטען פון גרויסען צירקעל געפינט זיך א שעה-נער פייער-נארענדיגער פאנטאן, איינגע-טונקט אין ראזען, פון וואנען עס שפריצט קאלטע פרישע וואסער. ווען די אויג דערזעהט דעם וואונדער און די נאז דערשמעקט דעם ריח און דער קער-פער פון מענשען דערפיהלט די קיהל-קייט, פארגעסט מען גלייך אין דער שטיקענדיגער היץ פון דער גרויסער שטאט.

ארום און ארום, צווישען אלעען, שטעהען גרין געפארבטע בענטשעס. דארטען זיצען די מענשען וואס ווילען אדער דארפען רוהען.

ווען מען וויל אמבעסטען באטראכ-טען יענעם שעהנעם בילד, געהט מען ארויף אין איינער פון די הויכע „בע-סעדקעס". פון דארטען ערשט קען מען זעהן די שעהנקייט און ריינקייט פון דער זומערדיגער ארבייטער היים.

דער שרייבער פון דיזע צייל[ען], שפא-צירענדיג אין גרויסען רעגען פון איין עק פון די קאטערזשעס ביז'ן צווייטען, וואס עס פארנעהמט א שעהנע פאר שטאדטישע בלאק, זעהט ער א וואונ-דער — עס רעגענט, און ער ווערט ניט נאס! ווי אזוי קען עס זיין. דא בא-מערקט ער, אז די גאנצע שטרעקע ארום אלע הייזער, וואס פארנעהמט א האלבע מייל, איז באדעקט מיט דעכער. אמת'ע וואונדער. דערביי דערמאנט זיך דער שרייבער פון דיזע צייל[ען], אז וועגען אזא זאך האט ער דאך אמאל געלעזען אין עדווארד בעלאמי'ס בוך „אין הונ-דערט יאהר שפעטער", וואו דער פּראָ-פעסער שילדערט די צוקינפטיגע סא-ציאליסטישע געזעלשאפט, ווי אזוי ער האט געזעהן ווי יענע מענשען לעבען אמת ברידערליך, פריינדליך, ווי לייכט יעדערער ארבייט דארטען, בלויז א פאר שטונדען אין טאג, און ווי שעהן און וואונדערבאר יענע מענשען לעבען. דאס האט דער פּראָפעסער בעלאמי געזעהן אין חלום. ער באשרייבט אויך ווי ער האט געזעהן דארטען, אז אין א רעגען דארף מען שוין ניט האבען מעהר קיין אמברעלאס, ווייל אזוי שנעל ווי עס האט גענומען רעגענען ווערען אויף אלע „סיידוואקס" אויסגעצויגען אזעלכע „אונינגס", און עס קען גיסען. מיט צע-בערעס, ווערט קיינער ניט פארנעצט. דיזע קלייניגקייט האט בעלאמי בא-מערקט צווישען טויזענטער אנדערע גר-טע זאכען, וועלכע ער האט געזעהן אין דער צוקונפטיגער געזעלשאפט, נאר גע-זעהן האט עס בעלאמי אין פאנטאזיע.

אין „יוניטי הויז" זעהט מען פילו פון די גוטע זאכען, ווען איהר זייט וואכעדיג.

דער שרייבער פון דיזע צייל[ען] האט אויך געזעהן ווי די 100 אנגעשטעלטע ארבייטער אין „יוניטי הויז" ווערען מענשליך און ברידערליך באהאנדעלט פון דעם מענעדזשמענט. דארטען זעהט איהר ניט קיין אונטערשיד פון א גאסט ביז א דיש-וואשער. אן ארבייטער אדער ארבייטערין, וועלכע האבען קיין מעגליכקייט ניט געהאט צו שפארען געלד פאר וואקיישאן, קומען אין „יוניטי הויז" ארבייטען אלס וועיטערינס, דיש וואשערינס, שטוב מיידלאך. אזוי שנעל ווי אן ארבייטער פון דער „יוניטי הויז" טוט אפ זיין ארבייט, מישט ער זיך אויס מיט די געסט און פארברענגט צוזאמען. זיי וואהנען אין די זעלבע רומס, מיט די געסט. איינינע פון זיי קומט אויס צו זיין די כאר-דירינגענטען ביי געזאנגס-גרופען, וואס ווערען דאר-טען צוזאמענגעשטעלט, אנדערע זיינען גאר רעדאקטערע פון דעם „שיינעל", אדער די „שיקסע" (אזעלכע מינים גע-שפראכענע „קיבעצערס") וועלכע ווערען „פארגעלעזען" ביי די „ענטערטיינ-מענטס" וואס קומען פאר יעדע וואך.

דאס שעהנסטע פון אלעס איז די שטימונג וועלכע הערשט צווישען דער גרויסער משפחה פון די זומערדיגע געסט אין דער „יוניטי הויז". מיט פריינד-שאפט באגעגענט מען די ערשטע אנגע-קומענע געסט און מיט אמת'ער ליב-שאפט געזעגענען זיך אלע וואס פאהרען אהיים, מיט די יעניגע גליקליכע וואס קענען נאך אביסעל פארבלייבען אין דעם ארבייטער גן-עדן. אין יוניטי הויז ווערען געשלאסען נאהענטע באקאנט-שאפטען, וועלכע שאפען פאר יעדען נייע פריינד, מיט חברים, ווי זיי רופען זיך, ברידער און שוועסטער.

*) גענאסע ב. ווינשטיין האט פארבראכט זיין וואקיישאן אין די יוניטי הויז און ווען ער איז צוריקגעקומען האט ער פארעפענט-ליכט אין „פארווערטס" דעם ארטיקעל, וועל-כען מיר דרוקען דא איבער — רעדאקציע.

דער מיטינג פון דער סקוירטמאכער יוניאן, לאק. 23

אראכטאגען דאנערשטאג אווענט איז פארגעקומען אן ענטוזיאסטישער מיטינג פון דער סקוירטמאכער יוניאן, לאקאל 23. דער מיטינג איז אפגעהאלטען געווארען אין דעם יוניאן האל, אויף דער 14טער סטריט.

אויף דעם מיטינג האט געהערשט דער זעלבער יוניאן-גייסט פון לאיאליטעט צו דער אדמיניסטראציע, און געגען די קא-מוניסטישע פארשווערונג, ווי אויף דעם מיטינג פון די פרעסער. און אויך דארט האבען די פאר קאמוניסטישע נאכשלע-פער זיך געפיהלט גאר ניט היימיש. דאס זיינען געווען עטליכע לייטע, וואס די „עקשאן קאמיטע" האט געאָרדערט צו זיין אויף דעם מיטינג און מאכען טרא-בעל.

דער מיטינג האט זיך געעפענט אום 7.30. נאכדעם ווי עס זיינען פארגעלע-זען געווארען א רייהע פראטאקאלען איז געקומען צום פראטאקאל פון דזשאינט באארד, וואו עס ווערט באריכטעט וועגען דער אויסשליסונג פון די עקזעקוטיוועס פון די לאקאלס 2, 9 און 22, ווייל זיי האבען זיך אויפגעפיהרט לויט די בא-פעהלען פון דער קאמוניסטישער פארטיי און ניט אין די אינטערעסען פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן. אויף די-זער פראגע האבען זיך קוים דערווארט די פאר לינקע. זיי האבען גערעכענט, אז דער טשערמאן, בר. לואיס פינקאווסקי, דער מענעדזשער פון דעם לאקאל, וועט זיי געבען א געלעגענהייט צו מאכען עפעס א טומעל, אבער זיין רוהיגע און טאלעראנטע פיהרונג פון מיטינג איז פאר זיי געווען א טויט קלאפ. ער האט זיי געגעבען מעהר צייט ווי די לאיאלע מעמבערס פון דער יוניאן, אבער מיט יעדער פראזע, מיט יעדען שימפף-ווארט געגען די אלטע יוניאן-פיהרער, האבען זיי אלץ מעהר פארלארען די מעגליכקייט וועמען איינצורעדען, אז זיי פיהרען א קאמף אין די אינטערעסען פון דער יו-ניאן. אנשטאט דעם האבען זיי בלויז באוויזען זייער נארישע און לעכערליכע נאכשלעפען זיך נאך די קאמוניסטען, וועלכע האבען איין צוועק: באהערשען אדער ברעכען די יוניאן.

איינער פון די קאמוניסטישע רעדנער האט געוואלט באווייזען, אז דער בריף, וואס די דרעס מאנופעקטשורערס אסס'ן האט לעצטענס ארויסגעשיקט צו איהרע מעמבערס איז א פאררעט געגען די מא-סען.

וועגען דעם בריף פון דער דרעס אסס'ן האבען זיך די מעמבערס גוט אמוזירט ווען די קאמוניסטען רופען דאס פארראט. פאר 12 יאהר צייט ווערט גע-ארבייט אונטער א קאלעקטיווען אגרי-מענט אין וועלכען די פונקטען וואס דער בריף האט ענטהאלטען זיינען א טייל פון דעם אפמאך, אז בלויז מעמבערס פון דער אינטערנעשאנעל מיט ווארקינג קארדס פון דזשאינט באארד זאלען ער-לויבט ווערען צו ארבייטען אין אסס'ן שעפער.

דער באשלוס גוטצוהייסען די האנד-לונג פון דזשאינט באארד ווערט אנגע-נומען מיט אלע שטימען אויסער אן אומ-באדייטענדע הייפעלע, וואס האט גע-שטימט געגען.

מיט דער זעלבער מאיאריטעט ווערט אנגענומען א רעזאלוציע, פארגעשלאגען פון פלאר, אז לאקאל 23 ערקלעהרט איהר טרייהייט צו דער אינטערנעשא-נעל און פארדאמט די פארלוימדונגען פון די קאמוניסטישע יוניאן-ברעכער.

דער מענעדזשער פון לאקאל, ברודער פינקאווסקי, האט אין א קורצער רעדע באוויזען די פאלשקייט און דעמאגאגיע פון דער אישו וועגען די בילינע דיוס, וואס עס האבען ארויסגערוקט די יוניאן-ברעכער. ער ווייזט אן, אז לאקאל 22 האט ביי א מיטינג פון דזשאינט באארד צוגעגעבען, אז זיי קענען ניט עקזיסטי-רען אויף די רעגעלע דיוס, נאר זיי וועל-לען שאפען די איבריגע געלד פון באשטראפען מעמבערס.

קלוגע ווירטהינס

האלטען אימער אין הויז א באקס

עקס-לאקס

דאס רעגולירט די מאגענס פון דער גאנצער פאמיליע

און פארשפארט זיי דאקטאר בילס.

10, 25 און 50 סענט א באקס, אין אלע דראג סטארס.

ביי די קלאוק פינישערס יוניאן, לאקאל 9

דער רעזולטאט פון די וואהלען אין לאקאל 9

די וואהלען, וואס זיינען אפגעהאל־טען געווארען לעצטען דינסטאג, זיינען פארגעקומען אונטער ספעציעלע ניט גינ־סטיגע אומשטענדען. די צעטומלעניש צווישען א גרויסע טייל מעמבערס צוליב דעם ברודער־קריג אין דער ארגאניזאציע, דער מאסען פסיכאז, אונטער וועלכען א גרויסע טייל מיטגלידער געפינען זיך יעצט, האט באשאפען אן אונמעגליכע לאגע.

דערצו האט די סוספענדירטע קלי־קע געטאן אלעס וואס זי האט נאר גע־קאנט צו שטערען אין די עלעקשאן. מיט די שארלאטאנסקע מיטלען, אויף וועלכע זיי זיינען פעהיג, האט זי געשטערט די פינישערס צו געהן וואוטען. זיי האבען ארויסגעשיקט בריף צו אלע מעמבערס פון לאקאל באנוצענדיג זיך מיט די אד־רעסען, וואס זיי האבען ארויסגע'גנב'עט פון לאקאל, וואו זיי האבען זיך געבעטען ביי די מעמבערס זיי זאלען זיך ניט בא־טייליגען אין די וואהלען. אין טאג פון עלעקשאן האבען זיי געשטעלט זייערע אנהייגער ארום די פולינג פלעצער, און האבען פשוט געשלעפט פאר די פאלעס די פינישערס, אז יענע זאלען ניט שטי־מען. און דאך האבען זיך ארום 900 מעמבערס באטייליגט אין די עלעקשאנס פאר'ן עקזעקוטיוו באארד און מענע־דזשער. אונטער די אומשטענדען איז עס א זעהר באדייטענדע צאהל וואוטס, און מיר גלויבען, אז נאך דעם מבול פון ליגנערישע און פארפירערישע פראפא־גאנדא וואס ווערט געפירט פון דער סקעב־קרעמעל, פון דער 21טער גאס, גע־גען דער יוניאן, האבען קארגע טויזענד מעמבערס זיך באטייליגט אין די עלעק־שאנס. איז עס א באוויז, אז די לאגע איז ניט האפנונגסלאז. די מעמבערס הויבען אן זעהן די געפאר, אין וועלכע די יוניאן איז ארייגעשלעפט געווארען צוליב די פארברעכערישע מעשים פון די סוספענדירטע עקזעקוטיווס. באטייליג־דיג זיך אין די וואהלען האבען די פי־נישערס ניט בלויז געשטימט פאר דעם אדער יענעם עקזעקוטיוו באארד מעמבער, נאר יעדער אפגעגעבענער וואוט איז פריהער פון אלץ אן אויסדרוק פון לאיא־ליטעט צו דער יוניאן און גלייכצייטיג א פראטעסט און פאראכטונג געגען די שונאים פון דער יוניאן, וואס זוכען צו צוברעכען די ארגאניזאציע וואס איז אויפגעבויט געווארען מיט אזוי פיל בלוט פון די מעמבערס.

די פאלגענדע זיינען ערוועהלט גע־ווארען צו פארוואלטען דעם לאקאל דעם קומענדען טערמין:

פאר מענעדזשער, סעקרעטאר־טרע־זשורער, איזידאר סארקין.

עקזעקוטיוו באארד דעלעגאטען:

מ. ברעדשניידער, ס. בענדער, ס. בער־מאן, סילע סאמאן, מ. קושנער, א. קא־הען, איזי קאהען, אברהם קאהען, מאקס גאלדשטיין, סעם גאלדשטיין, ל. קאופ־מאן, ק. מאנדרעס, ראזי הענינג, נ. קוירטצמאן, דזש. הארוויטץ, ה. גארט־נער, ה. סאלצבערג, ס. בערקאוויטץ, אב. סלאבארא, צוקערמאן, דזש. פרידמאן, ה. וואכטעל, ס. לעפקאוויטץ און מ. שניי־דער.

מיר גלויבען, אז אלע פינישערס ווע־לען געבען דער אריינקומענדער אדמיניס־טראציע דעם נויטיגען מאראלען און ברי־דערליכען סופארט אין אלע אונטערנע־מונגען פאר'ן וואהל־זיין פון אלע מעמ־בערס, און אז די עקזעקוטיוו באארד וועט אלעס מעגליכעס טאן אויפצובויען א שעהנעם לאקאל פאר'ן בענעפיט פון אלע יוניאן־לייט.

מיר דרוקען אוים אן עפענטליכען דאנק צו דער עלעקשאן און אבדזשעק־שאן קאמיטע, צו די ברידער פילדים, סאבאל, גלאסאף, טאלטשינסקי און רא־זענבלום, וואס ערוועהלט געווארען ביים דזשענעראל מעמבער־מיטינג, דעם 20טען דזשולאי. אויך די ברידער קוירץ פון לאקאל 3 און ווייסמאן פון לאקאל 35, וואס האבען רעפרעזענטירט דעם דזשאינט באָרד. ווי אויך צו דער קאמי־טע פון די אינטערנייטשאנעל, און באזונ־דערס צום טשערמאן פון דער קאמיטע, וויים־פרעזידענט ברודער לעפקאוויטש, וואס האט ווירקליך אפגעגעבען א סך צייט און מיה אין דיזען עלעקשאן. בר. לעפקאוויטץ וועלכער האט רעפרעזענ־טירט די גענעראל עקזעקוטיוו באארד, האט אויפגעפאסט, אז די וואהלען ווי אויך דער צעהלען די באלאטס זאלען פארקומען גערעכטליך און אלעס זאל זיין אין ארדנונג און די מעמבערס שאצען אפ זיין גוטע ארבייט.

איזידאר סארקין,
מענעדזשער.

לאקאל 66 פאנגט אן אן ענערגישע ארגאניזאציאנס קאמפיין

די עמברוידערערס יוניאן לאקאל 66, האט לעצטענס אנגעפאנגען אן ארגאני־זאציאנס קאמפיין, צו ארגאניזירען אלע ארבייטער פון דעם פאך, וואס באלאנגען ניט צו דער יוניאן.

דער ארגאניזאציאנס־קאמפיין, וואס די יוניאן האט לעצטענס אנגעפאנגען, ווערט געפירט גאנץ ענערגיש און מען קען ערווארטען גוטע רעזולטאטען. נא־טירליך, א סך ווענדט זיך עס פון די מיט־גלידער פון דעם לאקאל; פון די יוניאן־לייט, פון די פרויען און מענער, וואס זיינען שוין יאהרען־לאנג מעמבערס פון דער יוניאן און וויסען גוט, וואס זייער יוניאן האט אויפגעטאן פאר די ארביי־טער פון דעם פאך. עס ליגט א חוב אויף די מיטגלידער צו העלפען דער יוניאן אין דער ארבייט. און עס איז צו הא־פען, דאס זיי וועלען עס ניט פארפע־לען צו טאן.

זאלען די מיטגלידער פון דער יוניאן רעדען מיט די ארבייטער פון טרייד, מיט וועלכע זיי באגעגענען זיך, וואס באלאנ־גען ניט צו דער יוניאן; זאלען זיי רעדען מיט זיי און זיי אויפקלערען, זיי אנוויי־זען, ווי פארברעכעריש עס איז, ווען ארבייטער באלאנגען ניט צו דער יוניאן פון זייער פאך, און פארלאזען זיך, אז די יוניאן־לייט פון פאך וועלען שוין אויסקעמפען בעסערע באדינגונגען אויך פאר זיי!

אזעלכע ארבייטער זיינען פאראזי־טען אויף דער אינדוסטריע; זיי ווילען האבען דעם בענעפיט פון דער יוניאן און ווילען גארניט ביישטייערן די יוניאן אויסצוהאלטען. זאלען די יוניאן־לייט דאס ערקלערען די ניט־יוניאן־לייט און זיי באאיינפלוסען זיך אנצושליסען אן דער יוניאן.

א חוץ דעם איז נאך פאראן אנדערע ארבייט פאר די מיטגלידער פון לאקאל 66, ווי זיי קאנען מיטהעלפען אין דעם קאמפיין.

זאלען די מיטגלידער קומען אין אפיס פון זייער יוניאן, אין רענד סקול בילדינג, 7 איסט 15טע סטריט, און ברודער עסענפעלד, דער מענעדזשער פון דער יוניאן, וועט זיי געבען גענוג אר־בייט צו זיין טעטיג און העלפען זייער יוניאן, וואס דאס מיינט, העלפען זיך אליין.

אוים דעם לעבען פון לאקאל 18, שיקאגא

דעם 6טען אויגוסט האט לאקאל 18 געהאט זעהר אן אינטערעסאנטען מי־טינג. דעם מיטינג וועלען אונזערע מעמבערס געדענקען א לאנגע צייט. אויף דעם מיטינג האבען די האלב־גע־באקענע רררררעוואלוציאנערען געשארפט זייערע צייהן, ווייל עס האט זיך געהאנ־דעלט וועגען גוטהייסען א רעקאמענדיי־שאן פון דזשאינט באארד, דאס מעמ־בערס זאלען געהאלטען ווערען פאראנט־ווארטליך אויב זיי וועלען שיקען זייערע קינדערלאך טיילען ליפלעטס געגען אונ־זער אינטערנעשאנאל.

עס פארשטעהט זיך, דאס אזא רע־קאמענדיישאן האבען די קאמוניסטען ניט געקענט פארטראגען, און זיי האבען אנגעגורט זייערע לענדען צו באקעמפען די רעקאמענדיישאן.

נו, איז וואס, דענקט איהר, האט פאסירט?

נאך אלע קעמפיינס מיט מיטינגען האט זיך געפונען איין רררעוואלוציאנער, וועלכער האט געשטימט געגען. דאס צייגט וואס פאר אן איינפלוס זיי האבען אויף אונזערע מעמבערס מיט זייער אגי־טאציע. די מעמבערס פון לאקאל 18 האבען קלאר און דייטליך געצייגט, אז ווען עס האנדעלט זיך וועגען דער גאנצ־קייט פון אונזער יוניאן, ווייסען זיי וואס פאר א שטעלונג צו נעמען.

א 2טע אינטערעסאנטע פאסירונג איז פארגעקומען ביי דעם מיטינג, וועלכער טראגט אן אלגעמיינעם כאראקטער, אי־בערהויפט ביי דער היינטיגער צייט.

אונזער לאקאל האט פרעזענטירט אונזער עקס־טשערמאן, ברודער פיליפ דייווידס, מיט א סעט סילווער און א גאלדענעם זייגער. אין דער איצטיגער צייט איז דאס זעהר א פרעהליכע ער־שיינונג, ווייל מען דארף ניט פארגע־סען, דאס פאר די לעצטע פאר יאהר האבען זיך גענומען די קאמוניסטען צו „ברענגען די רעוואלוציע" דורך דיס־קרעדיטירען אונזערע באאמטע, און עס מאכט ביי זיי ניט אוים צי דאס איז א באצאהלטער צי ניט קיין באצאהלטער באאמטער — דו ביזט ניט אונזערער, דארף מען דיך פארלוימדען. און ווען א גאנצער לאקאל ווערט ניט היינגעריסען פון די פראזען־שיסער און פארבלייבט ביי דעם געזונטען מענשען־פארשטאנד, איז דאס געוויס א פרעהליכע ערשיינונג.

עס דארף דא געזאגט ווערען, דאס ברודער פיליפ דייווידס האט דעם פרע־זענט כשר פארדינט. אבוואהל שוואך אין געזונט, האט ער טאג און נאכט גע־ארבייט פאר דער זאך פון דער יוניאן. ער האט זיך ערווארבען גרויס רעספעקט ביי די מעמבערס פון אונזער לאקאל — א זאך, וואס מיר פארגינען איהם מיט'ן גאנצען הארצען.

ביי דער געלעגענהייט וויל איך אויך דערמאנען, דאס אונזערע נייע ערוועהל־טע באאמטע, מיט ברודער מ. מארקוס אן דער שפיצע, אלס טשערמאן, זיינען פון דעם סארט, וואס ווייסען ווי אזוי אנצוהאלטען א י.ע. און אויך א געזונטען בארען, און איך ווינש זיי ערפאלג אין זייערע אויפגאבען.

דזש. האפמאן, סעק. ל. 18,
שיקאגא.

דאס לעבען איז קורץ!

איין מינוט פון אמת'ן פארגעניגען איז מעהר ווערט ווי יאהרען פון מאטערניש. פארט אין די אינטערנעשאנאל יוניטי הויז און לעבט א טאג! אין שטאדט איז היים און שטיקענד, קיין סך ארבייט איז איצט ניטא — באנוצט זיך מיט דער געלע־גענהייט אנצושעפען פרישע כוחות פאר אייער ווייטערדיגער ארבייט. פארט אין די יוניטי הויז! איהר וועט זיין דיזעלבע קבצנים!

אינטערנעשאנאל קאלענדאר

פון ת. סקולמאן.

היינטיגע האך מיט 12 יאהר צוריק

ביי א מיטינג פון אלע קלאוקמאכער, וועלכע זיינען באשעפטיגט אין די שעפער פון די סאב מאנופעקטשורערס, ווערט אנ־גענומען די פאלגענדע רעזאלוציע:

„מיר די מעמבערס פון דער ניו יאר־קער קלאוק און סקוירט מאכער יוניאן, פארזאמעלט ביי א מיטינג אין בעטהא־ווען האל, נעמענדיג אין אנבאטראכט די רואינירונג פון דעם גאנצען קלאוק און סקוירט טרייד, וואס די סאב מאנופעק־טשורינג סיסטעם ברענגט מיט זיך, בא־שליסען צו אינדארסירען דעם באשלוס פון דעם דזשאינט באארד, וועגען רופען א סטרייק ביי אלע סאב מאנופעקטשורערס;

„זיי עס אויך באשלאסען, דאס מיר וועלען טאן אונזער בעסט און אנווענדען אונזער גאנצע ענערגיע מיטצוהעלפען דעם דזשאינט באארד אין איהר אונטערנעמונג, דורכצופיהרען און ערפאלגרייך גענעראל סטרייק ביי אלע סאב מאנופעקטשורערס. עס לעבע די קלאוק און סקוירט מאכער יוניאן! עס לעבע דער קאמף פאר א בע־סערען און שעהנערען לעבען".

צוליב דעם סטרייק אין פילאדעלפיא און אין באלטימאר, זובען די באסעס פון יענע שטעדט צו קריגען זייער ארבייט געמאכט אין ניו יארק. דער היגער דזש. באארד ווענדעט זיך דאריבער דורך דער „גייע פאסט" צו אלע מיטגלידער בכלל און צו די שאפ טשערלייטס בפרט, דאס זיי זאלען גוט אכטונג געבען אז קיין סקעב ארבייט זאל ניט געמאכט ווערען, און צו רעפארטען וועגען יעדען פארדעכטיגען פאל צו ברודער האלפרין אדער ברודער פערלשטיין וועלכע זיינען באשטימט אויפ־צוכאפען אזעלכע רעפארטס און האנדלען וועגען זיי.

קאפיטאל
$18,000,000.00

עטאבלירט
אין 1841

דאלארס דורך ראדיא קייבעל אדער פאסט
נאך
סאוועט־רוסלאנד, פוילען, ליטא, לאטוויא און אנדערע טיילען פון יוראפ

די בעסטע און פאלשטענדיגסטע לייסטונגען

1. שנעל: — דורך פאסט, א מערקווירדיגע שנעלע סירוויס. דאס געלט ווערט צוגעשטעלט דירעקט צו וועמען עס ווערט געשיקט אין פארלויף פון 18 טעג.

2. שנעלער: — דורך ראדיא אדער קייבעל קיין לאנדאן, פון דארטען דורך פאסט צום פערזאן וואס מען דארף אויסצאהלען. דאס געלט ווערט צוגעשטעלט אין פארלויף פון 8 טעג.

3. אם שנעלסטען: — דורך קייבעל דעם גאנצען וועג, ביז דעם לאנד, וואוהין דאס געלט ווערט געשיקט. פון דארטען דורך פאסט צום פערזאן וואס מען דארף אויסצאהלען. דאס געלט ווערט צוגעשטעלט אין פארלויף פון 3 טעג.

רעסיטס: אויף אלע געשיקטע סומען ווען די פערזאן ערהאלט די געלט, דארף ער אונטערשרייבען א רעסיט צו באשטעטיגען, אז ער האט עס ערהאלטען. מיר טוען אלעס מעגליכעס צו קריגען רעסיטס און מיר שיקען זיי צוריק צו אייך דורך דעם זעלבען אפיס פון וואנען איהר האט ארויסגעשיקט די געלט.

געלט ווערט אריבערגעשיקט נאך פאלעסטינא צו זעהר מעסיגע פרייזען

טרעוולערס טשעקס: אמעריקאן עקספרעס קאמפאני טרעוול־ערס טשעקס איז דער בעסטער און זיכערסטער וועג, ווי אזוי צו טראגען געלט מיט זיך אויף אייער רייזע.

AMERICAN EXPRESS CO.
65 BROADWAY

18 Chatham Square (Open Monday until 8 P.M.)
118 West 39th Street
NEW YORK
17 West 23rd Street (Corner 5th Avenue)
2131 Broadway

1708 Chestnut Street, Philadelphia.
2048 East 9th Street, Cleveland.
70 East Randolph Street, Chicago.
333 Washington Street, Boston.
132 W. Fayette Street, Baltimore.

איהר קאנט אויך שיקען געלד דורך אירגענד וועלכען אמעריקאן עקספרעס אדער אמעריקאן רעילוועי עקספרעס אפיס, אדער דורך אירגענד וועלכען אויטא־ריזירטען אגענט. זעהט, אז איהר זאלט קריגען אן אמעריקאן עקספרעס קאמפאני רעסיט, דאס איז אייער פארזיכערונג געגען פארלוסט.

א פראווינץ צייטונג
ראמאן
פון מרים קארפילאָוו.

(פאָרזעצונג)

— נעלט ? אזוי גיך ? פאר וואס ? כ'האב דאך נאך ניט פארדינט.

— דאס איז גאר נישט ! אין פאראויס בעדארפט בע־טען.

— גיין ווי שיקט זיך דאס ?

— נו, און די רייזע קאסטען ? ער האט דאך מיר אויס־דריקליך געזאגט, דאס איך זאל אויף זיין רעכענונג אייך אהער אריבערברענגען.

— נו, אז ער האט אזוי געזאגט, וועט ער עס מיר, גלויב איך, אליין אומקערען. איך וואלט עס ניט וועלען בעטען.

— וואס הייסט ניט ? פאר אזעלכע ווײדזשעס נאך אויס'ן אייגענעם רעכענונג פאהרען ? טייערע ביזנעס ! סאי, איהר מוזט האבען געלט ווי שפענער.

— יע ; איך האב ניט קיין שפענער, — האב איך גע־לאכט.

— לאכט, לאכט. אז איהר וועט דא זיין אזוי לאנג ווי איך, וועט איהר פארגעסען אפילו צו שמייכלען.

— גוטע האפנונגען גיט איהר מיר ! איז דא טאקע אזוי [redacted] שלעכט ?

— איהר וועט זעהן. מ'קאן דא משוגע ווערען !

— פון וואס ?

— פון וואס ? טאקע פון דעם וואס מ'איז ד א. אך, ניו יארק, ניו יארק ! לעבען זאל ניו יארק ! דארטען אין קאפע, ווען מען מ'וויל זעהט מען, מיט וועמען מ'וויל רעדט מען. ס'א פארגעניגען ! ס'גוט !

— עט ! ס'גאר ניט אזוי גוט... אויב דאס איז די איינציגע זאך פון וואס מ'קען דא משוגע ווערען, וועל איך זיין קלאר.

— איהר וועט דא ניט פארבלייבען. ניט אויף לאנג, סיי ווי סיי. אט וועט איהר זעהן !

— דאס קען זיין, אבער, ניט ווייל איך וועל זיך פאר־בענקען נאך דער קאפע. ס'מעגליך דאס איך זאל זיך דא צו דער צייטונג ניט קענען צופאסען. דער רעט פארלאנגט אזעלכעס, וואס כ'וועל, קען זיין, ניט קענען און ניט וועלען טאן. אויב זיי וועלען מיר דא קיין פרייע האנט ניט געבען, ניט לאזען שרייבען ווי און וואס מיר געפעלט, דאן —

— צוריק אין ניו יארק ? הא ?

— עהע — יע, וואס ווענען מיינע ראמאנען ? איהר האט דאך זיי געלעזען ?

— יעס, אבער, זיי זיינען צו גוט פאר זיי. צו ליטעראַ־ריש. זיי דארפען שונד. כ'האב זיי געזאגט —

— וואס געזאגט ?

— דאס אייערע ראמאנען זיינען ז ע ה ר גוט, העכסט ליטעראריש !

— . . . ניט בעדארפט דאס זאגען...

— זיי וואלטען דאס מיט דער צייט אליין אויסגעפונען און זיי וואלטען מיך באשולדיגט אין אפנארען זיי. איך וואלט איבער דעם מיין דזשאב פארלארען און איהר וואלט דערפון גארנישט געוואונען.

ער איז געווען פארביטערט געגען דער שטאט און גע־בענקט נאך דער קאפע אין ניו יארק. אזוי געבענקט ! כ'האב איהם באלד גענומען מקנא זיין זיין בענקען. כ'האב זיך גע־וואונדערט אויך : ווי אזוי אזא שוואכער קען נאך וואס אנ־דערעס אויסער געזונט אזוי בענקען !

מיר האבען אפגערעדט ווען מארגען צו אונזער פאבלישער צו פאהרען.

כ'האב מיך גענומען אין מיין נייעם צימער איינאָרד־נען.

א גרויסער צימער מיט א זעהר לאנגען טיש, גוט פאר אן אינזשיניער, אויף פלאנען מאכען, א וויעג שטול, א דרעסער און א בעט אזא גרויסע, אזא ברייטע — א שרעק ! אין אזא בעט אז מען זאל זיך פארלירען, איז פארפאלען. מ'וואלט זיך אין איהר זיכער ניט קענען געפינען !...

די בעלי הבתים פון דעם צימער זיינען אינטעליגענטע בירגער. ער, א דאקטאר פון עפעס וואס האט מיט געזונט גאר־נישט צו טאן, א געבוירענער יענקי, און זי, א דייטשקע. פאסט אויף די הויז מיט די פילע צימערען, מעהרסטע פון וועלכע זיינען פארדונגען צו פרעמדע. זיי האבען ניט קיין קינדער, איז זיי אומעדיג, געהן זיי צו מוזיקאלישע קאנצערטען, אין לייברערי, צו מואוויס און אמאל צו די אידישע שכנים, וועלכע פיהרען דוקא א געזעלשאפטליכען לעבען.

די אידישע פאמיליע האט שטארק באדויערט וואס ביי זיי איז ניט געווען א צימער פאר א מענשען, מיט וועלכען, זיי זיינען זיכער, דאס מ'קען ריידען. אבער אזוי ווי זיי זיינען דא נאהענט, האבען זיי צוגעזאגט זיך מיט דער געלעגענהייט סיי ווי צו באנוצען.

הארציגע מענשען, טייערע, ס'איז זיי אבער אומעטיג. צו זיין נאהענט מיט זיי מוז מען האבען א סך פרייע צייט אוועק־צוגעבען, און מיין צייט וועט זיכער איינגאנצען אויף „וו. וו." אוועקגעהן. איך האב מיר שוין אנגעהויבען ברעכען די קאפ ווי אזוי דעם ערשטען ערטיקאריעל אנצושרייבען. ווענען וואס ? ווענען וועמען ?...

זונטאג, אוים רעגען, בלויז כמארנע. סאן איז געקומען מיט מיר צו רעט'ן צו פאהרען : גע'כעפ'ט — צו וואס פאהרען אהין ? ווער דארף עס ? און וואס דוקא היינט ! — אז ניט היינט, וועלען מיר אפשר קיינמאל צו איהם ניט פאהרען. אזוי גיך ווי דער „וו. וו." („וועג וויזער") וועט ארויסקומען, וועט מען זיין פארנומען, איז בעסער צו פאהרען היינט און זעהן וואס פאר א שלאק אונזער „באס" באזיצט. לאמיר היינט די גע'טעפיכטע רילען פון זיינע פאלאצען באטרעטען !

דער וועג צו מר. רעט איז געווען א שווערער. אויף צו פאהרען צו איהם האבען מיר געמוזט נעמען א קאר, א שטיקעל זאבוויי, נאך א ביסעל סאבוויי, ווידער א קאר, א וואק, אן „על", 1 פערי, א טריין און א טעקסי !

ס'איז ניט ווייל ס'איז אזוי ווייט, נאר ווייל דער וועג איז זעהר א געדרעהטער, א מין „מערי־גאָ־ראונד". אויף צו האבען געפאהרען־מיט אלעם, וואלטען מיר נאך בעדארפט האבען א בייסיקל, א פערד, און א לופט־שיף !

און אומעטום צו צעהן סענט קארפער ! איז דאך ניו יארק, ווי סאן זאגט, טאקע א געבענשטע שטאדט ! אין ניו יארק קען מען פאר איין ניקעל פאהרען פון 242טע סטריט, וואן קארט־לאנד פארק, נ. י. ביז פענסילוויינא עוו., ברוקלין, אדער פון אטלאנטיק עוועניו, ברוקלין ביז בראנקס פארק, נ. י., א ווילדע מציאה !

די רעט פאמיליע האט זיך צוגעגרייט מיט א גרויסען מאלצייט. די הויז האט אויסגעזעהן אויס־געראמט, די קינדער אפגעוואשען און אין יום טוב'דיגען אנגעטאן.

דער גאנצער סטעף האט זיך דארט געפונען. דאס איז : מר. רעט, מר. קאס, מר. סאן, איך און איינער א מר. בלעק, א בוי פון די „בויעלאך" : ער איז דאס געווען באשטימט צו זיין סירקולייטאן מענעדזשער. א טיפ פון א טיפש, א לאכע־דיגער.

מען האט גערעדט. די רייד זיינען, פארשטעהט זיך, ווען ווענען „וועג ווייזער", דער נייער „פייפער", וואס וועט באלד ערשיינען צו ווייזען דער וועלט ווי א פייפער דארף אויס־זעהן. מר. רעט האט גערעדט מיט בייזער הנאה ווענען דעם ווי די שונאים וועלען צופלאצט ווערען ווען זיי וועלען דערזעהן דאס ער, ער און ניט קיין אנדערער, גיט עס ארויס. זיי וועלען אלע פלאצען.

— עס וועט זיין אן עפידעמיע פון פלאצעניש !

אזוי פיל שונאים האט איהר דא ? — האב איך גע־פרעגט.

— פלענטי ! — האט ער ענערגיש מיט'ן קאפ א שאקעל געטאן.

— אבער, פארוואס ? וואס האט איהר זיי געטאן ?

— וואס ? גארנישט ! זיי זיינען מיר שונאים דערפאר, וואס כ'לאז ניט, זיי זאלען מיר וואס טאן, דאטסאָל ! כ'בין ניט פון די, וואס לאזען זיך שפייען אין קאשע. ניט איך ! זיי ווילען פירען די קאמאנדע ; זיי ווילען זיין די באסעס פון שטאדט ; זיי ווילען אנדערע זאלען צומאכען די אויגען, מאכען זיך ניט זעהענדיג וואס זיי טוען. איז דוקא ניט ! ווען זיי קענען — וואלטען זיי מיך וועלען ביי מיר אפקויפען. איז א מכה זיין פאר'ן וועלען ! כ'קאסט מיר טייערער. איכ'ל זיי ווייזען, אז מיך פירט מען ניט פאר'ן נאז. נאוסערי !

— איז עס ניט מעגליך — האב איך פרידליך געזאגט — מיט זיי אין פריינדליכע באציהונגען אריינצוטרעטען, מאכען זיי פאר פריינט און — צוזאמען — — אלע —

— זיי מאכען פאר פריינט ? נעווער ! — האט מר. רעט אויסגעשריען. זיי מאכען פאר פריינט, הייסט זיי גע־בען די לייצעס אין די הענט, לאזען זיי זיין די אנטרייבער !

עפעס אזוי ווי ניט ווענען א צייטונג וואלט זיך געהאנ־דעלט, נאר ווענען פערד, אזוי האט ער גערעדט, און מיר איז נאר געבליבען צו פרעגען אויב זיי זיינען דא א סך אין צאל, די שונאים. און ער האט ווידער געזאגט „פלענטי !" און צוגעגעבען דאס וויפיל זיי זאלען ניט זיין, וועט ער זיי צו־ברעכען. ער וועט זיי ווייזען, אז מיט איהם שפילט מען זיך ניט. אז ער טוט עפעס — טוט ער דאס. ער האט פאר קיינעם קיין מורא ניט. זיי וואלטען איהם דערטרונקען אין א לעפעל וואסער, ווען זיי קענען נאר, זיי וועלען דאס אבער ניט קענען ! די מאכט וועט זיין ניט אין זייערע נאר אין זיינע הענט. ער וועט זיי ווייזען וואס ער איז און וואס ער קען !

— דענקט איהר ניט — האב איך געפרעגט — דאס ס'איז אביסעל א צו געוואגטע זאך, ארויסצוקומען מיט א ציי־טונג געגען אזוי פיעל שונאים ?

זיין ווייב'ס אומרוהיגע אויגען האבען נייגעריג געקוקט אויף איהם. זי האט אוועקגעלייגט די עסען־געצייג און געווארט אויף זיין ענטפער. ער האט געענטפערט :

— שור, איז דאס א געוואגטע זאך, אלבעטשו ! באט איך וואג ! און איכ'ל געווינען. ס'איז ביזנעס, אין ביזנעס מוז מען איינשטעלען. אז מען זאל ניט וואגען, וועט גארניט זיין. דאס איז אין דער נעים. כ'האב פאר זיי קיין מורא ניט. איך וואג ! איכ'ל נאך וואגען !

אזא מין זאדיראקע !

איך האב שוין געזעהן דאס דעם „וועג־ווייזער" איז ניט באשטימט פאר גרויסע אידעען צו קעמפען. עס איז מיר גע־ווען קלאר, דאס דער „פייפער" וועט ארויס אלס דעם מר. רעט'ס א זאך. ס'איז זיינע א פערזענליכע ביזנעס, א קללה אדער א ברכה פאר איהם מיט זיין הויז־געזינט ; א גלענצענדער דורכפאל פאר די יעניגע, ביי וועמען ער וועט פאר דעם צוועק געלט אנלייען. בעסער וואלט ער א גראסערי, א בוטשער־סטאר, צו אפילו א שיך־שאפ געעפענט. צו וואס זאל אזא איינער דוקא פארוועלען זיך אין „פייפער"־ביזנעס אריינ־געהן ! ?

וואס איך וועל קענען טאן פאר אזא מין צייטונג, האב איך מיר צו דער צייט קוים געקאנט פארשטעלען. עפעס האט זיך מיר גארנים נעגלויבט דאס איך בין אהין געקומען צו זיין א מיטארבייטערן, א שטענדיגע, א רעדאקטארין !.. ווי זיך צו איבערצייגען, אז יא. האב איך פון דער זייט ביי מר. סאן א פרעג געטאן :

(שלוס אויף זייט 14)

ים און בארג
(פעליעטאן)

פון לעבעדיגען

איך קום פון ים צום בארג.

און ווי מיר דאכט, זיינען ים און בארג איין ענין.

כאטש ווען מען זאל פרעגען דעם בארג, וואלט ער געוויס מיט א פאררייסער־נעם קאפ, אלס „גדול", געזאגט :

אז ער איז ה ע כ ע ר...

און ווען מען זאל פרעגען דעם ים, וואלט ער מן הסתם א שמייס געטאן מיט א כוואליע און ארויסגעברומט —

אז ער איז ט י פ ע ר...

איך פרעג זיי ביידען ניט, און איך זאג :

ביידע איין ענין...

ווייל איך נעהם זיי ביידען פון דער זייט, ווי אזוי מענשען נוצען זיי אויס.

און דעם ים ווי די בערג נוצען מענ־שען אויס גלייך — פ א ר פ א ר ג ע נ י ־ ג ע ן.

ב י ל י ג ע ן און ט י י ע ר ע ן.

מען צאלט איין אזוי פיל און אזוי פיל צו די וואס האבען פארכאפט א ברעג ביים ים און א זוים ביים בארג און מען פארערט ביי זיי דערפאר אזוי פיל און אזוי פיל פארגעניגען.

און די פארכאפערס, די האטעל־קי־פערס, באפעהלען דעם ים — באד זיי אויס, מיינע פארגעניגען־זוכער, מאך זיי דין, מאגער פאר אזוי פיל און אזוי פיל.

און דאס זעלבע דיקטירען זיי די בערג : מאך פעט מיינע פארגעניגען־זוכער. גיב זיי אזוי פיל און אזוי פיל פונטען פאר אזא און אזא פרייז.

און דער ים און די בערג פאלגען, און זיי דינען געטריי און אונטערטעניג פאר פריוואטען מסחר און האנדעל.

סיי ביים ים און סיי אויף די בערג הערשט איין ארדנונג :

גלאק און רכילות.

רוישט דער ים מיט טויזענדער כוואַ־ליעס. אבער ווער הערט איהם ? דער גלעקעל וואס רופט צום עסען האט מעהר ווירקונג.

שטעהען די בערג מאיעסטעטיש. הויך און ווירדיג. בלאזען אויף זייערע קעפ ווינטען. פייפען שטורעמס. שניי־דען בליצען און הילכען דונערן, אבער דער גלעקל האט מעהר כח. זיין קלונג פארנעהמען מענשען מעהר.

און צווישען גלאק און גלאק — רעדט מען רכילות.

דער ים רעדט זיך זיין וואונדערלאכע שפראך. —קושט דעם ברעג און געהט אוועק צוריק, קומט ווידער און רעדט און ברומט.

אבער די וואס קומען צום ים אינ־טערעסירט ווינציג זיין שפראך. זיי זיי־נען פארנומען מיט בארעדען איינער דעם צווייטען. זיי ליגען אויפ'ן זאמד און צאהללאז ווי דער זאמד איז זייער רכילות.

לשון הרע איז די באליבטע מענש־ליכע שפראך. סיי ביים ים סיי אויף די בערג.

שטעהען די בערג שטומע. און רעדען זיך דורך מיט'ן וואונק.

פון זיי רעדט הערליכקייט און גרויס־קייט. שעהנקייט און ווירדיגקייט. פון זיי רעדט דער אהויב פון דער וועלט. איהר סוד.

אבער די וואס קומען אין די בערג פארשטעהען ניט דעם דאזיגען שטומען לשון.

און זיי רעדען אליין. און זיי רעדען אן אזוי פיל און הויך, און זיי בארעדען נאך מעהר, ביז עס וואקסען אויס בערג מיט רכילות און די דאזיגע בערג פאר־שטעלען די נאטור־בערג.

ים און בערג זיינען אויך גלייך מיט נאך עפעס — מיט'ן זאמד.

דער זעלבער זאמד.

דארט איז ער ביי די ברעגען און דא — אויף די וועגען. דארט קריכט ער אין די פיס און אין מויל, און דא פאלט ער א צושטויבטער אין די אויגען אריין.

ים און בערג. איינס און דאס זעלבע.

פרעסער פון פייבער און היין באקומען א העכערונג אין ווידזשעס

דער שאפ טשערמאן פון דער באר־וואוסטער קלאוק פירמע פייבער און היין, 40 איסט 32טע סטריט, האט איינגעבאר־פען א מיטינג פון די פרעסער פון דער פירמע, און אויף דעם מיטינג איז גע־רעדט געווארען וועגען א רייז אויף די ווידזשעס. מיט דער הילף פון פרעזי־דענט זינמאן, וויס־פרעזידענט ברעסלאו און דעם ביזנעס איידזשענט נאלד, האר־בען די פרעסער באקומען א העכערונג פון 5 דאלאר א וואך.

דער טשערמאן פון דעם שאפ איז ברודער ס. דאנבלאם.

טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען

צו אלע באוואוסטזיניגע קלאוק און דרעסמאכער!

די אלע, וועלכע האבען ביז איצט געצווייפעלט, אז די קאמוניסטען האבען זיך עס געמאכט פאר א ציל צו באהערשען די יוניאנס בכלל, און די קלאוק און דרעסמייקער יוניאן בפרט, די יעניגע וועלען מוזען אויפהערען איצט אין דעם צו צווייפלען.

איצט, ווען די קאמוניסטישע „פרייהייט" האט פארעפענטליכט די רעזאלוציע פון דער „וואירקער ספארטי" וועגען דער אינדוסטריעלער ארבייט פון דער וואירקערס פארטי אין די יוניאנס, מוז יעדער יוניאן־מאן, וועלכער וויל ניט געפינען זיך אונטער דער קאמוניסטישער הערשאפט, קעמפען פאר דער אומאפהענגיגקייט און אומפארטייאישקייט פון דער קלאוקמאכער יוניאן.

וואס זאגט די קאמוניסטישע רעזאלוציע, געדרוקט אין דער „פרייהייט" פון 10־9 אויגוסט?

זי זאגט:

„די קאמוניסטישע פארטיי מוז אונטער דער שווערסטער דיסציפלין צווינגען די קאמוניסטישע פארטיי־חברים און האלטען זיי פאראנטווארטליך אנצופיהרען די יוניאן־ארבייט. די קאמוניסטען טארען ניט פארפעהלען זיך גרינגליך צו ארגאניזירען און פארזיכערען זייער פיהרערשאפט אין די יוניאנס איבער די מאסען. דאס מוז געטאן ווערען דורך די פארטיי פראקציעס. די דיסטריקט און אינדוסטריעלע ארגאניזאציעס ווערען געהאלטען שטרענג פאראנטווארטליך דאס דורכצופיהרען."

וואס קאן איצט אויף דעם ענטפערען היימאן און די אנדערע פון דער זאגענאנטער „עקשאן קאמיטע"? האט ווער עס איז אויסגעטראכט אויף די קאמוניסטען, אז זיי ווילען באהערשען די יוניאנס, אדער איז עס ווירקליך אזוי? די רעזאלוציע אין דער „פרייהייט" גיט עס דאך צו גאנץ אפען?

לוים דער זעלבער רעזאלוציע, דארפען די „פראגרעסיווע עלעמענטען" אין די יוניאנס אויסגענוצט ווערען אלס איינער פון די מיטלען אויף צו ברענגען די ארבייטער מאסען אונטער דער קאמוניסטישער פארטיי־הערשאפט.

א גרויסער צאל מיטגלידער אין אונזער יוניאן האט אהן צווייפעל פראגרעסיווע אויפנאבען אין אונזערע יוניאנס. א געוויסער צאל „עקספעלטע" עקזעקוטיווען האבען אפשר אויך פראגרעסיווע שטרעבונגען אין דער יוניאן. אבער אט די אלע פראגרעסיווע און רעכט דענקענדע ווילען די קאמוניסטען באהערשען און מאכען פאר זייער א בלינדע ווערקצייג.

וואלט שוין ניט צייט געווען פאר די אלע פראגרעסיווע און פארטגעשריטענע קלאוקמאכער און דרעסמאכער צו זאגען אויף א הויכען קול די קאמוניסטען: גענוג אויסגענוצט אונזער נאאיווע עהרליכקייט! נישט אונזערע יוניאן אויפגאבען זיינען צו ברענגען די קלאוק און דרעסמאכער מאסען אונטער אייער קאמוניסטישער הערשאפט! מיר וועלען זיך ניט לאזען אויסנוצען פאר אייערע פארטיי צוועקען!

די זעלבע קאמוניסטישע רעזאלוציע רעקאמענדירט איהרע פארטיי מעמבערס פון איצט אן לויפען אין די יוניאנס אלס קאמוניסטען, מיט ספעציעלע קאמוניסטישע ערקלעהרונגען.

האפענטליך וועט דאס עפענען די אויגען פון אלע קלאוק און דרעסמאכער. עס וועט שוין ניט נויטיג זיין אראפצורייסען די פייגענבלעטער, מיט וועלכע די קאמוניסטען האבען זיך פארשלייערט. היימאן וועט מוזען זוכען אן אנדערע „לאיערשע" פראקטיק; דער „מאנ" וועט שוין ניט האבען קיין גרונד צו רעקאמענדירען אן אומפארטייאישען טשערמאן. פאר די קלאוק און דרעסמאכער וועט אלעס זיין אפען און קלאר. מען וועט זיי ניט קענען נארען און פארפיהרען.

כדי אויסצושפרייטען זיך אין די יוניאנס, לעגט די רעזאלוציע פאר, „פינאנסירען די פארטיי־ארבייט אין די טרייד־יוניאנס" מיט 10 סענט פון די דיוס וואס עס קומט אריין אין נאציאנאלען אפיס פון דער וואירקערס פארטי.

נו, אומפארטייאישע, איהר, וואס האט געהאפט דורך זייטיגע מענשען צו באזייטיגען דעם ברודער־קאמף אין דער קלאוק־ און דרעסמייקערס יוניאן; איהר, וואס האט געגלויבט די יעזואיטען אין זייער אויפריכטיגקייט אין באצוג פון אן אומפארטייאישען געריכט. וועט אייך אפשר שוין די רעזאלוציע פון דער קאמוניסטישער פארטיי איבערצייגען, אז דער קאמף איז ניט אין די אינטערעסען פון דער יוניאן נאר אין די אינטערעסען פון דער קאמוניסטישער פארטיי? עפענט ברידער אייערע אויגען, ווי לאנג עס איז נאך ניט צו שפעט.

צו וואס פאר א מיאוס'קייטען קאמוניסטען קענען דערגעהן, לעזט און שטוינט: די פארטיי, שרייבט די רעזאלוציע, וועט אנפיהרען א קאמף צו ארגאניזירען שאפ־קאמיטעס אין אלע אינדוסטריעס. אין די שאפ־קאמיטעס קענען זיין אלע, צי זיי זיינען יוניאן לייט אדער ניט. די שאפ־קאמיטעס זאלען ארויסשטעלען די פאדערונגען פאר די ארבייטער און פארמירען דעם באזיס פאר א געמיינזאמען קאמף געגען קאפיטאל.

ווי געפעלט דאס אייך?

די, וואס שרייען „א יוניאן פון די מאסען פאר די מאסען" גיבען איבער די יוניאן אין די הענט פון עפעס קאמיטעס. אנשטאט די ברייטע מעמבערשיפ זאלען די דאזיגע קאמיטעס ארויסשטעלען די פאדערונגען. און נאך ווי אימפארשעמט! אין די שאפ קאמיטעס קענען און מעגען זיין פארטראטען ניט קיין יוניאן־לייט.

קען אזא רעזאלוציע זיין צוזאמענגעשטעלט פון יוניאן־לייט? איז דאס ניט א שטיק מאסקווער קאמיסארישע ארבייט?

וואס וועט איהר, אלטע אויספרובירטע יוניאן קעמפער, איצט זאגען? איהר, וואס האט ארויסגעטראגען דעם אידישען יוניאניזם אויף אייערע אויסגעהארעוועטע רוקענס; איהר הארעפאשנע יוניאן־לייט. וועט איהר איבערגעבען דעם גורל פון אייער יוניאן אין די הענט פון דער אומפאראנטווארטליכער באנדע?

אט צו וואס נאך די חברה האבען זיך דערטראכט. די קאמוניסטישע פארטיי מוז נעהמען אן אקטיווען אנטייל אין סטרייקס און אין אנדערע סכסוכים איבער שכירות. זי מוז האבען א פראגראם מיט פאדערונגען פאר אלע אזעלכע מאסען־באוועגונגען. די קאמוניסטען מוזען קעמפען פאר דער פיהרערשאפט פון אט די מאסען.

ווי איהר זעהט, וועט איהר האבען א יוניאן, אבער א פראגראם מיט פאדערונגען פאר אייך צו די בעלי־בתים וועט האבען די קאמוניסטישע פארטיי שטענדיג גרייט. מיר דאנקען די קאמוניסטען פאר דער אומגעבעטענער טובה. זיי דארפען דאך אמווייניגסטענס אנפרעגען ביי די יוניאן־לייט, וואס וועלען דארפען סטרייקען פאר די פאדערונגען, וועלכע די קאמוניסטען וועלען „שטענדיג האבען גרייט". און זיי סטראשען, ברידער קלאוקמאכער, אז איהר וועט מוזען אננעהמען זייער פיהרערשאפט, צי איהר וועט וועלען אדער ניט. צי זיי זיינען פעהיג אדער אומפעהיג. אויב ניט, וועט זיין וועה צו אייך! מען וועט די פיהרערשאפט אויסקעמפען מיט די געמיינסטע און שמוציגסטע מיטלען. מען וועט אייך פארבראקען און פארשפייען, אויב איהר וועט זיך ניט אפדוקען און מאכען פלאץ פאר די קאמוניסטען. איהר וועט ווערען פארשריגען אלס „פארקויפטע", אלס „פאררעטער". מען וועט אייך מאכען פאר אן אויסוואורף, פאר א „שארלאטאן". מען וועט אייך טיטולירען אלס גנב, באנדיט, דעמאגאג, ביוראקראט, טשינאווניק, און צו אלעם אנדערע, אויך זייער זידעל־שפראך האט אן ענדע, — „קאנטר־רעוואלוציאנער".

אט אזוי בויען די קאמוניסטען אויף דער טעמפקייט און אומוויסענהייט פון די ארבייטער־מאסען!

איך וויל אבער גלויבען, אז די אינדוסטריעלע רעזאלוציע פון דער קאמוניסטישער פארטיי וועט עפענען די אויגען פון אלע באוואוסטזיניגע, אויפריכטיגע יוניאן לייט, פון אלע פראקטישע און אקטיווע טוער.

די אלע מיטגלידער, וואס זיינען באמת געטריי אונזער יוניאן, די אלע וועלען זיך שטעלען מיט'ן רוקען צו די קאמוניסטען. זיי וועלען זיך גרופירען ארום דער יוניאן און אויסרייניגען פון איהר דעם ניט־נויטיגען אנגעזאמעלטען שמוץ, מיט געמיינזאמער מיה די יוניאן קרעפטיגען צו קענען אויפנעהמען דעם קאמף געגען אונזערע בעלי־בתים אין דער נאהענטער צוקונפט, אויב אזעלכער וועט נויטיג זיין.

מיט טרייד יוניאן גרוס,
א. ר.,
מעמבער פון לאק. 35.

א מעמבער פון לאקאל 9 ווייזט אן אויף היימאנ'ס מעשים אין דער יוניאן

ווערטער רעדאקטאר:

אלס מעמבער פון אונזער גרויסער קלאוקמאכער יוניאן, ווינש איך איהר זאלט מיר ערלויבען דורך דער „גערעכטיגקייט" צו כאראקטעריזירען דעם יעצטיגען צושטאנד.

פון דעם 1טען מאי ביז דעם 1טען אויגוסט איז בלויז 90 טעג. אבער נעמענדיג אין באטראכט דאס, וואס מיר האבען איבערגעלעבט אין דיזער קורצער צייט, לוינט זיך אפצושטעלען אויף אלעם וואס האט פאסירט.

1. די 1טע מאי פייערונג אין מעטראפאליטען אפערא האוז און אלגין'ס רעדע דארט.
2. די דזשאינט באארד סוספענדירט די דריי עקזעקוטיווס פון די לאקאלס 2, 9, און 22.
3. דער טרייאל.
4. דעם גאווערנארס קאמישאן רעפארט.
5. עס ווערט באשאפען די זאגענאנטע „דזשאינט עקשאן" קאמיטע מיט ל. היימאן אלס טשערמאן.
6. יענקי סטאדיום מיטינג.
7. די אינטערנעשאנאל שיקט ארויס א רעפערענדום וועגען דעם רעפארט פון דעם גאווערנארס קאמישאן.
8. די „עקשאן קאמיטע" לאזט ארויס ליפלעטס צו די קלאוקמאכער, אז זיי זאלען זיך ניט באטייליגען אין דעם רעפערענדום.
9. 10,337 קלאוקמאכער שטימען אנצונעמען די רעקאמענדאציע פון דעם דזשאינט באארד, אז יעצט איז ניט דער מאמענט צו סטרייקען.
10. פערלשטיין און פיינבערג שיקען אריין זייערע רעזיגניישאנס, און פרעזידענט זיגמאן נעמט איבער די פיהרערשאפט פון דזשאינט באארד.

ווען די אלע בילדער שוועבען דורך פאר מיינע אויגען און קלערענדיג פון די אלע פערזאנען, וואס האבען גענומען אן אנטייל אין די אלע פאסירונגען, וועל איך זיך אפשטעלען בלויז אויף 2 פערזאנען, וואס, נאך מיין מיינונג, זיינען זיי די יעניגע, וואס האבען אויף אונז ארויפגעצוואונגען דעם יעצטיגען צושטאנד. דאס איז אלגין פון דער „פרייהייט" און היימאן, דער געוועזענער מענעדזשער פון לאקאל 9.

ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס אלגין איז אונזער גרעסטער געגנער, און גלויבענדיג אז אלגין איז דער גרעסטער און ביטערסטער שונא פון אונזער אינטערנעשאנאל און פון אלע אידישע יוניאנס בכלל, דאך איז מיר פון א געוויסען שטאנדפונקט אלגין א סך סימפאטישער ווי היימאן, און אט פאר וואס: אלגין טאנצט לכל הפחות ניט אויף 2 חתונות; צו וועמען ער באלאנגט, דעם רעפרעזענטירט ער. דאס איז זיין לעבען און זיין עקזיסטענץ.

פון אלגין'ען קענען מיר קיין בעסערס ניט ערווארטען. וויפיל ער זאל ניט זוכען צו צושטערען אונזער יוניאן, און ווי אזוי מיר זאלען ניט דארפען ליידען פון זיינע טעאריעס, איז אונזער וועהטאג ניט אזוי גרויס, ווייל אלגין איז דאך ניט אונזערער, ער האט דאך קיינמאל ניט באלאנגט צו אונזער יוניאן און ער האט אונז גארניט צוגעזאגט.

אבער אונזער געוועזענער מענעדזשער היימאן האט דאך אונז זעהר א סך צוגעזאגט; און אז איך זעה איהם יעצט אלס א טשערמאן פון דער „עקשאן קאמיטע", וואס זוכט דורך פארשיידענע מעטאדען צו פארניכטען אונזער ארגאניזאציע דורך פארשידענע ליפלעטס און צירקולארען, וואס רופען די מעמבערס צו „מאביליזאציע" געגען דער יוניאן, וואס אגיטירען ניט צו צאהלען קיין דיוס און ניט צו צאהלען צו דעם אנעמפלאימענט אינשורענס־פאנד, באטש דאס איז דאך דאס בעסטע וואס מיר האבען ווען געהאט — דאן קען מען שוין ניט בלייבען גלייכגילטיג און מען מוז פאר וועהטאג אויסשרייען:

ברודער היימאן! איהר באגעהט א גרויסען פארברעכען! איהר באגעהט א פארברעכען געגען די מעמבערשיפ פון אונזער יוניאן און זייערע פאמיליעס! צוליב פערזענליכע קריוודעס זוכט איהר צו פארניכטען אלעס, וואס מיר האבען דורך אזוי פיל־יאהרען אויפגעבויט!

די גרעסטע שונאים, וואס האבען אלע מאל געזוכט צו צוברעכען און צו פארניכטען אונזער יוניאן, האבען ניט געוואגט און ניט געטאן דאס, וואס ברודער היימאן, אונזער „פריינד", האט געטאן אין דער צייט פון זיין אדמיניסטריישאן — ער איז געווען א באצאהלטער באאמטער פון איין ארגאניזאציע און האט רעפרעזענטירט א צווייטע, א געגנערשע, וואס זוכט אונז צו פארניכטען.

היימאן קליימט, אז דער דזשאינט באארד האט ניט געהאט דאס רעכט צו סוספענדירען זייערע אדמיניסטריישאנס, ווייל זיי זיינען די געזעצליכע אויסדערוועהלטע פון די מעמבערס. אבער ווייס „ברודער" היימאן, אז די יעניגע, וואס האבען געוואוט פאר איהם, האבען בלויז געוואוט פאר א מענעדזשער פון א יוניאן־לאקאל וואס האט אויף זיך יוניאן־פליכטען און אויפגאבען, אבער קיינמאל ניט פאר מענעדזשער וואס רעפרעזענטירט די „עדיוקיישאנאל ליג" אדער די „וואירקערס פארטי"?

און נאך אלעמען קומט ער מיט טענות, אז מען האט איהם איגנארירט. איך זאג, אז ניין. ווארים ווען ער זאל געווען קומען צום דזשאינט באארד אלס א פריינדליכער לאקאל־מענעדזשער מיט נויטווענדיגע און דורכפיהרבארע לאקאל פאדערונגען צו פארבעסערען דעם עקזיסטענץ פון דעם לאקאל, וואלט איהם קיינער ניט איגנארירט.

אין דער צייט פון זיין אדמיניסטריישאן פון דריי און א האלב יאהר, וואס זיין אויפגאבע איז געווען צו שטיצען דער יוניאן אלס א גאנצע און צו מאכען דעם לאקאל פאר'ן שענסטען און פאר'ן בעסטען און צו באווארענ'ען די פינישערס מיט א בעסערער עקזיסטענץ, האט ער דאס אפילו געטרייעט צו טאן? איך זאג, אז ניין! די איינציגע זאך, וואס ער האט יא געטאן, איז געווען צו דיסקרעדיטירען אונזער יוניאן פאר דער וועלט און פאר דער גרויסער מעמבערשיפ, און ווען ער איז געקומען צו דעם דזשאינט באארד אלס א שונא, אלס א סטראשידלע, אלס אן אנשיקעניש, היינט ווי אזוי האט מען געקענט מיט איהם אנדערש האנדלען?

איך וואלט געוואלט וויסען ווי אזוי זיינע „חברים" וואלטען געהאנדעלט אין אזא פאל.

מיט ברידערליכען גרוס,
מ א ק ס ק י פ נ י ס,
מעמ. לאק. 9, לעדוש. 8904.

די געמיינהייט פון דער פרעכהייט „פרייהייט".

ווערטער רעדאקטאר פון „גערעכטיגקייט"

ערלויבט מיר אויסצודריקען א פאר ווערטער פון פראטעסט צו דער רינשטאק בלעטעל „פרייהייט".

זייענדיג ביים מיטינג פון בער פרעסער יוניאן לאקאל 35, דעם 6טען אויגוסט אין וועבסטער האל, פון אנפאנג ביז צום ענדע, און לעזענדיג די „פרייהייט" (צופעליג) פון 7טען אויגוסט, צווינגט מיר צו שרייבען דיזע צייל'ען. אך, ווי נידערטרעכטיג פארלומדעריש עס איז איהר האנדלונג, ווען דאס בלעטעל שרייבט, אז ברעסלאווער זאל האבען אויסגערופען: „ווער עס איז פאר דער רעזאלוציע, זאל געבען א צייכען מיט דער האנט, און ער האט גלייך געגעבען א קלאפ מיט'ן האמער; „און דערמיט פארטיג." איז ביי איהם ארויס נאך איידער אפילו מען האט איבערגעצעהלט די שטימען.

איך באהויפט נאך אמאל, אז דאס איז א בייזוויליגע און שמוציגע פארלעמדונג. אט וואס עס איז פארגעקומען: ברעסלאווער האט אויסגערופען: ווער עס איז פאר דער רעזאלוציע זאל געבען א צייכען מיט דער האנט. (און ער האט אנגעשטעלט געגוג צעהלער אויף צו צעהלען די שטימען). האט אבער דער גאנצער עולם אין האל, ווי איין מאן, אויפגעהויבען די הענט. זעלבסטפארשטענדליך, האט מען מעהר ניט נעדארפט צעהלען, ווי דאס פאסירט ביי פילע פארשיידענע מיטינגען. און נאכדעם האט ער אויסגערופען: „דאגעגען". — איז געווען קוים 10 אדער 12 געהויבענע הענט. און דאס קאן יעדערער באשטעטיגען, ווער עס איז געווען אנוועזענד אויף יענעם מיטינג.

עס איז אמת, אז דאס בלעטעל רופט זיך „פרייהייט". דאס איז דערפאר, ווייל זי איז „פריי" צו בלאפען און פארלומדען אלץ וואס ווערט געטאן אין דער יוניאן.

מיט פריינדליכען גרוס,
ס. ניטלים,
מעמבער לאק. 35, לעד. 3112.

ווייסט איהר, ווי עס האט זיך אנטוויקעלט די אידישע ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא? לעזט די געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט וואָרקערס יוניאן, פון ה. לואיס לעווין, און איהר וועט מיט אלץ באקאנט ווערען.

די שטאטליכע און פריוואטע פענשאן-סיסטעם

פון דר. הערמאן פראנק.

די סיסטעם פון עלטער-פענשאנס פאר ארבייטער און אנגעשטעלטע ציהט אין דער לעצטער צייט גרויס אויפמערקזאמקייט און אינטערעס. צוויי געגענגעזעצטע שטרעמונגען אין דעם ריזיגען פעלד זיינען היינט צו טאג ווירקזאם אין אמעריקא. פון איין זייט באמערקט זיך א ברייטע באוועגונג איינצופיהרען דא אין לאנד שטאטליכע עלטער-פענשאנס, לויט דעם ענגלישען מוסטער, און פון דער צווייטער זייט ווערט אלץ גרעסער די שטרעבונג צווישען די קאפיטאליסטען צו גרינדען פריוואטע פאנדס אין יעדער אונטערנעהמונג פאר זיך אליין. אין אזא וויכטיגער לעבענס-פראגע, ווי עס איז די פראבלעם פון עלטער-פענשאנס איז די פליכט פון יעדען באוואוסטזיניגען ארבייטער זיך אפצוגעבען א קלארען באריכט וועגען די ביידע סיסטעמען און אנצייכענען אויף דעם ריזיגען געביט גאנץ באשטימטע צילען פון דער ארבייטער-באוועגונג.

די שטאטליכע פענשאן-סיסטעם פאר די אלטע וועטעראנען פון דער אינדוסטריע איז אן איינפאכער געבאט פון סאציאלער גערעכטיגקייט. עס טאר ניט געשעהן, אז צעהנדליגער טויזענטער ארבייטער, וועלכע האבען זייער גאנצען לעבען אפגעשלאפט אין דער אינדוסטריע, זאלען בלייבען אויף דער עלטער אהן וועלכע עס איז עקזיסטענץ-מיטלען, דאס מיינט פארוואנדעלט ווערען אין היימלאזע בעטלער און פאופערס. כמעט אין אלע פארטגעשריטענע לענדער פון אייראפא און אין גאנץ אויסטראליען איז שוין מיט יאהרען צוריק די דאזיגע סיסטעם איינגעפיהרט געווארען אין לעבען. אין אמעריקא האבען דערווייל אזא סיסטעם איינגעפיהרט בלויז 3—4 סטייטס, און דערביי איז איבעראל פארגעקומען א גאנץ שארפער קאמף צווישען די פארטגעשריטענע עלעמענטען און די רעאקציאנערען, וועלכע האבען די באוועגונג מיט אלע מיטלען געוואלט דערשטיקען. אין דעם גרעסטען אינדוסטריע שטאט, פענסילוואניא, האבען די פינסטערע כחות דערווייל געזיגט און אפגעהאלטען די איינפיהרונג פון דעם געזעץ אויף אן אומבאשטימטע צייט. אין א גרויסער צאהל סטייט-לעגיסלייטשורס געפינען זיך שוין פראיעקטען פון פענשאן-געזעצען, און אויך אין דעם יונייטעד סטייטס קאנגרעס איז מיט א צייט צוריק, דורך דעם סאציאליסטישען רעפרעזענטאטיוו, וויקטאר בערגער, אריינגעטראגען געווארען א פארשלאג פון א פעדעראלען „אלד אייזדש פענשאן ביל". קיין זעהר באדייטענדע פראקטישע נוצען זיינען אבער דערווייל, ווי מיר זעהען, נאך ניט ארויסגעקומען, הגם די באוועגונג איז שוין ארום 10 יאהר אלט.

ביז מיט א פאר יאהר צוריק איז דער איינציגער אקטיווער קעמפער פאר דער ריזיגער וויכטיגער סאציאלער רעפארם געווען די ארגאניזירטע ארבייטערשאפט. די „פעדערישאן אוו לייבאר" האט אויסגעווירקט די נויטיגע געזעצען וועגען באזונדערע אונטערזוכונגס קאמיטעס אין די סטייטס, וואו די פראגע איז צוערשט ערוועקט געווארען, ווי מאסאטשוזעטס, אהייא און פענסילווייניא. יוניאן-פיהרערס האבען איבעראל גענומען אן אקטיווען אנטייל אין די נייע איינריכטונגען — די אלד-אייזדש באארדס — פון די שטאטען, וואו דער געזעץ איז איינגעפיהרט געווארען, ווי מאנטאנא און נעוואדא. אין פענסילווייניא האבען די יוניאנס אויפגענומען א קאמף אויף לעבען און טויט מיט די קאפיטאליסטען און זייערע יוצר-משרתים, וואס ווילען די סיסטעם אונטערגראבען.

לעצטענס איז אבער די באוועגונג איינצופיהרען שטאטליכע עלטער-פענשאנס אריינגענומען געווארען אין פראגראם פון א צווייטער געזעלשאפטליכער ארגאניזאציע; דאס איז דער פראטערנאל ארדען פון די „איגלס", וועלכער באשטעהט פון איבער 700 טויזענט מעמבערס איבער׳ן גאנצען לאנד. דער ארדען ארבייט זעהר אקטיוו און פלאנמעסיג איינצופיהרען די סיסטעם אין אלע סטייטס און האט שוין אפגעהאלטען עטליכע באדייטענדע ערפאלגען. מיט איינינגע מאנאטען צוריק איז אריינגעטראגען אין געזעצליכער קראפט דער „אלד אייזדש פענשאן ביל" אין וויסקאנסין, וואו די „איגלס" האבען זעהר פיל ביי־געטראגען צו דער דורכפיהרונג פון דער רעפארם. אויך אין קאליפארניע האט דער ארדען צוגעגרייט די איינפיהרונג פון אזא געזעץ, אבער צוליב דער וועטא פון גאווערנער, איז די רעפארם צייטווייליג פארהאלטען געווארען.

די גרויסע אנשטרענגונגען, וועלכע מוזען דא אין לאנד געמאכט ווערען, כדי איינצופיהרען אזא מעסיגע סאציאלע רעפארם, ווי שטאטליכע עלטער-פענשאנס, ערקלערען זיך מיט דער שטארקער אפאזיציע געגען דעם פרינציפ פון א שטאטליכער אריינמישונג אין עקאנאמישע אנגעלעגענהייטען. אונטער דער דעמאקראטישער מאסקע פון דער הייליגער רעכט פון יעדען בירגער און פון יעדען סטייט האבען די אמעריקאנער קאפיטאליסטען זיך באשאפען א „חזקה" צו עקספלאאטירען די ארימע מאסען פון פאלק. צוליב דער ארגאניזירטער אפאזיציע פון די אונטערנעהמער, קענען נאך אלץ ניט דורכגעפיהרט ווערען אזעלכע נויטיגע פאבריק-געזעצען, ווי דער פארבאט פון קינדער-ארבייט, דער שוץ פון פרויען-ארבייטער וכדומה. איצט האט זיך אויף דער זעלביגער שטרעבונג אנגעשטויסען די פראגע פון א געזעצליכער פארזארגונג פון אלע ארבייטער אויף דער עלטער, וואס דארף זיין די פליכט פון דער גאנצער געזעלשאפט, דאס מיינט פון שטאט. די קאפיטאליסטען פארשטעהען צו פארפיהרען און אפנארען די געזעלשאפטליכע מיינונג און קענען דעריבער גאנץ לייכט באגראבען די וויכטיגע רעפארם.

היינט צו טאג זיינען שוין אין אמעריקא פארהאן ארום 800 אונטערנעהמונגען, וועלכע האבען אין אזא אדער אן אנדער פארם איינגעפיהרט ביי זיך פענשאנס פאר ארבייטער און אנגעשטעלטע. ליידער איז עס, ווייזט אויס, ניט שווער פאר די אונטערנעהמער צו שלאגען קאפיטאל פון דער אומפארזיכטיגקייט און אומערפאהרענהייט פון די ארבייטער-מאסען. דער ערשטער איינדרוק פון אזעלכע איינריכטונגען פיהרט, געוועהנליך, דערצו אז עס ווערט געגעבען די קאפיטאליסטען קרעדיט פאר זייער ברייטהארציגקייט און פארטגעשריטענעם גייסט. די ארבייטער, באזונדערס די עלטערע צווישען זיי, ווערען געניינגט צו זעהן אין דער איינריכטונג א ווירקזאמען מיטעל צו פארבעסערען די מאטעריעלע לאגע אין דער צייט, ווען מען ווערט אלט און שוואך. דער אומגליק איז נאר, אז די ארבייטער האבען נאך ניט איינגעזעהן, אויס וועלכע מאטיווען און שטרעבונגען די אונטערנעהמער פיהרען, געוועהנליך, איין ביי זיך די פענשאן-פאנדס; און גאנץ אפט מוז דער ארבייטער באצאהלען פאר זיין לייכטזיניגקייט א צו טייערען פרייז.

מיט עטליכע צעהנדליג יאהר צוריק האבען די קאפיטאליסטען באטראכט די פענשאן-סיסטעם פשוט אלס א מין צדקה איינריכטונג, וועלכע גיט ארויס נדבות צו „אויסגעדינטע ארבייטער". שפעטער האט זיך דער קורס געביטען, און די סיסטעם איז איבערגעבויט געווארען מעהר אין איינקלאנג מיט׳ן זעלבסטרעספעקט פון די ארבייטער-מאסען. די אונטערנעהמער האבען אנגעהויבען מאכען רעגולערע קאנטריביושאנס אין פאנד פון די אייגענע מיטלען און גאנץ אפט אויך אפילו גענומען רעגולערע קאנטריביושאנס פון די ארבייטער, וועלכע האבען געמוזט ביישטייערען איין פראצענט אדער מעהר פון זייערע וויידזשעס. שטענדיג פלעגען אבער די קאפיטאליסטען באטראכטען די קאסטען אלס א גאנץ פראדוקטיווע אויסגאבע, וועלכע באצאלט זיך כפל כפלים. זיי האבען, נעמליך, איינגעזעהן, אז צוליב דעם פענשען פאנד, וועלכער בינדט צו די ארבייטער צו דער אונטערנעמונג, פארקלענערט זיך זעהר שטארק דער „לייבאר טוירען-אווער", דאס מיינט די ארבייטער האבען קיין חשק ניט צו פארלאזען די רזשאבס. דער איינפלוס פון דעם באס אויף די ארבייטער מוז אין אזעלכע אומשטענדען ווערען אלץ שטארקער און שטרענגער. אפט דינט די סיסטעם אלס א מיטעל אפצושרעקען די ארבייטער פון סטרייקס און אנדערע קאמפס-ארויסטרעטונגען. דער פועל יוצא איז, אז די פריוואטע פענשאן-סיסטעם איז אן איינריכטונג, וואס דינט הויפטזעכליך די אינטערעסען פון די קאפיטאליסטען.

אויסער די אלגעמיינע חסרונות פון אזא סיסטעם זיינען נאך אין איהר פאראן אייניגע אינערליכע פעלערען, פון וועלכע די ארבייטער האבען פון אנהויב ניט געוואוסט, ווייל זיי ווארפען זיך ניט אזוי שטארק אין די אויגען. קודם-כל, איז די סיסטעם אין 95 פאלען פון א הונדערט ניט ריכטיג באגרינדעט פון דעם מאטעמאטיש-וויסענשאפטליכען שטאנדפונקט. טויזענטער ארבייטער זיינען אויף א געמיינעם אופן פארפירט געווארען פשוט צוליב דעם, וואס די פאנדס, וועלכע האבען זיך אנגעקליבען, זיינען ניט גענוג גרויס געווען נאכצוקומען די פארפליכטונגען, דאס מיינט אויסצוהאלטען דעם פענסיאנירטען ארבייטער אין משך פון זיין גאנצען לעבען. אפט באטרעפען די רעזערוו-קאפיטאלען פון אזא פאנד, אין אן אונטערנעמונג מיט טויזענטער ארבייטער, ארום א האלבען מיליאן דאלאר, אין דער צייט ווען דער פלאן פאדערט א קאפיטאל פון מיליאנען, כדי צו קענען פונקציאנירען אויף א רעגעלמעסיגען און זיכערען אופן.

דער צווייטער גרונד-פעלער פון דער פריוואטער סיסטעם איז די פולשטענדיגע אונצופערלעסיגקייט בנוגע צו דער צוקונפט פון דער אונטערנעמונג, וועלכע באלעבאטעוועט איבער די געלדער, וואס

(שלוס אויף זייט 14).

שארלאטאנעם, וואס די וועלט האט אמאל געזעהן, וועט עס אויף דער פיהרערשאפט פון דער יוניאן ניט מאכען דעם מינדעסטען איינדרוק. זי באטראכט אזעלכע מיטינגען פאר אויטלא-מיטינגען, אבער ניט פאר מיטינגען פון יוניאן-מעמבערס. אזעלכע באשליסע זיינען ניט און קענען ניט זיין פאר איהר פון דעם מינדעסטען ווערט. זי מוז אויספאלגען דעם מאנדאט, וואס עס איז איהר איבערגעגעבען געווארען פון דער קאנווענשאן און ביז א צווייטער קאנווענשאן, איינבארופען אויף א געזעצליכען אופן, וועט איהר ניט באפרייען פון איהר פליכט, וועט זי איהר פליכט ערפילען פול און גאנץ. וואס ביטערער די פליכט, אלץ זיסער איהר באוואוסטזיין דאס זי טוט עס פאר דער יוניאן, צו וועלכער איהרע בעסטע לעבענס-כחות זיינען געווידמעט געווארען.

* *

און אז די יוניאן-מיטגלידערשאפט האט דאס פארשטאנען, האפען מיר, וועט זי אויך פארשטעהן, אז עס קען נאר זיין איין וועג, וואס מוז פיהרען צו פרידען אין דער יוניאן. און דער וועג איז א גאנץ קלארער: אויסוואייכען, ווי די פעסט, די אויטסיידער, וואס ווילען זיך מיט גוואלד אריינרייסען אין אונזער יוניאן-טעמפעל, און פארשוועכען אין איהם אלץ, וואס איז דער גרויסער מאיאריטעט קלאוקמאכער אזוי הייליג צוליב די פילע קרבנות וואס זיינען געבראכט געווארען פאר איהם. די חברה יוניאן-ברעכער מוזען ענדליך דערפיהלען, אז זייער בייזער, נידערטרעכטיגער שפיל איז צו-ענד. און דאס קען און זאל דער קלאוקמאכער אויספיהרען אין דעם איצטיגען מאמענט: ער האט נאר איין זאך צו טאן. אוועקצובלייבען פון זייערע מיטינגען. זאלען זיי אנפילען זייערע מיטינגען מיט אלערליי לויפערס; זאלען זיי בלאפען, אז דאס זיינען געווען די קלאוקמאכער, וואס האבען אנגעפילט זייערע מיטינגען. זאלען אבער די קלאוקמאכער אליין אוועקבלייבען פון זיי, און ניט ווערען געפלאגט פון זייערע יוניאן-געוויסען, דאס זיי האבען געהאלפען די ערגסטע אויסוואורפען, די ערגסטע יוניאן-שונאים אין זייערע געמיינע אבזיכטען צו צוברעכען די יוניאן, צו וועמעס גרויסע אויפטואונגען פאר די ארבייטער עס איז כמעט קיין גלייכען ניטא אין דער גאנצער ארבייטער-באוועגונג.

א פאר ווערטער צו די ניי-ערוועהלטע באאמטע און עקזעקוטיוו באארדס פון לאקאל 2 און 9

מיר גראטולירען אייך פון טיפען הארצען. ניט אזוי מיט דעם פאקט, וואס איהר זיינט אויסערוועהלט געווארען, נאר מיט דעם פאקט, וואס איהר האט איינגעוועלינט אין דער איצטיגער שווערער צייט צו דינען דער יוניאן.

• • •

אין די בעסטע צייטען איז ניטא פיל וואס מקנא צו זיין דעם יוניאן באאמטען, וואס איז געטריי זיין יוניאן און די אויפגאבען, וואס די יוניאן שטעלט איהם. זיין חלק איז מעהר אונדאנקבארקייט, ווי דאנקבארקייט, אנשטאט ליבע און פריינדשאפט מוז ער אפט ליידען פון די געפיהלען פון קנאה און שנאה נעגענאיבער איהם. פאראן מענשען, וואס זיינען פון דער נאטור אויס ניט קיין פארגינער. ווארום קומט עס איהם אדער איהר אזא כבוד? בין איך ניט אזוי גוט, אזוי קלוג, אזוי פעהיג, ווי ער? און אויף דעם סמך ערלויבט זיך דער ניט-פארגינער אלערליי רשעות נעגען זיין באאמטען. אבער זיי זיינען ניט די איינציגע, פון וועלכע דער געוויסענהאפטער באאמטער ליידט. די, וועלכע האבען פאר איהם געשטימט, מיינען, אז זיי האבען איהם געטאן די גרעסטע טובה אין דער וועלט, און זיי ערווארטען, נאטירליך, אז ער זאל מיט עפעס ארויסווייזען זיי זיין דאנקבארקייט: ער זאל ניט באשטעהן אזוי שטרענג אויף יושר, אויף אונפארטייאישקייט פאר אלעמען גלייך. ער זאל אימער געדענקען, צו וועמען ער איז פארפליכטעט פאר זיין אויסוואהל, און וועה און וויינד איז צו דעם באאמטען, וועלכער פארגעסט אן דעם, און וויל דינען דער יוניאן אין אלגעמיין. זיינע נעכטיגע פריינד ווערען פארוואנדעלט אין ביטערע שונאים. מיט אמאל ווערט ער איינגאנצען אונפעהיג, און ער מוז אויסשטעהן אלערליי נגישות, וועלכע פארביטערען איינעמס לעבען.

• • •

אזוי איז עס אין גאנץ געוועהנליכע רוהיגע צייטען, ווען אלעס געהט כשורה. אפילו דאן מוזען מיר באוואונדערען דעם קוראזש פון איינעם, וואס לויפט אויף אירגענד א יוניאן-אמט. זיין וועג איז אויסגעשפרייט מיט דערנער, כאטש ביי זיין אינסטאלישאן קריגט ער אמאל אלס געשאנק א בלומען קראנץ. וויפיל מעהר מוזען מיר באוואונדערען די ניי-אויסערוועהלטע באאמטע און עקזעקוטיוו באארדס פון די צוויי דערמאנטע לאקאלס אין דער איצטיגער צייט פון שטורם און דראנג, ווען אנשטאט כבוד, אנשטאט אנערקענונג זיינען זיי באריט באזידעלט און באשפיגען צו ווערען פון יעדען נאכען-יונג, פון אלערליי בלאטע-שיסער, וואס האבען זיך אזוי שטארק צופלאריעט אויף אונזער גאס?

• • •

בנאמנות, עס איז א העלדישקייט, און א העלדישקייט, וואס קומט פון א שטארקען פליכט-געפיהל צו זייער יוניאן, אין וועלכען דאס פערזענליכע ווערט פארזונקען אין די אינטערעסען פון דעם כלל, פון דער יוניאן, מיר פיהלען זיך באמת שטאלץ, דאס מיר האבען אין אונזערע רייהען אזעלכע פליכט-געטרייע מענשען, אזעלכע העלדישע מענשען, וועלכע שרעקען זיך ניט אפ פאר קיין זאך, ווען עס געהט אום דעם וואוילזיין פון דער יוניאן. אזא יוניאן קען ניט פארניכטעט אדער זאגאר אפגעשוואכט ווערען פון אירגענד וועלכע טריקסטער, ווי קונציג זיי מעגען שפינען זייערע בלאפס. אזא יוניאן, וואס באזיצט אזא עלעמענט פון מענשען, וואס זיינען פערטיג זיך צו אפפערען פאר דער יוניאן, שטעלען זיך אין סאמע פראנט, ווען די קוילען פון דעם פיינד פאלען אזוי געדיכט, איז א פעסטונג, וואס קען ניט און וועט ניט פון קיינע בייזע כחות איינגענומען ווערען.

• • •

איין זאך ווינשען מיר נאר, אז די אויסערוועהלטע עקזעקוטיוו באארדס און די נייע באאמטע פון אונזערע צוויי גרויסע לאקאלס זאלען בלייבען אויף דערזעלבער הויך פון די געפיהלען, וואס האבען זיי געצוואונגען צו פארנעהמען זייערע אמטען, פאר די גאנצע צייט פון זייער טערמין, צו וועלכען זיי זיינען אויסערוועהלט געווארען. זיי זאלען אויף א האר ניט אפטרעטען פון זייערע שווערע פליכטען, וואס זיי האבען גענומען אויף זיך. זיי זאלען געפינען אין זיך דעם נויטיגען גייסטיגען כח צו איגנארירען אלערליי פארלוימדונגען, צו וועלכע זיי זיינען זיכער אויסגעזעצט, און נאר דערפאר, ווייל זיי האבען ארויסגעוויזען אזא אונערשראקענהייט אין דעם איצטיגען דור הפלגה צו שטעהן פעסט ביי זייער יוניאן. זאלען זיי געדענקען, אז זיי זיינען אויסערוועהלט געווארען צו ראטעווען די יוניאן פון אלערליי מזיקים און משחיתים, און דאס וועט זיי געבען דעם נויטיגען כח און מוטה צו איגנארירען די בייזע אטאקעס פון אלערליי מאסקיטאס און אנדערע פאסקודנע פליגעלאך. אונאנגענעהם ווי עס איז דער ביס פון די דאזיגע בריאות-לאך, איז ער אבער ניט געפעהרליך. דער גרויסער פליכט-באוואוסטזיין מאכט איינעם פארגעסען אן די דערמאנטע חיה׳לאך.

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly

Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.

MORRIS SIGMAN, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — H. SCHOOLMAN, Business Manager

Subscription price paid in advance: $1.00 per year.

Vol. VII. No. 34. New York, Friday, August 21, 1925

Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.

Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

די קאמוניסטישע געמבלער שפילען זייער לעצטע קארט

צוערשט א שטיקעלע כאראקטעריסטיק פון די יעניגע, וועלכע דונערען עס אזוי שטארק געגען די „זיגמאן-קליקע" און איהר „אייזערנער לאפע" אויף די בידנע קלאוקמאכער.

מיטוואך, דעם 12טען אויגוסט, האט איהר געקאנט לייענען אין דעם קאמוניסטישען אויסוואורף-בלעטעל איבער דער ברייט פון דער גאנצער ערשטער פיידזש אזא מין לעגענדע: „קלאוקמאכער גרייט פאר א גענעראל-סטאפּעדזש אין טרייד". פון וואנען האבען די דאזיגע פען-זשוליקעס געוואוסט צו וואס די קלאוקמאכער זיינען יע אדער ניט גרייט? פרעגט ניט ביי זיי קיין קשיות. זיי ווייסען. דאנערשטאג, דעם 13טען אויגוסט, געפינען מיר שוין אזא מין בשורה: „די דזשאינט עקשאן קאמיטע וועט היינט באשליסען וועגען א גענעראל סטאפּעדזש". ווער איז די דזשאינט עקשאן קאמיטע, וואס זאל עס קאנען באשליסען וועגען אזא וויכטיגער זאך? ווער האט איהר אויסערוועהלט? וועמען פארטרעט זי? און אז זי פארטרעט שוין יא אימיצען, דאך, ווי באשליסט מען עס א דזשענעראל סטאפּעדזש גאר ניט אנפרעגענדיג זיך ביי די, וועלכע דארפען עס פארלאזען די שעפער און בלייבען ברויטלאז?

אין דעם דאזיגען נייעס-קעפעל האט די חברה יוניאן-ברעכער ארויס-געוויזען זיך אין איהר גאנצער חוצפה'דיגער ליגנערישקייט. מען קעמפט כלומרשט פאר דעמאקראטיע און אין א בייזער שעה, גאנץ באוואוסטלאז, ווייזען זיי זיך ארויס, אלס די ערגסטע דעספאטען. די דזשאינט עקשאן קאמיטע האלט זיך פאר בארעכטיגט צו באשליסען וועגען א גענעראל-סטאפּעדזש פון אלע קלאוקמאכער און דרעסמאכער אין ניו יארק!

נאטירליך, האט די גרויסע מאיאריטעט קלאוקמאכער, וואס איז נאך ניט אין גאנצען פארטשאדעט פונ'ם קאמוניסטישען שטינק-גאז אויסגעריבען די אויגען: וואס הייסט, די דזשאינט עקשאן קאמיטע וועט באשליסען וועגען א גענעראל-סטאפּעדזש? און וואו זיינען מיר? מיר האבען שוין גאר קיין דעה ניט? און די קאמוניסטישע לומפען-געזינדעל, וואס פארשטעלט זיך אונטער דער מאסקע פון דזשאינט עקשאן קאמיטע האט דערפיהלט, אז זי האט זיך פארראטען, אז זי האט אין א בייזער שעה זיך ארויסגעוויזען אין איהר גאנצער דעספאטישער העסליכקייט, און אין איהר פולסטער פאראכ-טונג צו דער אורטיילס-קראפט פון דעם רענק-ענד-פייל, האט זי פרייטאג, דעם 14טען אויגוסט, פארקירעוועט דעם דישעל, און פון א גענעראל-סטאפּעדזש איז געווארען אט-וואס: „דאנערשטאג ביינאג וועלען די קלאוק און דרעסמאכער ווארפען די ארבייט און באשליסען וועגען א גענעראל-סטרייק".

* * *

מיר בעטען די לעזער נאך אמאל איבערצולייענען אט די דריי פארשידענע „נייעסען" פון די דריי טעג, איינער נאכ'ן צווייטען, און זאלען זיי זיך איבער-צייגען, מיט וואס פאר א פעיקערס זיי האבען דא צו טאן.

לאמיר אויסשטעלען די דאזיקע פעיק-קעפלאך פון דעם רינשטאק-בלעטעל איינע נאך די אנדערע:

מיטוואך — קלאוקמאכער גרייט פאר א גענעראל סטאפּעדזש אין טרייד.

דאנערשטאג — דזשאינט עקשאן קאמיטע וועט היינט באשליסען וועגען א גענעראל-סטאפּעדזש פון קלאוק און דרעסמאכער.

פרייטאג — דאנערשטאג ביינאג וועלען די קלאוק און דרעסמאכער ווארפען די ארבייט און באשטימען וועגען א גענעראל-סטאפּעדזש.

* * *

אלזא, דאס, וואס מיטוואך איז שוין געווען א באשלאסענע זאך, דאס איז פרייטאג געבליבען ערשט צו באשליסען פאר די קלאוקמאכער אין א וואך ארום!

* * *

און פון דעסטוועגען, כאטש עס איז נאך דערווייל גאר ניט באשלאסען געווארען, לייענען מיר אין דעמזעלבען בלעטעל פון שבת: „קלאוק- און דרעס-בירזשע קאכט מיט באשלוס וועגען סטאפּעדזש? איהר פאר-שטעהט? די וועלט קאכט מיט א באשלוס, וואס איז נאך גאר אויף דער וועלט נימא, און דערנאך קענט איהר לייענען: „אז די זיגמאן-קליקע שיקט ארויס א סטעף פון באצאהלטע אגענטען צו אגיטירען געגען סטאפּעדזש".

* * *

אונז דוכט זיך, אז ווען די קלאוקמאכער און דרעסמאכער וואלטען נאר א ביסעלע אריינגעטראכט זיך אין די דאזיגע בלאפס, וואס זיינען דאך אזוי אויבען-אויף, וואלטען זיי באדארפט מיט עקעל אפקערען זיך פון די דאזיגע מיאוס'ע און באמת-אידיאטישע פעיקערס. עס איז דאך באמת אזוי לייכט דורכצוכליקען דעם גאנצען שווינדעל פון די, וועלכע ריידען עס אלס רעבעלען געגען דער זעלבסט-הערשאפט אין דער יוניאן. מיר זיינען דערפאר זיכער, דאס די מאיאריטעט קלאוקמאכער מוז שוין ביי דער איצטיגער צייט קענען די דאזיגע חברה. אבער — מיר נארען זיך ניט — עס איז נאך פארט דא א היבשע ביסעל קלאוקמאכער און דרעסמאכער, וואס זיינען גאנץ שטארק פארנארט אין די לינקע בלאפערס און פאר זיי האבען מיר איבערגעשריבען די קעפלאך פון דער צייטונג, וועלכע פיהרט עס אן דעם קאמף פאר זיי. זאלען זיי זעהן מיט זייערע אייגענע אויגען, ווי נאריש, אומגעלומפערט און געמיין עס זיינען די, וועמען זיי לויפען נאך.

* * *

מיר פארשטעהען, ווי אזוי עס איז געקומען דערצו, אז די פעיקערס זאלען זיך האבען אזוי אומגעלומפערט פארראטען. ווי דאס איז אונזער שטייגער פון אלע מאל, געהען מיר אריין אין דער לאגע פון יעדער בריאה, גבוה'דיג ווי זי מעג זיין. און מיר פארשטעהען זעהר גוט, אז די דאזיגע חברה יוניאן-ברעכער האט אין דער פולשטענדיגער רעזולטאטלאזיגקייט פון איהר יוניאן-ברעכעריי פשוט פארלארען איהרע קליינע קעפלאך. זיי האבען אויסגעפונען ענדליך, אז די אינטערנעשאנאל איז ניט איינצובייסען; אז אלע זייערע בלאפס און זלזולים געגען די פיהרער פון דער יוניאן שפרינגען אפ, ווי ארבעס פון וואנט; אז זיי קענען ניט פארניכטען רעפוטאציעס, וואס מענשען האבען זיך ערווארבען מיט זייער איבערגעבענהייט און גרויסע ארבייט פון א גאנצען לעבען. זיי האבען ענדליך דערפיהלט, אז זייער גאנצע „באוועגונג" האלט ביים פגר'ען; דעם קלאוקמאכער האט דערעסען די גאנצע קאמוניצע-גישעריי, וועלכע האט איהם אין אנפאנג פאראינטערעסירט מיט איהר חוצפה'דיגקייט, און עס איז ענטשטאנען די גרויסע, שווערע פראגע: וואס איצט? די יוניאן פונקציאנירט ווי אימער; די פאררעטער, די יוניאן-ברעכער זיינען ארויסגעווארפען, נייע באאמטע זיינען ערוועהלט, און באאמטע, וועלכע זיינען מיט לייב און לעבען איבערגעבען צו דער יוניאן, דאס חבר'ן זיך און חנ'דלען זיך צו אלערליי אומצופרידענע און ארויסגעשטויסענע עלעמענטען אין דער יוניאן האט אויך גאר ניט אריינגע-בראכט, אויסער דאס, וואס די קלאוקמאכער האבען דערזעהן, אז די קאמו-ניסטען זיינען בארייט צו פאראייניגען זיך מיט די ערגסטע, אבי צו צוברעכען די מאכט פון דער יוניאן. זיי האבען דערזעהן זיך באנקראט, און זיי האבען באשלאסען צו שטעלען אין קאן זייער לעצטע קארט, אבער אין זייער פארצווייפלונג, און אין זייער איילעניש האבען זיי ניט באמערקט, דאס מיט דער לעצטער קארט קיילען זיי זיך. זיי האבען באשלאסען א גענעראל-סטאפּעדזש, וואס איז אין גאנצען צוואווידער יעדער ביז'איצטיגער פעיק-פראפּאגאנדע פאר דער כלומרשטדיגער דעמאקראטיע אין דער יוניאן. אין זייער פארצווייפלונג זיינען זיי ארויסגעלאפען אין גאס אין זייער גאנצער העסליכער נאקעטקייט. זיי האבען עס דערפיהלט, האבען זיי זיך אנגעכאפּט אן דער שטרויעלע פון א פעיק-סטאפּעדזש. אבער דאס האט זיי נאך מעהר דיסקרעדיטירט אין די אויגען פון יעדען קלאוקמאכער. „קליינע, מיאוס'ע פעיקערלאך", דאס איז און דאס מוז זיין דער ווערדיקט פון יעדען דענקענדען קלאוקמאכער. די פעיקערס האבען אליין אויסגעשפראכען איבער זיך זייער טויט-אורטייל. זיי וועלען מעהר קיין קאפּ ניט קענען אויפהויבען.

* * *

זייער חשבון אפצוגארען די וועלט מיט א פעיק-סטאפּעדזש אום נאכהער צו קענען זיך בארימען מיט זייער מאכט, מיט זייער איינפלוס אויף די בעלי מלאכות איז אין גאנצען פאלשער. ער וועט גרינדליך צושטערט ווערען פון די בעלי-מלאכות אין די שעפער. קיין דענקענדער קלאוקמאכער וועט זיך פון ארט ניט א ריהר טאן אויף זייער צורוף. יעדער קלאוקמאכער, וועמען עס איז טייער זיין יוניאן, זיין פרנסה, וועט זיך אויסלאכען פון דעם רוף פון די דאזיגע „סאמאזוואנצעס". אפשר, אפשר וועלען זיך געפינען אין די שעפער איניגע, וואס וועלען פאלגען דעם דאזיגען פעיק-רוף, מעגען זיי. דאס וועט אבער זיין, זאלען זיי עס געדענקען, צו זייער אייגענעם שאדען. ווי עס זעהט אויס, קענען געוויסע מענשען אנדערש ניט ווערען זעהענדיגער קליגער, ביז זיי קריגען ניט קיין שטארקע שמיץ. עס טוט אונז לייד פאר דעם מין מענשען. אבער מיר קענען זיי ניט העלפען. אויב לאגיק, שכל קענען ניט האבען אויף זיי די נויטיגע ווירקונג, בלייבט ניט קיין אנדער וועג פאר זיי, ווי צו ליידען די פאלגען פון זייער נארישקייט. וואס אנבאטרעפט אבער די גרויסע מאיאריטעט, זיינען מיר זיכער, אז זיי וועלען האנדלען ווי יוניאן-לייט.

* * *

ווארים דער, וואס וועט ווירקליך פארלאזען זיין ארבייט דאנערשטאג ביינאג, אום צו געהן צום פעיק-מיטינג, מאכט ניט אויס, אויב ער וועט עס נאר טאן אוים בלויזער נייגיריגקייט, וועט דערמיט מאכען דעם איינדרוק, אז ער איז מיט די פעיקערס, און דאס איז דאך אלעס, וואס זיי ווילען. דאס איז נויטיג פאר זיי, כדי זיי זאלען קענען טומלען זיך נאך א שטיקעל צייט. און דאס איז זעהר ניט געזונט פאר דער יוניאן. צו דער טומלעריי פון די פעיקערס מוז געמאכט ווערען א סוף. און איצט איז דער בעסטער מאמענט דערצו. זאלען די קלאוקמאכער אויסווייכען זייערע איינבארופענע פעיק-מיטינגען, ווי די פעסט, און זיי וועלען זיכער מוזען פארשטומען.

* * *

ניט נאר זיינען מיר זיכער, אז די ארבייטער אין די שעפער וועלען ניט פארלאזען זייער ארבייט, אום צו הערען דארט די דרשות פון די קאמו-ניסטישע שארלאטאנעס, נאר מיר ערווארטען, אז אויך קיינער פון די טוי-זענדע וועלכע זיינען, ליידער, איצט ארבייטסלאז, וועלען בלייבען דרויסען, און דערמיט וועלען זיי אם בעסטען דעמאנסטרירען, דאס זיי פארשטעהען, אז אין זייער איצטיגער ארבייטסלאזיגקייט איז ניט די יוניאן שולדיג, נאר אלערליי אומשטענדע, איבער וועלכע די יוניאן האט ניט און קען ניט האבען דעם מינדעסטען קאנטראל.

* * *

מיר ווילען אויך האפען, אז פונקט אזוי וועלען האנדלען אלע די, וועלכע ווינשען באמת צו זעהן וואס גיכער פרידען און איינינקייט אין דער יוניאן. דאס קען נאר צושטאנד געבראכט ווערען אויף איין וועג. דורך דער פול-שטענדיגער אויסראטונג פון דעם גייסט פון יוניאן-ברעכעריי אין דער יוניאן, פון דעם גייסט, וואס וויל מיט גוואלד איינפיהרען אלערליי רעפארמען אין דער יוניאן, און ניט אויף דעם איינציג-מעגליכען וועג, וועלכער איז דער יוניאן-וועג, וועלכען די קאנסטיטוציע פון דער יוניאן שרייבט פאר.

* * *

זאלען נאר איניגע זיך ניט איינרעדען, אז מיט אלערליי זלזולים וועט מען פארטרייבען די איצטיגע פיהרער פון דער יוניאן, און דאס זיי וועלען איהר איבערגעבען אין די הענד פון יוניאן-ברעכער. זיי זיינען פארטיג אויסצושטעהן נאך טויזענד מאל מעהר אלערליי געמיינע בלבולים אויף זיי. יא, זיי זיינען בערייט צו לאזען זיך אומברענגען, אבער פון זייער פאסטען, וואס איז זיי אנפארטרויט געווארען, וועלען זיי אויף די ברייט פון א האר ניט אפטרעטען. זיי וועלען נאר פארלאזען זייער יוניאן אויף איין אופן, און דאס איז, ווען די יוניאן, אויף א יוניאן-מעסיגען אופן, אויף דעם אופן, ווי די קאנסטיטוציע שרייבט פאר, וועט אויסוועהלען אנדערע אויף זייערע פאסטענס. זיי וועלען קיינמאל, קיינמאל, ניט אזוי צוליב זייער כבוד, ווי צוליב דעם כבוד פון דער יוניאן, ניט אריינלאזען זיך אין קיינע פארהאנדלונגען מיט קיינע פון די יוניאן-ברעכערישע עלעמענטען, מעגען זיי זיך רופען לינקע אדער רעכטע. און ניט נאר דאס. אזוי לאנג, ווי זיי וועלען האבען די מאכט, וואס איז זיי אנפארטרויט געווארען, וועלען זיי איהר באנוצען פאר דעם גרויסען ציל אויסצורייניגען די יוניאן פון אלערליי פסולת, אזוי, אז זיי זאלען קענען איבערגעבען צו זייערע נאכ-פאלגער א פיל ריינערע יוניאן, א פיל ווירקזאמערע יוניאן, ווי זיי האבען איהר געפונען, ווען זיי זיינען אויסערוועהלט געווארען.

* * *

די פיהרערשאפט פון דער יוניאן האלט עס פאר איהר גרעסטער, פאר איהר היילינגסטער פליכט, א פליכט, פאר וועלכע עס איז ווערט זאגאר דאס אייגענע לעבען צו אפּפערען. די בלאטע, וואס ווערט אויף איהר גע-ווארפען, און וועט נאך געווארפען ווערען, האט ניט און קען ניט האבען די מינדעסטע ווירקונג. איהר באשלוס שטעהט פעסט. זי וועט געהן אויף איהר דארנדיגען וועג אזוי פעסט און ענטשלאסען, ווי ביז איצט.

* * *

דאס דארף די מיטגלידערשאפט פון דער יוניאן פארשטעהן. דערפאר זאל עס דא געזאגט ווערען אין גאנץ קלארע ווערטער: ווען אפילו א גאנץ גרויסער טייל פון די קלאוקמאכער זאל אין א בייזער שעה פאר-לאזען די שעפער דעם דאנערשטאג, און פאלגען דעם רוף פון די ערגסטע

בלינדע קינדער

א באזוך אין א שטעדטעל פון מעטאל-מאינערס. — א באשרייבונג געווידמעט דעם אנקומענדען קאמף אויף די הארטע קויהלען-פעלדער.

פון ה. לאנג.

פארוואס ווייס איך ניט — צי דערפאר, ווייל איך האב צוגעקוקט א לויה, צי דערפאר ווייל איך האב געוואוסט, אז איך געפין זיך אין א שטעדטעל פון מאינערס, — אין די אויערן האט מיר געקלונגען א שטימע, א הילכענדע און א רופענדע —

„. . . א גאנץ פאלק קארטשעט זיך אונטער דער ערד, און פון דער דיקער פינסטערניש שטרעקען זיך הענט — א ביסעל ליכט, א ביסעל זון, ניט פאר אונז, נאר פאר אונזערע קינדער...״

איך האב געוואוסט וועמענס שטימע דאס איז. זי האט ארויסגעקלונגען פון דער ברוסט פון וויליאם גרין, איצט דער פרעזידענט פון דער אמעריקאן פעדערייַשאן אף לייבאר, און דאן נאך דער דזשענעראל סעקרעטער פון די יונייטעד מאין ווארקערס. ער איז געקומען מיט זיין קאלעגע דזשאהן לואיס, און מיט זיי, דער דאן שוין קראנקער, און מידער, סעמיועל גאמפערס, בעטען הילף ביי א שוועסטער-ארגאניזאציע, פאר דעם גרויסען מאינער-סטרייק, וואס האט מיט א פאר יאהר צוריק געשלאגען אויף אלע ברענגען פון לאנד. פאר די אויגען איז מיר געשטאנען א בילד. אלע אקטיווע מיטגלידער פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן זיינען פארזאמעלט אין דער אינטערנעשאנאל בילדינג; די ערשטע גרויסע פארזאמלונג אין דער אייגענער בילדינג; אויף אלעמענס פנים'ער איז א לייכטע נערוועזיטעט; עס הייבען זיך קעפ אויפצוכאפען קלערער גרינ'ס ווערטער; ווארים, די ווערטער שניידען די לופט און מאנען אן אפקלאנג —

„. . . א גאנץ פאלק קארטשעט זיך אונטער דער ערד... א ביסעל ליכט, א ביסעל זון...״

און מיט דיזען בילד פאר זיך, און מיט אט דער שטימע און בילד, האב איך זיך ארונטערגעלאזען א בארג, וואס טיילט אפ א שטעדטעל אויפ'ן גרענעץ פון קאליפארניע און יוטאה, און אונטער'ן בארג, איז א שטעדטעל פון מעטאל-מאינערס, מיט איינגעהויקערטע שטיבלאך און ניט-ברוקירטע געסלאך, כאטש אויבען איז דא א זון, וואס ווארפט פון זיך בלאנקענדיגע גאלד.

מעטאל-מאינערס, קויהלען-מאינערס, — דיזעלבע פאמיליע פון „קינדער, וואס קארטשענען זיך אונטער דער ערד״. דערזעלבער געמיש פון „פארשיידענע נאציאנאליטעטען״, אי'ן דאך איין נאציאן. זיי געהערען צו דערזעלבער ארגאניזאציע. די יונייטעד מאין ווארקערס איז פראקטיש די ארגאניזאציע פון דעם „גאנצען פאלק, מיט אויסגעשטרעקטע הענט פאר א ביסעל ליכט, א ביסעל זון״... איך האב באשלאסען צו זיין ביי זיי, פארברענגען מיט זיי — זאל איך נאר פאר א „פרעמדען״ ניט באטראכט ווערען!...

מיין צוויפעל האט אבער לאנג ניט אנגעהאלטען. איהר דארפט זיך נאר אוועקשטעלען צווישען מאינערס, און איהר ווערט גלייך אן „איינענער״; און מען קלאפט אייך איבער'ן פלייצע; און מען רופט אייך „בראדער״; און מען שטעהט מיט אייך ביי דער „באר״ פונ'ם געבליבענעם „סאלון״, נאר אנשטאט ביער, טרינקט מען זויערע סאדא-וואסער...

עס איז מיר אנטקעגען געקומען א גוטער ברודער, איינער פון יענע טיפען פאלקס-קינדער, וואס קענען אייך געבען אינפארמאציע מעהר ווי טויזענט צייטונגען, און קוקען אריין אין דעם לעבען פון אלע פאמיליען פון שטעדטעל מיט מעהר טיפקייט, ווי א קינסטלער.

דאס איז געווען אין די מיטאג-שטונדען, א שבת, ווען אין די ארבייטער-שטעדטלאך געמט זיך שוין פיהלען דער זונטאג. ארום דעם סאלון אויף א הויכען בריקעל זיינען געזעסען אויסגעזעצט מאינערס, אהן רעק, מיט ארויסגעקאשערטע ארבעל פון די טונקעל-בלאהע שווירטס. עטליכע זיינען געשטאנען ביי דער „באר״, און זיך געקוויקט מיט „ניער-ביער״. אן דער זייט אין סאלון האט איינער געצימבעלט אויף א פיאנא א ניו יארקער בראדוויי-לידעל.

— ער איז דער גרעסטער פיאנא-שפילער, וואס אמעריקא פארמאגט... — האט איינער זיך געווענדעט צו מיר.

איך האב זיך מסתמא צושמייכעלט, ווארים ער האט גלייך צוגעלייגט:

— „נא פאן״...

איך האב איהם אנגענומען פאר אן „אדווערטייזער״, א „פושער״, און גערעכענט, אז ווען יענער וועט ענדיגען שפילען, וועט דער, וואס האט גערעדט צו מיר, ארומגעהן צווישען אלעמען מיט א העט, און בעטען עפעס געלט... איך האב געאורדערט „אנ'אדהער דרינק״ „רוטה ביער״.

— אט די ביער, איז דער בעסטער געטראנק, וואס אמעריקא פארמאגט... — האט דערזעלבער זיך געווענדעט צו מיר.

איך האב איהם געוואלט איינרעדען.

הינטער דער „באר״ האט זיך אזוי ווי ארייגעציקייעגט א פעטינקער מענשעל, מיט א קאפ מעהר איינגעוואקסען אין די פלייצעס, ווי ארויסגעוואקסען אויף א האלז, און מיט קראנקע אבער לאכענדיגע אויגען.

— האלא דזשיי — האט דער, וואס האט פריהער גערעדט צו מיר, באגריסט דעם פעטינקען מענשעל, און זיך גלייך ווידער געווענדעט צו מיר:

— ער איז דער בעסטער „באי״, וואס אמעריקא פארמאגט...

איך האב שוין פארשטאנען, אז איך האב דא צו טאן מיט א „טיפ״, וואס אלץ ארום איהם, וואס איז איהם ליב, איז „דאס בעסטע, וואס אמעריקא פארמאגט״, און איהם איינלאדענדיג צו טרינקען מיט מיר, האב איך איהם באטראכט.

א הויכער, א מאגערער, מיט לאנגע הענט, וואס רוהען ניט, און ער אליין רוהט אויך ניט. א קעהר, און א ווענד, א ווארף צו דעם, און א ווארט צו יענעם, רעדט צו אלעמען אויף א מאל, און מיט יעדען באזונדער, און כסדר צאפעלדיג, און אלץ איז ביי איהם „דאס בעסטע, וואס אמעריקא פארמאגט״...

ער האט מיין איינלאדונג אנגענומען, און קענטיג מיך אויך באטראכט.

— שוין לאנג דא? — פרעגט ער מיך.

— היינט געקומען.

— אין קיין מאין וועסטו ניט ארבייטען...

— פון וואנען ווייסטו?

— די הענט דיינע זאגען...

מיר האבען זיך פאר'חבר'ט.

— ביזט א גליקליכער מענש, — זאג איך איהם. — אלץ ארום דיר געפעלט דיר...

ער האט מיך אנגעקוקט.

— דער פיאנא-שפילער, דער רוטה-ביער, דער מענש דא הינטער דער „באר״, אלץ איז ביי דיר „דאס בעסטע״...

— אה, וועל, פארגעס ניט, אז היינט אווענט איז דא אונזער „פעקעדזש-פארטי״, לויב איך די סחורה אויפ'ן האנט...

טרינקען מיר ווידער צוזאמען, און ווערען נאך מעהר פאר'חבר'ט, און איך דערוויס זיך, אז איך פארברענג מיט'ן סעקרעטער פון דעם יוניאן לאקאל פון דער מעטאל-מיינערשער שטעדטעל; און אז ער איז אויך דער סעקרעטער פון דער „לאדזש״, פון זיין ארדען, וואו א סך מאינערס פון געגענד געהערען; און אז ער איז א „דעלעגאט״ פון זיין יוניאן-לאקאל צו דער שטאדטישער בירגערליכער אסאציאיישאן, וואו עס איז אויך פרעזידענט דער „טשיימבער אף קאמערס״ פון דער שטעדטעל איבער'ן בארג, וואו עס זיינען דא אלערליי געשעפטען, און וואו איך האב פריהער צוגעקוקט צו א לויה; און איך דערוויס זיך אויך, אז אין אווענט וועט זיין נאר א גרויסע „פעקעדזש פארטי״ אין דעם זעלבען סאלון, וואו מיר זיינען; און אז די „פעקעדזש פארטי״ וועט זיין בלויז פון מאינערס, און פון די, וואס וואוינען אונטער'ן בארג צווישען די מאינערס; אז קיין אנדערע שטאדטישע, די וואס וואוינען איבער'ן בארג, האט מען צו דער „פעקעדזש פארטי״ ניט געוואלט האבען און מ'האט זיי קיין „טיקעטס״ ניט פארקויפט; און אז די „פעקעדזש-פארטי״ איז א „בענעפיט״ פאר א פאמיליע, וועמענס פאטער האט צודריקט ביידע הענט מיט א פוס אין א מאין, און ער איז געבליבען א געלעהמטער קריפעל, און די פאמיליע האט ניט פון וואנען צו לעבען; און אז די פאמיליע מיט'ן געלעהמטען פאטער איז א געשטראפטע — פיר קינדער האט די פאמיליע, און אלע זיינען בלינד...

— א סך קינדער דא אין שטעדטעל, וואס זיינען בלינד... זיי ווערען געבוירען בלינד... — האט דער נייער פאר'חבר'טער פריינד מיינער צו מיר באמערקט — כ'האט צו טאן מיט די טאטעס, וואס גראבען זיך כסדר אונטער דער ערד, איהר פארשטעהט? ... דער „בעסטער דאקטאר אין אמעריקא״ האט עס דא געזאגט ביי אונזער'ן א מיטינג, און עס איז אן אמת...

אין די אויערן האט מיר ווידער א קלונג געטאן וויליאם גרינ'ס רופענדע שטימע —

„. . . א גאנץ פאלק קארטשעט זיך אונטער דער ערד... א ביסעל ליכט, א ביסעל זון, ניט פאר אונז, נאר פאר אונזערע קינדער...״

* * *

צווישען הויך-הויכע ריזען-בערג ליגט די שטעדטעל פון מעטאל-מאינערס, און אזוי ווי די בערג וואלטען זיך אמאל צושפרונגען, און אפגעווארפען פון זיך שטיקלאך בארג, און אויף די שטיקלאך בארג האט זיך נאכדעם געשטעלט א שטעדטעל, און א שטעדטעל אויך צווישען די שטיקלאך בארג, אין א שמאלען טאל, אין א שפאלט, און אין דעם שפאלט שטעהען שטיבלאך צוהויקערט און קרום, און מענשען דרעהען זיך ארום ווי מידע פויגלען ארום זייערע נעסטען, אזוי זעהט אויס די מאינער-שטעדטעל מיט בלינדע קינדער...

און עס איז אן אייבינער קאמף צווישען דער שטעדטעל אין שמאלען טאל אונטער די שטיקלאך בארג, און דער שטעדטעל אויבען, וואס האט ליכטיגע היימען, און מענשען פאהרען אין אויטאמאבילען, און זיהן און טעכטער געהען נאך דער לעצטער מאדע, אזוי ווי אויף דער ניו יארקער בראדוויי.

אויבען וואוינען געשעפטסלייט, און עס זיינען דא א סך סטארס, און האטעלען, און א סיטי האל, און א קאורט, און אלערליי אינסטיטוציעס. וואו מען באשטימט דעם גורל אויך פאר די, וואס וואוינען אונטען, פאר די מאינערס, פאר די טאטעס און מאמעס, וואס געבוירען בלינדע קינדער...

— מישען זיך די מאינערס אין די אלע שטאדטישע אינסטיטוציעס?

— זיכער! — ענטפערט מיר מיין נייער פאר'חבר'טער פריינד מיט א שטאלץ.

און ער דערצעהלט מיר באלד:

— איינער פון די פיר פאליסלייט אין שטעדטעל איז אונזערער אן איינענער; ערשט א יאהר, וואס ער איז ארויס פון א מאין... און צוויי פון אונזערע זיינען איצט „אטערנעס״ אין קאורט... און אין סיטי האל ארבייט אויך אונזערער א מענש... און דער דזשאדזש איז א געוועזענער מאינער... און איצטער ווילען מיר פאר דזשאדזש לאיער ק. ער איז א זוהן פון אונזערען א מענשען, וואס וואוינט אט דא דערביי...

און ער ווייזט מיר אן אויף אן איינגעהויקערט שטיבעל, מיט א מינע, וואס האט מיר אויסגעוויזען, אז אט, אט, זאגט ער — „די בעסטע שטיבעל אין אמעריקא״...

איך האב אבער קיין טעות ניט געמאכט, און וואס נאך מעהר, ער איז ניט דער איינציגער, וואס רעדט מיט אזא צופרידענהייט וועגען דעם, וואס די מאינערס „האבען אלץ״ אין שטעדטעל. א סך אזוי. עס האבען זיך ארום אונז ארומגעשטעלט עטליכע מאינערס, און יעדער האט זיך געסטארעט צו דערצעהלען מעהר און מעהר, וואס די מאינערס „פארמאגען אלץ״...

זיינען זיי גליקליך, און צופרידען, און שטיל?

בלויז אין ריידען צו א גאסט, ווען עס צושפילט זיך אין זיי דער שטעדטעלשער פאטריאטיזם בעת'ן ריידען. און דאס גופא איז אן אונטערשיד פון דער שטעדטעל אויבען, און די שטעדטעל אונטען. די שטעדטעל אויבען רעדט מיט ביטערקייט וועגען דער שטעדטעל אונטען. מ'האלט דארטען די מאינער-געסלאך פאר א מין „אונטערוועלט״, אדער פאר א מין פלאטץ פון מצורעים, פאר וועלכען מען דארף פארביינעהן אדער אין שרעק, אדער מיט עקעל. כאטש דיזעלבע זאטע מענשען אין די שטיבלאך אויפ'ן בארג מאכען א פרומע מינע, ווען זיי רעדען וועגען ארבייט בכלל.

מען בענשט ארבייט — און מען שילט ארבייטער...

מען פארהייליגט ארבייט — און מען באשמוצט ארבייטער...

הערט איהר אלזא, באלד ווי איהר קומט אריין אין דער שטעטעל אויפ'ן בארג, לויב-געזאנג פאר דער פראספעריטי אין די מאינס, און שטעכווערטלאך וועגען דעם „מאינינג-טאון״. און אין דער שטעטעל אונטער'ן בארג איז פארקעהרט — איהר הערט פון צרות אין די מאינס, און א מין שטאלץ פאר די, וואס באהערשען די מאינס.

— פארוואס זידעלט מען אייך אויבען? — האב איך געפרעגט.

— אה, זיי האבען אונז פיינט, — האט איינער פון די ארומשטעהענדע געענטפערט.

— און איהר זיי?

דער עולם האט זיך צולאכט.

איך האב באלד איינגעזעהן, אז מען וועט מיך אננעהמען פאר א „פריסט״, ווען איך וועל אנגעהן מיט אזעלכע פראגען, האב איך זיך ארויסגעקירעוועט פון דעם דירעקטען געשפרעך, כדי צו הערען זאכען אומדירעקט. און איך האב זיך דערוואוסט, אז כאטש די שטעטעל אונטען זוכט זיך אויסצומישען מיט דער שטעטעל אויבען, און עס איז א גאנץ נאטירליכער פארלאנג אין דער שטעטעל אונטען, צו האבען וואס מעהר איינענע מענשען אין דער פיהרונג פון שטעטעל אויבען, א פארלאנג, וואס דרינגט ארויס פון דעם קלאסען-קאמף, זיינען דא זאכען אין שטעטעל אונטען, וואס מ'לאזט די מענשען פון שטעטעל אויבען זיך ניט צוריהרען...

פארוואס האט מען ניט פארקויפט קיין „טיקעטס״ פאר דער „פעקעדזש-פארטי״ צו מענשען פון שטעטעל אויבען?

ווייל אין דער הילף צווישען זיך, וויל מען ניט אנקומען צו די גאר זאטע אויבען. מאינערס ווילען ניט קיין נדבות. העלפען א געפאלענע פאמיליע, ווילען זיי אליין. א מאינער, וועמען עס טרעפט אן אומגליק אין א מאין, ווערט א מין הייליגער ביי די ברידער ארום, און מען איז גרייט איהם צו געבען אלע צארטקייטען פון דער וועלט — אבער זיי, די איינענע זאלען געבען, ניט די פרעמדע, ניט די זאטע, ניט די, וועלכע זיינען א גאנצען טאג אונטער דער זון, און וועמענס קינדער האבען אויגען, אויגען...

דער סעקרעטער פון יוניאן-לאקאל לאדעט מיר צו א שפאציר אין פרייען דרויסען, און איך דערוויס זיך פון איהם, אז מאינערס פון שטעטעל אונ-

(שלוס אויף זייט 15).

מען האט גלייך ארויסגעגעבען אן ארקאז, אז קיינע פון שא'ס דראמען זאלען אין רוסלאנד מעהר ניט געשפילט ווערען, און זאל ער וויסען דער חצוף מחוצף, ווי זיך צו פארטשעפען מיט אונז, באלשעוויקעס.

———

נאר אי איסטמאן, אי שא, אי די טויזענטע אנדערע, וואס האבען דעם שכל צו זעהן די חברה אין איהר ריכטיגען געשטאלט, זיינען נאך גליקליך, וואס זיי זיינען ניט אין רוסלאנד. וואו וואלט עס אן איסטמאן און א שא אנגעשפארט, ווען די רוסישע מאכט-האבער וואלטען זיי געהאט אין זייערע בלוטיגע לאפעס!

———

עס קען זיין, אז איך האב עס פארזעהן, אבער אין די לעצטע פאר טעג האב איך נארניט באמערקט אין די צייטונגען עטוואס וועגען דעם סכסוך צווישען די מיינערס און די מינען-אייגענטימער. ווייניגסטענס די נייעס פון דער פראנט-פיידזש אין די צייטונגען איז פארשוואונדען. זאל עס זיין א סימן צום גוטען? זאל עס באדייטען, אז די מינען-אייגענטימער האבען ענדליך איינגעזעהן, אז פריהער אדער שפעטער וועלען זיי מוזען נאכגעבען די גערעכטע מיינער-פאדערונגען? אויב יא, ווילט זיך מיר גלויבען, אז דער רעזולטאט פון דער שטעלונג פון די ענגלישע מיינערס האט ניט פארפעהלט צו האבען זיין ווירקונג אויף די היגע מינען-אייגענטימער. און דערפאר איז מעגליך, אז אלעס וועט זיך ענדיגען העכסט פרידליך. איין זאך איז גוט, וואס דאס וועט זעהר ניט זיין צום הארצען אונזערע „קלאסען-קעמפער״. אט-אט האט עס שוין געהאלטען ביי א סטרייק, און מיט אמאל נאר א פרידליכער סעטעלמענט מיט העכערע ווייידזשעס, מיט אנערקענונג פון דער יוניאן. פע, חלשות, דאס איז דאך גארניט לויט-דעם וואונש פון מאסקווע.

———

ווי אזוי מען האט ליב דעם אמת אין רוסלאנד, קענט איהר זעהן פון דער פאלגענדער שטיקעל נייעס פון דער א. פ.-אגענטור צו די היגע צייטונגען: „נאר וואס איז ארויסגעלאזען געווארען אן אוקאז, לויט וועלכען די זאמלונג פון פאליטישער און עקאנאמישער אינפארמאציע, וואס קען באטראכט ווערען אלס שטאאטס-געהיימניסע, און זיי מיטטיילען צו אויסלענדישע מלוכות אדער צו קאנטער-רעוואלוציאנערע ארגאניזאציעס קען באשטראפט ווערען מיט דריי יאהר פריזאן, און זאגאר מיט טויט, אויב אזא מיטטיילונג זאל ברענגען ערנסטען שאדען צו די שטאאט-אינטערעסען״. איהר פארשטעהט, אין רוסלאנד פרעגט מען ניט, צי דער שרייבער האט דערצעהלט דער וועלט דעם אמת. דאס ווערט ניט גענומען אין אנבאטראכט. פארקערט, וואס אמת'ער די מיטטיילונג וועגען דער עקאנאמישער און פאליטישער לאגע אין רוסלאנד, אלץ גרעסער איז דער חטא פון דעם שרייבער. און וועה צו איהם, ווען ער זאל געכאפט ווערען ביי דעם ראזינען פארברעכען.

דער איינדרוקספולער מיטינג פון די דרעס־פרעסער אין בעטהאווען האל

פרעזידענט זיגמאן האלט א בריליאנטענע רעדע און באקומט א שטורמישע אוואציע. — די פארזאמלונג נעמט אן רעזאלוציע אונטער הורא־געשרייען. — די חוצפה און נידערטרעכטיגקייט פון דער קאמוניסטישער געזינדעל רופט ארויס צארן און ענטריסטונג ביי די מעמבערס.

פון א סטעף רעפארטער.

דער מעמבער־מיטינג פון די דרעס־פרעסער יוניאן, לאקאל 35, לעצטען דאנערשטאג אבענד, אין בעטהאווען האל, איז געווען איינער פון די שעהנסטע און ענטוזיאסטישסטע פארזאמלונגען וואס זיינען אפגעהאלטען געווארען אין די לעצטע פאר וואכען. עס איז געווען א יוניאן־מיטינג אין פולען זין פון ווארט, נים אכטענדיג וואס איניגע פון די קאמוניסטישע אגענטען, אדער זייערע בלינדע נאכשלעפער, האבען געטאן זייער בעסט צו צושטערען דעם שעהנעם יוניאן־גייסט, וואס האט דארט געהערשט; נים אכטענדיג וואס מאנכע פון אט דער קאמאנדע האבען געטאן אלץ וואס זיי האבען געקאנט צו דערצארענען די יוניאן־לייט, זיי צו פראוואצירען.

פון אנפאנג מיטינג איז אט די קאמאנדע, נים פיל אין צאהל, גרייט געווען צו פראוואצירען א געשלעג, כדי די פארזאמלונג זאל אפגעבראכען ווערען. די דאזיגע קאמאנדע האט געהאט ארדערס פון די קאמוניסטישע העדקווארטערס אויף דער 21טער סטרים, אזוי צו טאן, ווייל די פרעכהיים, די קאמוניסטישע זונה פון יוניאן סקוער, האט זעהר געוואלט, אז איהרע פען־קארטען זאלען אויף צו־מארגענס קאנען פאטשקען, אז די „דרעס פרעסער האבען אפגעבראכען די פארזאמלונג, ווייל זיי האבען נים געוואלט הערען וואס די פאגראמשטשיקעס האבען זיי צו זאגען!"

ווייס־פרעזידענט דזש. ברעסלאוו, דער מענעדזשער פון לאקאל 35, איז געווען דער טשערמאן פון דער פארזאמלונג, און ווימענדיג וואס די קאמוניסטישע נאכשלעפער זיינען אויסען, האט ער מים גרוים טאקט געפיהרט די פארזאמלונג, און אזוי נאך נים דערלאזען, אז די קאמוניסטישע פראוואקאציעס זאלען דערגרייכען דעם פאררעטערישען ציל. ער האט, אמת, געהאט א שווערען רושאב עם דורכצופיהרען, אבער ער האט עם דורכגעפיהרט. און קיינע געשלעגען זיינען נים פארגעקומען, כאטש מאנכע פון די קאמוניסטישע אגענטען וואס האבען געזוכט צו שטערען דעם מיטינג, האבען כשר פארדינט, אויב נים באקומען קלעפ, איין ארויסגעווארפען צו ווערען פון האל, ווייל זיי האבען זיך ווירקליך באנומען ווי ווילדע ברואים.

איכער, ווי געזאגט, דאס איז פארגעקומען בלויז אין אנפאנג פון דער פאר־זאמלונג, ווען דאס קאמוניסטישע גע־זינדעל האט זיך נאך געמאסטען אין כוחות, ווען זיי האבען נאך נים געוואוסט, אז די גרויסע מאסע אין האל איז געווען געגען זיי. ווען אבער זיי האבען עס שפעטער דערזעהן, ווען זיי האבען גע־זעהן ווי דער צארן פון די לאיאלע מעמ־בערס האט גענומען פלאקערען געגען זיי; ווען זיי האבען דערזעהן, ווי די לאיאלע מעמבערס וואס האבען זיך געמאלדען צום ווארט און ארונטערגעריסען די מ א ס ק ע ס פון די משטיינס־געזאנגט „קעמפער", אנווייזענדיג כמעט אויף יע־דען פון זיי וויפיל מאל דער און יענער איז שוין פארגעקומען פאר דער גריוועגס קאמיטע און זיינען באשטראפט געווא־רען פאר סקעבישע האנדלונגען, פאר ברעכען די יוניאן רולס אין שאפ, זיינען די דאזיגע „קעמפער" פארשטומט גע־ווארען. זיי האבען דערזעהן, אז מען קאן זיי, אז מען ווייס ווער זיי זיינען, און עס האט ביי זיי אפגענומען דאס לשון. ערשט דעמאלט האט זיך נאך בולט'ער ארויסגעוויזען וואס פאר א מיזעראבעלע נפשות דאס זיינען און וואסערע פיינ־לינגע! ווארום, דערזעהענדיג אז די מא־סע אין האל איז געגען זיי, האבען די דאזיגע ברואים זיך איינגעקארטשעט ווי ווערים, אין שרעק פאר דעם צארן פון די לאיאלע מיטגלידער.

פרעזידענט זיגמאן האט געהאט דאס לעצטע ווארט און ער האט געהאלטען א בריליאנטענע רעדע. ער האט געענט־פערט יעדען פון די דאזיגע אויסגעלינק־טע און האט באוויזען מים פאקטען און קלארע ארגומענטען, ווי אומגערעכט זיי זיינען, און וויפיל בלאף, שווינדעל און באטרוג עס געפינט זיך אין יעדען ווארט, וואס זיי האבען ארויסגערעדט.

מאנכע פון די קאמוניסטישע נאכ־שלעפער האבען זיך געמאכט תמ'עוואטע און געפרעגט, ווארום פיהרט מען נים קיין קאמף אין דער יוניאן געגען די סא־ציאליסטען און אנארכיסטען ווי געגען די קאמוניסטען.

פרעזידענט זיגמאן האט געענטפערט, דאס עס איז שוין צעהנדליגע מאל ער־קלערט געווארען, דאס אין דער יוניאן מאכט מען נים קיין אויסנאם מים קיי־נעם נים. דאס די יוניאן איז געשאפען פאר אלע ארבייטער פון טרייד, און קיי־נעם געהט נים אן וואס איינער איז. אין דער יוניאן — זאגט ער — דארף און מוז זיין פלאץ פאר אלע ארבייטער אין טרייד, צו זיי זיינען ווייסע אדער שווארצע, אידען אדער קריסטען, און דאס גלייכען אין פאליטישען זין — יעדער מעג זיך האבען זיינע, אדער איהרע אנ־זיכטען, און קיינער דארף זיך אין דעם נים מישען. קיינער האט אבער קיין רעכט נים צו וועלען אוועקשטעלען די יוניאן אונטער דער הערשאפט פון זיין פארטיי, אדער זיין גלויבען.

און ער ווייזט אן, אז גראדע דאס איז די אויפגאבע פון די קאמוניסטען אין די יוניאנס. ער באווייזט מים פאקטען און דאקומענטען, דאס די קאמוניסטישע פארטיי האט זיך עס געמאכט פאר איהר אויפגאבע צו באהערשען און אונטער־יאכען די יוניאנס, און דאס נאר געגען דעם קעמפט מען. ווייל — זאגט ער — ווען די יוניאן זאל עס ערלויבען, ווען די יוניאן זאל דערלאזען, אז זי זאל ווערען אן אונטערגעארדענטע פון א פאליטישער פארטיי, וואלט עס מיינען זעלבסטמארד פאר דער יוניאן, און דאס טאר נים דערלאזען ווערען.

ער ווייזט אן, אז דאס איז נים דאס ערשטע מאל אין דער געשיכטע, וואס א פאליטישע פארטיי האט זיך פארנומען ארונטערצושטעלען די יוניאנס אונטער איהר הערשאפט, אונטער איהר דיקטא־טור. דאס זעלבע — זאגט ער — האט דעניעל דעליאן, איינער פון די סאציא־ליסטישע פיהרער אין אמעריקא, גע־פרואווט טאן מים יאהרען צוריק, אין דער צייט וואס ער האט געגרינדעט זיין „סאשעליסט טרייד ענד לייבאר אליי־ענס", און דאס האט אריינגעבראכט א סך צושפליטערונג אין דער ראדיקאלער ארבייטער באוועגונג.

ער ווייזט אויך אן, דאס „די ווארקערס אוו די ווארלד" ארגאניזאציע, פון וועל־כער ער איז פאר א געוויסע צייט געווען אן ארגאנייזער, האט נים געקאנט פרא־גרעסירען צוליב דעם, וואס עס האבען זיך אריינגעכאפט געוויסע פאליטישענס, וועלכע האבען דוקא געוואלט ארויפצווינ־גען אויף די עקאנאמישע ארגאניזאציעס זייערע פאליטישע דאגמאס. די ארגאני־זאציע האט דאריבער גארנים געקאנט דערגרייכען.

כמעט אלע פון די קאמוניסטישע נאכשלעפער האבען געזאגט דאס זעלבע, האבען באנוצט די זעלבע ווערטער, וואס האט געוויזען, דאס זיי האבען באקומען אן ארדער ווי צו רעדען, דאס מען האט זיי ערגעץ אויסגעלערענט וואס צו זא־גען, און ווי פאפוגייען האבען זיי נאכ־געפלאפלט ווי מען האט מים זיי איינ־געשטודירט... זיי האבען גערעדט פונקט אזוי אומפאראנטווארטליך ווי די פרעכ־הייט שרייבט, נאר צום סוף האבען זיי פארענדיגט מים א שלום־נאמע, מען זאל „מאכען שלום". און ווען פרעזידענט זיג־מאן האט גערעדט און געענטפערט אויף אלץ וואס די לייט האבען אנגעריהרט, האט ער זיך באזונדערס אפגעשטעלט אויף דער שלום־פאדערונג. און הערביי האט ער גערעדט מים אזוי פיל איבער־צייגונגס־קראפט, דאס דער גאנצער עולם איז מיטגעריסען געווארען און עס האט ארויסגערופען א שטורם פון אפלאדיס־מענטען און הורא־געשרייען. עס האט געהערשט א זעלטענע באגייסטערונג! עס איז געשאפען געווארען א זעלטענע שטימונג.

„שלום" — האט ער אויסגערופען — שלום מים וועמען, מים די מארערנע סולקעסעס? איצטער ווילען זיי שלום? איצטער, נאכדעם ווי זיי האבען שוין אויסגעפרובירט אלע געמיינע און נידער־טרעכטיגע מיטלען צו ברעכען די יוניאן? נאכדעם ווי זיי האבען זיך ערלויבט צו טאן זאכען געגען דער יוניאן, וואס קיין אנדער סקעב־אגענטור האט זיך עס נאך קיין מאל פריהער נים ערלויבט?"

און דא האט ער אויסגערעכענט א גאנצען צעטעל פון די געמיינהייטען וואס די חברה האט אפגעטאן געגען דער יו־ניאן, פון דעם ערשטען טאג וואס עס זיי־נען געגען זיי געמאכט געווארען די קלא־געס, און נאך פריהער, איידער די קלאגעס זיינען געמאכט געווארען. ער ווייזט אן אויף א גאנצע רייהע פון סקעבישע אק־טען וואס ווערען טאג טעגליך באגאנגען מים דער צושטימונג פון דער „עקשאן קא־מיטע", און פון דאס גאנצע קאמוניסטי־שע געזינדעל, כלומרשט אין־נאמען פון דער רעוואלוציע. און ער פארענדיגט מים'ן אויסרוף: „יא, ברידער, די רע־וואלוציע סקעבט!"

ווען פרעזידענט זיגמאן האט פאר־ענדיגט זיין רעדע, איז אין האל פארגע־קומען א מערקווירדיגע דעמאנסטראציע פון געטריישאפט צו דער יוניאן און צום פרעזידענט, וואס איז א מיטגליד פון דעם זעלבען לאקאל 35. אלע זיינען אויפגעשפרונגען, אפלאדירט און געשריען הורא פאר עטליכע מינוט צייט. און איהר קאנט זיך פארשטעלען ווי עס הא־בען דעמאלט געפיהלט די עטליכע אנ־הענגער און פארטיידיגער פון דער „עק־שאן קאמיטע", די סקעב־אגענטור פון דער 21טער סטרים. ווי מייז וואס זיי־נען פארקראכען אין א פאסטקע, האבען זיי געזוכט אין דער שטיל זיך ארויסצו־רוקען פון האל. יערשט דעמאלט האט מען געקאנט זעהן וואס פאר א נידעריגע ברואים און מיאוסע פייגלינגע זיי זיי־נען! זיי האבען געציטערט פאר זייער איינענער שיין, פיהלענדיג אויף זיך דעם צארן פון די פארזאמעלטע יוניאן־לייט.

רעזאלוציע פון עקזעקוטיוו־באארד אנגענומען אונטער הורא געשרייען

אויף דעם מיטינג האט זיך געהאנ־דעלט, צו עס זאל אנגענומען אדער צו־ריקגעוויזען ווערען די רעזאלוציע פון דעם עקזעקוטיוו באארד פון דעם לאקאל, דאס דער לאקאל שטיצט גאנץ און פול

(שלוס אויף זייט 15).

קורץ און שארף

פון י. ב. ב.

דער טראבעל מים אונזערע יוניאן־פריינדליכע צייטונגען איז, דאס עס פעהלט זיי אין גאנצען דער חוש כאטש פאר א ביסעלע הומאר. אנשטאט גום אויסצולאכען דעם קאמוניסטישען סטאפ־פערדוש־בלאף, אלס דעם לעכערליכסטען פארזוך, און א פארזוך, ביי, וועלכען זיי האלטען זיך געמוזט ברעכען האלז און נאקים, האבען זיי אויפגעהייבען אזא מהומה, אזוי ווי עס וואלט מאקע גע־האלטען ביים וועלט־אונטערגאנג. און עס ווילט זיך צו זיי זאגען: טייערע קאלעגען, איהר מיינט עס אוראי זעהר גום, אייער כונה איז די בעסטע, אבער איהר מוזט דאך פארשטעהן, וואו איין— וואו אוים.

איך בין זיכער, אז ווען נים אונזערע יוניאן־פריינדליכע שרייבער, וואלטען די רויטע בלאפערס אנגעגאנגען מים זייער סטאפערדוש־פלאן, און עס וואלט אם בעסטען דעמאנסטרירט געווארען זייער גאנצע לעכערליכע מאכטלאזיגקייט. הא־בען אבער אונזערע גוטע פריינד זיך צו־שריילט און אויפגעהייבען א גוואלד־געשריי: ווי, סטייטש? ווי רופט מען אם ארוים א סטאפעדזש, נארנים אנ־פרעגענדיג ביי די ארבייטער? עפעס אזוי ווי די קלאוקמאכער וואלטען זיי־ערט גליך געפאלגט. האט אט דער געשריי געמאכט אויפמערקזאם די בלא־פערס אויף זייער אידיאטסטווא, און זיי האבען חרטה געקראגען אויף זייער סטאפ־ערדוש־פלאן. און דאס איז, כנאמנות, גאנץ פאררדריסליך. הלמאי זיי נים גע־בען „אלל די ראופ"? דאס וואלט דאך געווען די בעסטע געלעגענהייט פון זיי פטור צו ווערען. איז עס אבער נים באשערט געווען. די יוניאן־פריינד הא־בען זיי געדעטעט. און די יוניאן קאן מים רעכט ווידערהאלען דאס אלטע ווערטעל: „היט מיך, גאט, פון מיינע פריינד, פון מיינע שונאים וועל איך מיך שוין אליין אויסהיטען."

און אז איך האלט שוין דערביי וויל איך זאגען, אז די גאנצע צייט האבען אונזערע גוטע פריינד, נים ווילענדיג גאר, געהאלפען די רויטע בלאפערס. וואו נאר עפעס א מיטינג פון די יוניאן־ברעכערס, וועלכער האט געמעגט גענצ־ליך איגנארירט ווערען, איז ער באלד אויפגעבלאזען געווארען אין א געוואל־דיגע פאסירונג, וועמעס באדייטונג אונ־זערע גוטע פריינד האבען זיך געסטא־רעט צו פארקלענערען. דאס גופא האט צוגעגעבען גרוים מוט די רויטע פייר־קערס. נאטירליך קענען מיר נים העל־פען, ווען די קאמוניסטישע „טיימס" מאכט אזא ווערזען פון דער „מרידה". דאס איז דאך אזוי נאטירליך. אבער אונזערע פריינד האבען זיך אויך געלאזט פארפיהרען. איך האלט אפילו פאר נים זעהר קלוג, וואס אונזער פיהרערשאפט האלט נויטיג ארויסצוגעבען „סטייט־מענטס", אלס ענטפער אויף די פארשיי־דענע רויטע בלאפס. וואס פאר א נר־צען האט עס צו ווידערלעגען די רייד פון א ליגנער? ער פיהלט דען עפעס א בושה? ווידערלעגט און באוויזט איין ליגען זיינעם, און גלייך וועט ער ארוים־קומען מים א צווייטען ליגען, וואס איז נאך פיל מגושמ'דיגער, ווי דער ער־שטער.

איידער צו פיהרען מים זיי אזעלכע נוצלאזע ויכוחים וואלט איך שוין פיל גיכער איינפארשטאנען געווען, אז די יוניאן זאל זיך ווענדען אין קאורט, אנ־קלאגען די לומפען פאר קרימינאל ליי־בעל, און פארשפארען זיי אין פריזאן. דאס וואלט געווען דער בעסטער וועג ווי צו האנדלען מים די דאזיגע ווערימדיגע מיילער. ליידער האט אונזער יוניאן־פיהרערשאפט א געוויסע אפנייגונג צו קאורטס. איך פארשטעה איהרע געפיה־לען, און איך שעץ זיי אויך. אבער איך דענק, אז אונטער געוויסע אומשטענדען דארפען פערזענליכע נייגונגען און אפ־נייגונגען אונטערדריקט ווערען אין נא־מען פון דער גוטער זאך.

איך ווייס אבער, אז מיינע רייד ווע־לען נים מאכען די נויטיגע ווירקונג; אונזערע בורזשואזע קאנטר־רעוואלוציא־נערע פיהרער וועלען נים געהן אין קאורט. זיי וועלען דאס איבערלאזען צו די רררעוואלוציאנערע קלאסענקעמפער פון לענין'ס חדר. איז אויב אזוי, שלאג איך פאר דעם צווייטען בעסטען מיטעל. זיי נארנים צו ענטפערען. זאלען זיי בילען, די כלבים, און לאמיר זיך אנ־נעמען מים געדולד און ווארטען ביז זיי וועלען הייזעריג ווערען. אבער דערווייל לאמיר נים פארגעסען מים וואס מיר האבען אנגעפאנגען. נעמליך מים א וואונק צו אונזערע פריינדליכע קאלעגען נים צו נעמען די רויטע בלאפס מים אזא טויטליכען ערנסט, נאר צו ערלוי־בען זיך א ביסעלע מעהר שפאס מים דער דאזיגער חברה. טויטלאכען זיי— אט וואס איז נויטיג.

ווי לאנג איז עס דאכט זיך, ווען מאקס איסטמאן איז געווען דער שטאלץ פון די היגע באלשעוויקעס? ווי לאנג איז עס, ווען מאקס איסטמאן איז גע־ווען איינער פון די פראמינענטסטע זשורנאליסטען און פובליציסטען נים נאר אין אמעריקא, נאר אין דער גאנ־צער איבעריגער וועלט? דאכט זיך, נאר נים לאנג, און איצט? איצט איז מאקס איסטמאן דער גרעסטער, לומפיגסטער פארלוימדער און ליגנער, וואס די וועלט האט אמאל געזעהן. וואס איז גע־שעהן? אך, איסטמאן איז געווען א לענגערע צייט אין רוסלאנד. האט דער־זעהן די ווירקליכקייט פון דעם שעהנעם בילד, וואס האט זיך פאר איהם געמאה־לען, ווען ער איז געווען אין אמעריקא, און האט חרטה געהאט אויף זיינע חטאת נעורים. ער האט דאס דער־צעהלט אין א בוך. נאטירליך, איז איצט מאקס איסטמאן, דער אמאליגער באלשעוויסטישער שטאלץ, דער גרוי־סער וועלט־בארימטער פובליציסט, א פשוט'ער, געמיינער ליגנער און צייטונג־שמירער.

און ער איז נים דער איינציגער געפאלענער שטערן. בערנארד שא האט פאר א צייט, אויף צו להכעים דער ענגלישער בורזשואזיע, קאקעטירט מים דעם באלשעוויזם. האט מען אין רוס־לאנד געקרוינט איהם פאר דעם גרעס־טען דראמאטורג אין דער וועלט. מען האט געשפילט זיינע קאמעדי'ען און דראמען איבער גאנץ רוסלאנד. פאר־סירט, אז בערנארד שא האט זיך אביסעל מעהר באקאנט מים'ן באלשעוויזם, און ער האט אנגעשריבען זיין באריהמ־טען בריף, וועלכער איז פארעפענטליכט געווארען מים א צייט צוריק אין דער „גערעכטיגקייט". איז וואס־ישע מיינט איהר האט פאסירט? א קליינינקייט.

קורצע שמועסן

צווישען דעם רעדאקטאר :: און די לעזער ::

ל. פ. — דאס איז בלויז אן אנעקדאט, און כאטש ניט שלעכט אנגעשריבען, אבער מיר גלויבען ניט, דאס ער פאסט זיך אריין אין אונזער צייטונג.

ב. שור, מעמבער לאק. 22. — אזעלכע, ווי איהר, ווינשען מיר פון גאנצען הארצען אין דעם קעמפ פון די זאגענאנטע קאמוניסטען. דאס איז ווירקליך דער פאסענדער פלאץ פאר אלע גראבע יונגען.

ה. טענענבוים. — 1) איהר מוזט נאך זיין גאנץ גרין. ווען איהר וואלט דא געווען מיט איינגע יאהר צוריק, וואלט איהר געוואוסט, אז דאס, וואס מיר האבען געשריבען וועגען אונזערע פארדינסטען אלס ענטפער צו דייווידסאן, איז אן אלגעמיין-באקאנטער פאקט. אונזערע וועכענטליכע לעקטשורס אליין האבען אונז אריינגעבראכט ארום 60 דאלאר די וואך. איצט קענט איהר עס צוזאמענרעכענען. 2) אלס א מעמבער פון דער יוניאן האט איהר גאר קיין רעכט ניט צו דערדאזיגער אינפארמאציע. מיר האבען דאס פולע רעכט אייך גארניט צו ענטפערען וועגען אן אנגעלעגענהייט, וואס געהט אייך גארניט אן, אבער מיר טוען עס דאך, אפשר וועט איהר איינזעהן, ווי לעכערליך איהר מאכט זיך, ווען איהר פלאפעלט וועגען „פיירע". 3) מיר גלויבען גארניט, אז איהר האט ווען געלייענט די „פ. א. ש." אין דער צייט, ווען מיר זיינען געווען פארבונדען מיט איהר. און אויב איהר האט איהר יא אמאל גענומען אין האנד, זיינען מיר זיכער, אז איהר האט אין איהר געקוקט, ווי א האן אין „בני אדם". מיר דערקענען עס אן דעם טאן פון אייער זעהר געראטענער שרייבאכץ, און ניט איהר קענט אורטיילען צווישען דאס, וואס מיר האבען פריהער געשריבען און שרייבען איצט. למשל, איהר שרייבט: „איהר ווילט ארויפצווינגען אייער מיינונג. איהר גיט ניט קיין מעגליכקייט, אז א מעמבער זאל האבען א רעכט צו דענקען, ווי זיין פארשטאנד ערלויבט(!) עס". מיט די פאר ווערטער האט איהר זיך כאראקטעריזירט אם בעסטען. איהר הויבט פשוט ניט אן צו וויסען וועגען וואס עס האנדעלט זיך. עס איז פונקט פארקערט. מיר קעמפען גראדע פאר דעם, אז יעדער מעמבער זאל האבען זיין פולע מיינונגס-פרייהייט, און אז די יוניאן זאל ניט פארוואנדעלט ווערען אין א קאזארמע. עס איז דארום זיכער, אז ניט נאר קענט איהר ניט לייענען צווישען די שורות, נאר איהר קענט ניט ריכטיג לייענען די שורות אם אזוי ווי זיי זיינען דא. 4) מיר האבען געראטהען דייווידסאן זיך נאכצופרעגען וועגען דעם ביי אנדערע, וועלכע ווייסען. האט איהר עס געטאן? אדרבה, פרעגט זיך נאך וועגען דעם, און איהר וועט זיך איבערצייגען, אז מיר קוויקען זיך ניט מיט חלשות-טראפען. 5) די לאקאלען, וואס זיינען פארטראטען אין דעם דזש. באארד דורך א גלייכע צאהל דעלעגאטען, ניט קוקענדיג אויף דעם, צו איין לאקאל איז גרעסער אדער קלענער, זיינען ניט פון נעכטען. זיי האבען דאך יאהרען-לאנג געבילדעט מיט זיך דעם דזש. ב., וועמעס רעקארד פון אויפטואונגען איז א ווירקליך גלענצענדער אין דער געשיכטע פון דער ארבייטער-באוועגונג. אויב אייך, און די קלאוקמאכער בכלל, געפעהלט ניט, ווי דער דזשאינט באארד איז געבויט, און איהר האט א בעסערען פלאן, וועט דערצו סקאנדאלעווען גארניט העלפען. איהר קענט אויספיהרען אויף דעם שטילסטען און געזעצליכסטען אופן, אז די קומענדע קאנווענשאן זאל באשליסען, דאס דער דזשאינט באארד מוז איבערגעבויט ווערען אויף דעם נייעם(?) יסוד פון „פראפארשאנעל רעפרעזענטיישאן". 6) די „גערעכטיגקייט" דריקט אוים, אזוי ווייט, ווי עס איז מעגליך, דעם געדאנק און דעם ווילען פון דער גרויסער מעמבערשיפ, לויט ווי זיי זיינען געקומען צום אויסדרוק אויף דער לעצטער קאנווענשאן. דאס, וואס מענשען רעדען אויף די קארנערס, דאס איז ניט און קען ניט זיין פאר אונז מאסגעבענד. און מיר רעדאגירען די „גערעכטיגקייט" אזוי לאנג, ווי אונזער געדאנק און אונזער ווילען פאלען צוזאמען מיט די פון דער מעמבערשיפ. ווען מיר וואלטען געקומען צום שלום, אז מיר דענקען און פיהלען גאנץ אנדערש, ווי די אלגעמיינע מעמבערשיפ, וואלטען מיר ניט געווארט אויף „א קאפוליער אנצוהערעניש", נאר מיר וואלטען אליין פארלאזען אונזער פאסטען, ווייל מיר קענען ניט שרייבען געגען אונזערע איינענע איבערצייגונגען. אונזער גאנצער [illegible] מ. 7) דאס שלעפשרייבען מיר, ניט ערווארטענדיג, אז איהר וועט עס פארשטעהן. פון אייער בריף זעהען מיר, אז פאר דערווייל איז עס פשוט אונמעגליך פאר אייך. נאר, אפשר, וועט איהר איבערלייענען דעם ענטפער מיט א צייט שפעטער, ווען איהר וועט ווערען א ביסעלע קליגער, וועט איהר דאן איינזעהן, ווי באשווינדעלט איהר זיינט געווארען אין אלעם בנוגע צו אייער יוניאן און איהרע פיהרער פון א נידערטרעכטיגען בינטעל ליטעראַרישע ושוליקעס, וואס די וועלט האט ווען געהאט.

דזש. טש. — 1) טהענקס. 2) אלעס א דאנק דעם, וואס מען טאר ניט דערמאנען, כשורה. אבער, ווי אלעס אין לעבען, אזוי אויך אין דעם פאל, מוז מען ערווארטען די שטענדיגע „אפס-ענד-דאונס". 3) וועגען אונזער השגחה, קענט איהר זיכער זיין, אז קיין בעסערע קען גארניט זיין. 4) אייער עצה איז א גאנץ גוטע, אבער מיר קענען לײדער איהר ניט אננעהמען. מען קען ניט פארגעסען דאס, וואס רייסט זיך אריין צו אייך דורך טיר און טויער. א גוטער פלאץ וואלט געווען ערגעץ א ווילדערניש, צו וועלכער עס וואלטען ניט געקענט דערגרייכען די משונה'דיגע קולות פון דעם מאדערנעם „סדום", ווי איהר כאראקטעריזירט אזוי טרעפענד אונזער ניו יארק. נאר אזוי לאנג, ווי עס לעבען אין איהר אזעלכע צוויי צדיקים, ווי איהר און מיר, מעגען מיר ערווארטען, אז גאט וועט ניט פארטיליגען איהם, ווי ער האט עס אזוי אומברחמנות'דיג, כאטש, מעגליך, גערעכט געטאן מיט דעם אלטען סדום.

ד. ג. — אייער בריף באווייזט אונז קלאר, אז אייער באהויפטונג, דאס „מען קען שוין מעהר די ארבייטער ניט בלאפען, ניטא די אמאליגע „מוישעס", איז, ליידער, א גרויסער ליגען. איהר ווייסט עס נעבאך ניט, אבער דוקא איהר זיינט איינער פון יענע „מוישעס".

איש יהודא. — ניטא קיין מענש אין דער וועלט, וועלכער זאל ניט מאכען קיין פעהלער, און זיכער האבען אונזערע פיהרער געמאכט פעהלערען. זיי זיינען ניט קיין מלאכים. א לעבעדיגער מענש, וואס איז אקטיוו, וואס קעמפט און שטרעבט, קען און מאכט פילע פעהלערען. בלויז די טויטע אויפ'ן בית עולם מאכען ניט קיין פעהלער. אבער, אויב זיי האבען געמאכט פעהלערען, איז זייער כונה געווען די בעסטע. מיר האבען שוין מיט א צייט צוריק געענטפערט איינעם אויף זיין באהויפטונג, דאס עס איז ניט געווען די ריכטיגע צייט צו מאכען די דאזיגע אפעראציע, און אלץ אין דעם נאמען פון איינינקייט. אבער דער אמת איז, אז די כונה פון דער דאזיגער אפעראציע איז געווען טאקע נאר די איינינקייט אין דער יוניאן. באטראכט, דריי עקזעקוטיוו באארדס פון דריי לאקאלס טוען אלץ אין זייערע כוחות צו פארגיפטען די מוחות פון די מעמבערס געגען דער גאנצער יוניאן. האט דער ג. ע. ב. פון דער אינטערנעשאנאל געקענט צוקוקען צו דעם און שווייגען? דאס וואלט דאך אין א קורצער צייט-געפיהרט צו דעם גאנצליכען צוזאמענברוך פון דער יוניאן. ווען די דאזיגע עקזעקוטיוו באארדס וואלטען כאטש געהאנדעלט לויט זייער איינענעם, זאל זיין קרומען, שכל, וואלט עס נאך געווען צו דערלײדען. איז עס אבער פאר אלעמען געווען קלאר, אז זיי זיינען די ווערקצייג פון אן אויטסיידיגער, העכסט-יוניאן-פיינדליכער מאכט, וועלכע האט נאר אין זינען צו צוברעכען די איינינקייט. האט די פיהרערשאפט פון דער יוניאן געזאלט בלייבען מיט פארלייגטע הענד, און לאזען די משחיתים פארניכטען די איינינקייט, די דיסציפלין, — די צוויי גרונד-יסודות פון יעדער יוניאן? ניין, ניט אין דעם איז געווען דער פעהלער, וואס די ג. ע. ב. האט באשלאסען אזוי צו האנדלען, און האט איהר באשלוס אויסגעפיהרט אין דער איצטיגער צייט. דער פעהלער איז געווען, וואס דאס איז פיל פריהער ניט געטאן געווארען. וואס דער באשלוס פון דער קאנווענשאן בנוגע צו די אונטערגרעבער פון דער יוניאן איז ניט שנעל גענוג און ניט ענערגיש גענוג דורכגעפיהרט געווארען. און רעדט זיך ניט איין, אז די פיהרערשאפט האט געגלויבט, אז עס איז א גרינגער „דזשאב". זי האט געקאנט צו גוט די חברה, וועלכע שטעהט הינטער דעם גאנצען גערודער, און זי האט געוואוסט, אויף וואס די דאזיגע געוויסענלאזע באנדע איז פעהיג, אבער זי האט אין דערזעלבער צייט געוואוסט, אז לאזען עס אזוי ווייטער געהן טאר מען ניט; אז אונטער די אומשטענדען קען די יוניאן זא-ווי-זא גארניט אויפטאן. נווארום, איהר פארשטעהט דאך אליין, עס איז שווער, עס איז אונמעגליך עטוואס אויסצופיהרען, ווען איהר האט אין אייער יוניאן א צד, וואס איז אן אייביגער, ביטערער געגנער, וועלכער וואס איז גוט צו [illegible] מיט אלע זיינע כוחות. דערפאר און נאר דערפאר האט די יוניאן-פיהרערשאפט זיך ענטשלאסען צו דעם דאזיגען ענטשיידענעם שריט, וועלכער מוז פיהרען צו דעם פולשטענדיגען געזונט-ווערען פון דער יוניאן. עס איז טאקע אמת, דאס עס זיינען דא פילע, וואס זיינען פארפיהרט פון אלערליי דעמאגאגישע קולות, און אויך דאס האט די פיהרערשאפט פאראויסגעזעהן, אבער דאס האט ניט געקאנט און ניט געטארט איהר צוריקהאלטען פון ערפילען איהרע העכסטע פליכטען צו דער יוניאן. ניט די פיהרערשאפט האט ארויסגערופען די צוריסענקייט פון די געמיטער. דאס האט אויסגעפירט צו זיין פולער צופרידענהייט דער רויטער סקעב-אגענט דורך די חוצפה'דיגסטע ליגענס און פארלוימדונגען, וואס מען קען זיך נאר פארשטעלען. דער קאמף איז אויפגענומען געווארען, אום צו היילען די דאזיגע צוריסענע געמיטער, און, לויט, ווי מיר זעהען, וועט די פיהרערשאפט פון דער יוניאן, און דערמיט מיינען מיר די יוניאן, ארויסקומען זיגרייך פון דעם דאזיגען קאמף. דאס איז די איינציגע ריכטיגע ערקלערונג פאר דער האנדלונג פון דעם ג. ע. ב. דאן ווילט איהר וויסען דעם אונטערשייד פון „געזעצליך" און „אומגעזעצליך" און פון „פאלק" ביז „מאב". וועלל, עס קען זיין, אז אין דער הערשענדער מוחות-צומישעניש זאלען זיין מענשען, וועלכע זאלען ניט וויסען אזעלכע פשוטע זאכען. מיר מוזען עס אייך ערקלערען. יעדע מענשליכע גרופע, יעדע קהילה, האט איהרע אנגענומענע רולס, לויט וועלכע זי לעבט. די רולס, די רעגעלען מעגען זיין גוטע אדער שלעכטע, קלוגע אדער נארישע, אבער איינמאל אנגענומען, זיינען זיי די געזעצע פון דער באשטימטער גרופע אין דער באשטימטער צייט און דעם באשטימטען פלאץ, און יעדער איינצעלנער פון דער גרופע, צי ער וויל צי ניט, מוז האנדלען לויט די באשטימטע געזעצע. האנדעלט ער צווידער די געזעצע, טרעט ער איבער די אנגענומענע רולס, שליסט ער זיך אוים פון דער גרופע, און ער מוז ערווארטען זיין פארדינטע שטראף. מערקט אייך, מיר זאגען ניט, אז דער, וואס איבערטרעט די געזעצע איז אלע מאל אומגערעכט אן און פאר זיך. קען זיין, אז ער איז זעהר גערעכט, און מיט דער צייט קען זיין איבערטרעטען די געזעצע זיין פון דעם העכסטען נוצען פאר דער גרופע, וועמעס געזעצע ער האט איבערטראטען, אבער דערווייל איז ער א פארברעכער, און, ווי געוועהנליך, ווערט ער אלס אזעלכער באהאנדעלט, און, אויב ער איז א קלוגער מענש, ערווארטעט ער עס. ער ליידט די קאנסעקווענצען פון זיין האנדלונג, ווייסענדיג אז ער איז זעהר גערעכט. איהר וועט דערפאר געפינען צו אלע צייטען פילע זאגענאנטע פארברעכער, וועלכע זיינען אין זייער צייט פארפאלגט און פארברענט געווארען אויפ'ן שייטערהויפען, און א צייט שפעטער פארהייליגט געווארען. פשוט דערפאר, ווייל די מענשען האבען געענדערט זייערע מיינונגען. אבער דאס מאכט ניט די מענשען פון דער גרופע, וועלכע האבען אזוי געהאנדעלט, אויף א האר ערגער, ווייל צו יענער צייט האבען זיי אנדערש ניט געקאנט און ניט געטארט האנדלען, גלויבענדיג, אז דאס איז דער איינציגער אופן, ווי אזוי זיי קענען לעבען צוזאמען. מיר גלויבען, אז מיר האבען זיך געמאכט גענוג קלאר, אז איהר זאלט פארשטעהן מיט וואס די עקזעקוטיוו באארדס האבען געהאנדעלט געגען דעם גייסט און די געזעצע פון דער יוניאן און צוליב וואס זיי זיינען ערקלערט געווארען אלס פארברעכער, וועמען די יוניאן האט געמוזט סוספענדירען. קען זיין, אז צוליב דעם, וועלען די געזעצע פון דער יוניאן מוזען געענדערט ווערען. אבער וועגען דער צוקונפט רעדט מען ניט. איצט, אין דעם מאמענט, זיינען די רולס, די געזעצע, אזעלכע און אזעלכע, און יעדער, וואס וויל זיי ניט פאלגען, קען ניט ערווארטען, אז די יוניאן זאל איהם דערפאר א גלעט טאן איבער'ן בעקעלע. וואס אנבאטרעפט דעם באגריף פון „מאב" איז עס דאס-זעלבע. נעהמט דעם מיטינג אין דעם סטאדיום און איהר קענט וועגען איהם אנדערש ניט דענקען, ווי וועגען א מאב-מיטינג. ער איז איינבארופען געווארען ניט פון דער יוניאן, פאלגליך האט די יוניאן ניט נאר דאס רעכט איהם צו איגנארירען, נאר זי האט דאס פאלקאמע רעכט צו דיסציפלינירען, צו באשטראפען אלע איהרע מעמבערס, וועלכע זי געפינט אויס צו האבען זיך באטייליגט אין איהם. איהר קענט ניט זאגען, אז דער מיטינג איז געווען א מיטינג פון קלאוקמאכער, ווען אפילו אלע, וואס זיינען דארט געווען וואלטען געווען קלאוקמאכער, ווייל עס האבען דארט אויך געקאנט זיין ניט-קלאוקמאכער, מענשען, וואס האבען גארניט צו טאן מיט דער יוניאן, מענשען, וועלכע זיינען, אפשר, די ביטערסטע שונאים פון דעם יוניאן. דערפאר קען מען באטראכטען אזא מין מיטינג, אלס א „מאב", וועמעס האנדלונגען קענען ניט און טארען ניט האבען די מינדעסטע ווירקונג אויף די פאליסים פון דער יוניאן. ווייטער רעדט איהר, אז מיר רעדען אין דעם נאמען פון פאלק, בעת דאס פאלק וויל פון אונז ניט וויסען. דאס איז ניט גאנץ מעגליך. ווען דאס פאלק זאל די פיהרערשאפט ניט ווילען, קען זי עס זעהר לייכט אויספיהרען אויף דעם געזעצליכסטען אופן. 5 לאקאלס פון דער אינטערנעשאנאל קענען, לויט דער קאנסטיטוציע, פאדערען די איינבארופונג פון א-ספעציעלע קאנווענשאן, וועלכע קען איינפיהרען נייע געזעצע אנשטאט די אלטע, און אויסוועהלען א נייע פיהרערשאפט. ביז איצט זיינען ניט געקומען אזעלכע 5 לאקאלס מיט אזא פאדערונג. דערפאר מעגען מיר אננעהמען, אז די ארבייטער, וואס געהערען צו דער ארגאניזאציע, זיינען אין פולען איינקלאנג מיט דער האנדלונג פון די פיהרער, און דאס די קולות פון דער גאס נארען אייך פשוט אפ וועגען דער אמת'ער מיינונג פון דער מעמבערשיפ. און דאן קומט איהר ווידער צו דער דיוס-פראגע. מיר ווילען אייך צוגעבען, אז די מאיאריטעט פון דער מעמבערשיפ איז געווען געגען דער העכערונג פון די דיוס. מיר ווילען געהן נאך ווייטער און באהויפטען, אז עס איז ניט געווען אין דער מעמבערשיפ איינער אפילו, וועלכער זאל ווילען, אז מען זאל זיינע דיוס העכערען. ווארים די קלאוקמאכער זיינען גארניט אזוי רייך, אז א סענט זאל זיין ביי זיי א ממזר. אבער ניט וועגען דעם האנדעלט זיך עס. וואלט געווען א געזעץ אין דער יוניאן, אז פאר די העכערונג פון די דיוס דארף מען אנפרעגען ביי יעדען מעמבער באזונדער, וואלט מען עס געמוזט טאן, און דאן ווייסען מיר ניט, אויב די דיוס וואלט ווען-עס-איז געקאנט געהעכערט ווערען, אפילו, ווען עס וואלט זיך געהאנדעלט וועגען דעם סאמע לעבען פון דער יוניאן. און, ווען די קאנסטיטוציע פון דער יוניאן איז געשאפען געווארען, האבען איהרע פארפאסער געפיהלט, אז עס קען קומען צו אזא לאגע, האבען זיי דערפאר געשאפען אזא געזעץ, אז די העכערונג פון דיוס קען אנגענומען ווערען פון דעם דזשאינט באארד מיט דער שפעטערער גוטהייסונג פון די לאקאלס. און א מאיאריטעט פון די לאקאלס, וואס זיינען אנגעשלאסען אין דעם דזשאינט באארד האט גוט געהייסען דעם באשלוס. און דערמיט איז דער באשלוס געווארען א געזעץ, און אלע די, וועלכע האבען זיך געשטעלט געגען איהם, האבען זיך געשטעלט אין דער לאגע פון אומגעזעצליכע. איהר האט אויך א טעות, גלויבענדיג, אז די פיהרערשאפט האט זיך ניט גערעכענט מיט די נויטען פון דער מאסע, און דערפאר האט זי מיט אזא לייכטהארץ אנגענומען דעם באשלוס וועגען די דיוס און דעם אסעסמענט. מיר האבען וועגען דעם שוין ניט איינמאל געשריבען. אבער, ווי עס זעהט אוים, לייענט איהר ניט, און ווילט ניט לייענען דאס, וואס פאסט זיך ניט אריין אין אייער פראגראם. ווילען מיר אייך זאגען אין קורצען, אז די פיהרערשאפט האט אנגענומען די דיוס-העכערונג, ווייל דאס איז געווען נויטיג פאר די סאמע עקזיסטענץ פון דער יוניאן. און די סאלארים פון די יוניאן-באאמטע, וואס זיינען געהעכערט געווארען, האבען אין די לעגיטימע אויסגאבען פון דער יוניאן די באדייטונג פון א טראפען אין ים. און צו גלויבען, אז די דיוס זיינען געהעכערט געווארען צוליב דעם, כדי א פאר יוניאן-באאמטע זאלען קענען קריגען א פאר דאלאר מעהר א וואך איז פשוט אומזיניג און לעכערליך. וועגען אונזער מוט ארויסצוקומען מיט'ן אמת קענט איהר ניט צווייפלען. בלעטערט נאר אין דער „גערעכטיגקייט" און איהר וועט געפינען כמעט אין יעדען נומער, וואס איהר מיינט, מיר האבען באדארפט זאגען. מיר האבען געזאגט און ווידערהאלען, אז עס זיינען דא זאכען, וואס די יוניאן קען טאן, און זאכען, וואס זי קען ניט, און מיר האבען אימער פארדאמט די דעמאגאגען, וועלכע פארשפרעכען די ארבייטער דאס טעלערל פון הימעל, אום צו דערגרייכען זייערע מאמענטאנע פערזענליכע צילען.

סעקרעטערע פון לאקאלס!

זיינען אויפגעפאדערט צו האלט'ן א רעקארד פון די צאהל וואכען דיוס, וואס עס ווערען גוט געמאכט צו מאנכע פון אונזערע מעמבערס פון די עקזעקוטיוו באארד אדער ספעשעל קאמיטעס.

ברידערליך אייער

רעקארד און פוב. דעפ.
א. ל. ג. וו. יוניאן.
H. A. SCHOOLMAN, Director.

די באלשעוויסטישע קאנצענטראציאנס לאגערען

(שלוס).

נערוועז ווען עס איז אנגעקומען די קאמיסיע מיט באקיי'ן, האט זיך אין מוקסאמאלי אפגעשפילט א טרויעריגע דראמע: דער יונגער עס־ער סאנדראמיר איז באגאנגען זעלבסטמארד. באקיי האט געוואלט אליין אונטערזוכען די איינצעלהייטען פון זעלבסטמארד און האט פארבאטען דעם פארקעהר צווישען די באזונדערע קלויסטערס. עס איז אויך פארבאטען געווארען צו נעהמען אן אנטייל אין דער לויה, און סאנדראמיר'ן האט מען באגראבען לעבען דער קלויסטער־וואנט. פריש איז געווען נאך ביי אונז אין זכרון טראנאוויטש'עס זעלבסטמארד,*) און די נערווען אונזערע זיינען צושרויפט געווארען. נאר א דאנק דער טאקטישער האנדלונג פון קלויסטער־קאמענדאנט איז נים געקומען צו אן ערנסטען צוזאמענשטויס. נאגמיעוו איז אפגעפאהרען צוזאמען מיט באקיי. דעם זעלבען טאג האט געזאלט אויסברעכען א הונגער־סטרייק און נאר אייכמאנ'ס א בארוהיגענדע טעלעגראמע האט איינגעשטילט די נשמות און ס'איז געווארען א ביסעל רוהיגער.

מיר פיהרען איצט א פרידליכען לעבען. עס איז שוין ווינטער. דער שיף־פארקעהר קאן יעדען טאג אויפהערען און אויף זעקס־זיבען מאנאטען ווענען מיר אפגעשניטען ווערען פון דער גאנצער וועלט. דער בריף איז געווים דער לעצטער ביז דעם קומענדען יוני. מיר ארבייטען פלייסיג. פארלעזונגען און רעפעראטען קומען פאר יעדען טאג. מיר ווייסען אבער נים, צי מ'וועט אונז לאזען צו רוה. אייכמאן איז אוועק קיין מאסקווע מיט אן אולטימאטום: ע ר אדער נאגמיעוו. אייכמאן איז אוועק און געבליבען איז נאגמיעוו, וועלכער איז א דעגענעראט. אין פעטראמינסק האט ער זיך באריהמט, אז ער האט זיין איינענעם ברודער פאר'משפט צום טויט. און איצט איז ער דער צאר איבער פינף טויזענד געפאנגענע!

מיט דעם „ליבעראלען" קורס איז מען אין מאסקווע נים צופרידען. נאר איינינע שווער־קראנקע האט מען אריבערגעפיהרט קיין ארכאנגעלסק. די איבעריגע האט מען איבערגעלאזען, כאטש די פרוי פעלדמאן, — א דאקטאר, א קאמוניסטקע, וואס איז געווען געשיקט אויף א געוויסע ציים — האט אליין געפאדערט מ'זאל זיי אריבערפיהרען.

דער פראצענט פון די קראנקע איז זעהר גרויס — 52 פראצענט, צווישען זיי 11 פראצענט טובערקולאזע. דער ווינטער איז שווער פאר אלעמען.

נאר זאל שוין זיין גענוג! מיר געזעגענען זיך מיט אייך. אייך אלעמען, ווענען אויף דער „פרייהייט" לעבט זיך אויך נים איבעריגנס פרעהליך, ווינשען מיר דאס בעסטע און דאנקען אייך הארציג פאר אייער זארג וועגען אונז."

סאלאווקי, דעצעמבער, 1923.

דער בריף פון סאלאווקי איז אפגעשיקט געווארען מיט דער לעצטער פאסט, איידער ס'האט אויפגעהערט די פארבינדונג מיט דער יבשה.

אין א ציים ארום האט זיך אפגעשפילט די בלוטיגע דראמע, וועגען וועלכער די סאוועטישע פרעסע האט אונז מיטגעטיילט. די „איזוועסטיא" פון 10טען יאנואר, 1924 יאהר האט געבראכט א קורצע נאטיץ, אז עפעס א „טרויעריגער צופאל" איז פארגעקומען אין סאלאווקי דעם 19טען דעצעמבער, און אז די רעגירונג האט באשטימט א „באזונדערע דרייגלידערדיגע קאמיסיע", וואס זאל דעם „צופאל" אונטערזוכען. און מעהר קיין ווארט נים. די „פראלעטארישע" רעגירונג האט געשוויגען אין דער ציים ווען די פאמיליעס פון די הונדערטע פארשיקטע, וואס שמאכטען אין סאלאווקי האבען אומיסט אפגעשלאגען די טירען פון די באלשעוויסטישע קאנצעלאריעס, כדי צו דערוויסען זיך, וואס עס טוט זיך מיט זייערע נאהענטע.

ערשט דעם 10טען פעברואר האט די „איזוועסטיא" געגעבען אין דער פארם, מיט גאנצע קליינע שריפט, א נאטיץ וועגען דעם „טרויעריגען צופאל" מיט מעהר איינצעלהייטען. ס'לאזט זיך אויס, אז עס איז געקומען א „צוזאמענשטויס" צווישען די פארשיקטע און דער וואך, דערביי זיינען זעקס פאליטישע געטויטעט געווארען און צוויי זיינען פארוואונדעט געווארען.

דאס זיינען די נעמען פון די קרבנות: געטויטעט געווארען:

1. יעליזאבעטא קאטאווא, 25 יאהר אלט.
2. נאטאליע באוער־צייטלין, 32 יאהר אלט (די פרוי פון דעם עס־ער צייט־

*) אין קעמ. אויפ'ן וועג קיין סאלאווקי. [illegible]

גענומען פון דעם ביכעל „דער טערער געגען סאציאליסטען אין רוסלאנד און אין גרוזיע", ארויסגעגעבען פ.נ.'ם אויסלענדישען סאציאליסטישען פארבאנד אין אויפטראג דעם סאציאליסטישען ארבייטער אינטערנאציאנאל.

לין, וואס שמאכט שוין 5 יאהר אין די מאסקווער טורמעס).

3. געארגי קאטשאראווסקי, 28 יאהר אלט.
4. גבריאל בילימא־פאסטערנאק, 27 יאהר אלט.
5. מאיר נארעליס, 26 יאהר אלט.
6. וסעוואלאד פאפאוו, 28 יאהר אלט.

פארוואונדעט:

1. לעאניד לעבערעוו, 24 יאהר אלט.
2. געארגי שיפ.

ביז דער שיף־פארקעהר מיט די סאלאווקי איז ווידער געעפענט געווארען האבען מיר זיך געמוזט באגוגענען מיט די קארגע ידיעות פון דער סאוויאנער באלשעוויסטישער פרעסע.

ערשט אין הערבסט 1924 זיינען אנגעקומען קיין אויסלאנד די ערשטע דירעקטע ידיעות פון די פארשיקטע, ווי אויך אפיציעלע דאקומענטען פון דער סאוועטישער רעגירונג. און דא האט זיך אנטפלעקט פאר אונז א גרויזאמע בילד פון גוואלדטאטען און מערדערייען איבער די הילפלאזע פאליטישע.

כדי זיך קלאר מאכען די אורזאכען פון די טראגישע געשעהענישען, מוז מען נעהמען אין אכט, אז די פאליטישע פארשיקטע אין די קאנצענטראציאנס־לאגערען זיינען קיינמאל נים גע'משפט געווארען און וועלכען נים איז גאריכט; זיי זיינען א ד מ י נ י ס ט ר א ט י וו פארשיקט געווארען דורך דער טשעקא. זיי זיינען נים קיין ארעסטאנטען, נאר פ א ר ש י ק ט ע, און דעריבער ווילען זיי זיך נים אונטערגעבען דעם טורמע־רעזשים. זיי פאדערען פרייע באוועגונג אין די קאנצענטראציאנס־לאגערען גופא, זעלבסטפארוואלטונג, פרייע פארטיילונג פון דער ציים און ארבייט, א. א. וו.

נאך א לאנגען הארטנעקיגען קאמף האבען די סאציאליסטען פאקטיש אלע זייערע פאדערונגען דורכגעפיהרט, ווי למשל אין דער פראגע פון אלגעמיינעם רעזשים, זעלבסטפארוואלטונג.

דאס איז שוין אן אלטע טראדיציע אין די רוסישע טורמעס, א טראדיציע פון מעהר ווי א האלב יאהרהונדערט, אז די פאליטישע ארעסטירטע אין יעדער טורמע, אין וועלכער זיי געפינען זיך אין א גרעסערער צאהל, ווערען פון די טורמע־פארוואלטונגען באטראכט אלס א געשלאסענע קערפערשאפט, וועלכע ווערט פארטרעטען דורך אויסגעקליבענע פארשטעהער, „סטאראסטעס", וועלכע פארטרעטען די ארעסטירטע פאר דער אדמיניסטראציע פון דער טורמע.

די דאזיגע סיסטעם פון „זעלבסטפארוואלטונג" איז אין פארלויף פון צעהנדליגער יאהרען אויסגעקעמפט געווארען פון די סאציאליסטען; די באלשעוויקעס האבען עס אין יאהר 1918 שטילשווייגענד איבערגענומען, פריהער אין די טורמעס און שפעטער אין די קאנצענטראציאנס־לאגערען. אבער גרינג איז דאס נים אנגעקומען. ווי מיר האבען שוין אנגעוויזען, האבען די ארעסטירטע סאציאליסטען באקומען די „פריווילעגיעס" אין די באלשעוויסטישע טורמעס נאך א הארטנעקיגען קאמף.

און דאס וואס איז פארגעקומען אין סאלאווקי, אין דעצעמבער 1923, איז איינער פון די בלוטיגע עפיזאדען אין דעם דאזיגען לאנגען הארטנעקיגען קאמף.

אין זייער ווענדונג צו דעם סאציאליסטישען און פראפעסיאנעלען אינטערנאציאנאל אין יוני 1924, שרייבען די 238 סאלאוויעצקער פארשיקטע:

„די סאוועטישע פאליטישע פאליציי (טשעקא) באגוגענט זיך נים מיט דעם, וואס זי האט אונז פארשיקט אין דעם ווייטען וויסטען צפון, הונדערטער מייל וויים פון קולטורעלע צענטרען, אפגעריסען אונז פון אונזערע פאמיליעס. זי גיט אונז נים אפילו די מעגליכקייט צו באקומען רעגעלמעסיג בריף פון אונזערע נאהענטע און פריינד. די טשעקא וויל דעם סאלאוועצקען קאנצענטראציאנס־לאגער פארוואנדלען אין א רעגעלער טורמע מיט דעם שטרענגסטען רעזשים.

„זי האט אויסגעקליבען דעם מאמענט, ווען דער שיף־פארקעהר צווישען די אינזלען און דעם קאנטינענט האט אויפגעהערט, ווען ס'הויבט זיך אן דער אומענדליכער פאלאר־ווינטער — די לאנגע, לאנגע מאנאטען, ווען מיר זיינען אבסאלוט אפגעזונדערט פון דער ארומיגער וועלט. איצט קאנען די אגענטען פון דער טשעקא ארבייטען אין דער פינסטערניש. זייער „ארבייט" וועט פאר דער גאנצער וועלט בלייבען א געהיימניס! אזוי מיינען די מאסקווער זעלבסט־הערשער...

„פון מאסקווע איז געקומען א פריקאז צו די ארטיגע באאמטע, מ'זאל די פאליטישע פארשיקטע „אריינגעהמען אין די הענט". פריהער פאר אלץ אוועקנעהמען ביי אונז דאס רעכט צו באוועגען זיך פריי איבער'ן הויף. דער קליינער שטיקעל פלאץ, וואס מ'האט איבערגעגעבען אין אונזער רשות איז ארומגערינגעלט מיט שטעכיגען דראט און ווערט באוואכט פון באוואפענטע סאלדאטען. די טעריטאריע טאראען מיר נים פארלאזען אפילו אין דער באגלייטונג פון באוואפענטע רויטע ארמעער. דערפאר אבער איז ביז אהער כאטש די צ י י ט פון שפאציר איבער'ן הויף נים באגרענעצט געווען. איצט וויל די טשעקא אוועקנעהמען ביי אונז אפילו אט די „פרייהייט"...

דעם 19טען דעצעמבער, פינף אזייגער אין אווענט, האט מען אונזער „סטאראסטא" איבערגעגעבען א באפעהל פון קאמענדאנט, ראזענטאל, לויט וועלכען עס איז פארבאטען צו שפאצירען איבער'ן הויף שפעטער ווי זעקס אזייגער פארנאכט. דעם באפעהל האט מען געזאלט מיטטיילען די פארשיקטע ביי דער „פאווערקע" (דעם קאנטראל), ד. ה. אכט אזייגער אין אווענט. ס'איז קלאר, אז דער נייער באפעהל האט געזאלט אריינגעהן אין קראפט ערשט אויפ'ן צווייטען טאג, דעם 20טען דעצעמבער.

אבער שוין האלב נאך פינף אזייגער אין אווענט האבען די אויפגערייצטע סאלדאטען אנגעהויבען צו שיסען אין די פארשיקטע, וואס האבען רוהיג געשפאצירט איבער'ן הויף, נישט וויסענדיג פון קיין אומגליק. דריי מאל נאכאנאנד האט מען געשאסען אין די הילפלאזע אומבאוואפענטע מענשען. די אנוועזענדע האבען דייטליך געהערט די קאמאנדע: „ציל — שיסען!" און די סאלדאטען האבען גענומען אויפ'ן ציל די נעהנטערע... און ביים פאלמעסען די טויטע קערפערס האט זיך ארויסגעוויזען, אז א ל ע ט ו י ט ע ז י י נ ע ן ג ע ט ר א פ ע ן ג ע וו א ר ע ן פ ו ן ק ו י ל ע ן א י ן ר ו ק ע ן פ ו ן ז ע ה ר א נ א ה ע נ ט ע ר ש ט ר ע ק ע; מען האט אויך געשאסען אין די פארשיקטע, וועלכע האבען געוואלט געבען הילף די פארוואונדעטע. פון די ערשטע צוויי זאלפען זיינען געפאלען בילימא־פאסטערנאק און נארעליס; פון דער דריטער — די פרויען באוער־צייטלין און קאטאווא און קאטשאראווסקי, און פון דער לעצטער איז שווער פארוואונדעט געווארען פאפאוו.

שוין איז עס פארגעקומען דער „צוזאמענשטויס," וועלכען די סאוויעטע „איזוועסטיא" האט פארגעשטעלט מיט צעהן מאנאטען שפעטער אלס „די אונטערדריקונג פון אן אויפשטאנד"...

אויפ'ן דריטען טאג האט די „הויפט־פארוואלטונג פון די צפון'דיגע קאנצענטראציאנס־לאגערען" באשטימט אן „אונטערזוכונגס קאמיסיע" און האט פארגעלעגט די פארשיקטע ארויסצוזאגען זייער אנקלאגע פאר דער קאמיסיע. די פארשיקטע אבער האבען געענטפערט, אז א ווירקליכע אונטערזוכונג קאן געמאכט ווערען פון פערזאנען, וועלכע שטעהען נים אין קיין דירעקטער אדער אומדירעקטער פארבינדונג מיט די שולדיגע אין דעם בלוטיגען מארד, און דעריבער ווילען זיי קיין אנטייל נים נעהמען אין אזא מין „קאמיסיע".

אויך די ענערגישע טעלעגראמעס פון די פארשיקטע האט דער פרעזידיום פון צענטראלען עקזעקוטיוו־קאמיטעט פון די סאוועטען פארגעלעגט צו בילדען א קאמיסיע אין מאסקווע, וועלכע זאל באשטעהן פון פארטרעטער פון צענטראל־קאמיטעט פון דער רוסישער קאמוניסטישער פארטיי און פון יוסטיץ קאמיסאריאט, און האט פארגעלעגט די סאלאוויעצקער פארשיקטע צו שיקען זייערע צוויי דעלעגאטען אין מאסקווע, וואס זאלען מאכען א באריכט צו דיזער קאמיסיע.

די פארשיקטע האבען ווידער געענטפערט, אז זיי קאנען נים פארטרויען א קאמיסיע, וואס איז צוזאמענגעשטעלט אויסשליסליך פון פארטרעטער פון דער הערשענדער פארטיי, אז זיי וועלען ערשט דאן שיקען זייערע דעלעגאטען, ווען די אונטערזוכונג וועט געפיהרט ווערען ע פ ע נ ט ל י ך, ווען אין דער קאמיסיע וועלען צוגעלאזען ווערען פארטרעטער פון דעם רוסישען קאמיטעט: „הילף פאר פארשיקטע", פון דעם סאציאליסטישען ארבייטער אינטערנאציאנאל און פון דעם אמסטערדאמער געווערקשאפטס־אינטערנאציאנאל.

די פאדערונגען זיינען אפגעווארפען געווארען פון דער סאוועטען־רעגירונג. די „קאמיסיע" האט „געארבייט" אויף איהר געוועהנליכען ביוראקראטישען שטייגער, און ביז ענדע סעפטעמבער, 1924, האט מען פון איהר קיין ענטפער נים באקומען.

דער דירעקטער ארגאניזאטאר פון דעם בלוטיגען מארד, דער פארוואלטער פונ'ם קאנצענטראציאנס־לאגער, נאגמיעוו, וועלכער איז פיר וואכען נאכ'ן מארד אפגערופען געווארען קיין מאסקווע, האט זיך באלד אומגעקעהרט צוריק אויף זיין פריהערדיגען פאסטען, אזוי ווי עס וואלט גארנים געשעהן. כדי די „אויטאריטעט פון דער רעגירונג" זאל נים לייִדען, האט מען דעם נידערטרעכטיגען מערדער ריינגעוואשען. אזוי ארום — באמערקען די פארשיקטע אין זייער אויפרוף, — האט די רעגירונג גענומען אויף זיך די שולד פאר דאס פארגאסענע בלוט.

מען קאן זיך פארשטעלען די שטימונג פון די סאלאוויעצקער פארשיקטע אין דער ציים פון יענעם לאנגען ווינטער, נאכ'ן 19טען דעצעמבער. דער דריקענדיגער געפיהל פון פאלשטענדיגער הילפלאזיגקייט נעגען דעם ווילקיר פון די באלשעוויסטישע הענקער האט נאך מעהר פארשטארקט דאס באוואוסטזיין, אז זיי זיינען פארלאזען: די סאציאליסטישע וועלט האט זיך נים אפגערופען ווי געהעריג אויף דעם פארצווייפעלטען געשריי פון די געפייניגטע סאציאליסטען...

מ'האט זיך געטרייסט מיט דעם אנקומענדען זומער, ווען די פארבינדונג מיט דער אויסערליכער וועלט וועט געעפענט ווערען.

אבער דער זומער האט נים גרינגער געמאכט די לאגע פון די אומגליקליכע געפאנגענע אויפ'ן טייפעלשען אינזעל. אין זייער דערמאנטער ווענדונג צום סאציאליסטישען אינטערנאציאנאל און צו די געווערקשאפטען אין יוני, שרייבען די פארשיקטע:

„אין סאלאווקי האט זיך פאר דער ציים גארנישט געענדערט: דער ברוטאלער ווילקיר פון דער אדמיניסטראציע הערשט ווייטער, דער זעלבער קאמארזשנער רעזשים פאר די קרימינעלע, דער זעלבער עלענד און פיין פון די פאליטישע...

„יא, א נייעס איז דאך צוגעקומען. אויף דעם סעקירא־בארג איז איינגעארדענט געווארען אן „אויסבעסערונגס־אנשטאלט" פאר די קרימינעלע, אין וועלכען די ארעסטירטע ווערען אזוי שרעקליך באהאנדעלט, אז איינינע האבען פון פארצווייפלונג אויפגעשניטען זיך די בייכער... דער טורמע־רעזשים פראגרעסירט אלץ ווייטער: פריהער האט מען איהם אנגעווענדעט בלויז פאר קרימינעלע, איצט

(שלוס אויף זייט 20)

עס טראגט זיך א וואלקען

פון א. ראדוצקי.

עס טראגט זיך א וואלקען א שווערער.
קומט ער אלס פריינד צי צושטערער?
ברענגט רעגען ער פאר די פעלדער צוטראגען,
צי האגלען די זאנגען צו שלאגען?
נעהענטער, נעהענטער קומט ער,
ווי א טיגער א בייזער דארט ברומט ער.
מיט וואוט, מיט רעש און מיט שטורם,
ווי א וויימער, א לייכטענדער טורם.
שיקט בליצען נאך בליצען פאראוים ער,
און דונערען — בורא, דו גרויסער! —
אין סטעפ אריין וויזט איהם די ריכטונג;
פארהיט אונז פון טויט און פארניכטונג...

בלינדע קינדער

(שלוס פון זייט 11)

טען און געשעפטס־לייט פון שטעטעל אויבען געהערען צו איין קלאב, און אויף דערטען קומט פאר דער קאמף פון קלאסען. מאינערס „טוען דאס בעסטע" צו האבען זייערע מענשען אין דער פיהרערשאפט פון קלאב. אסאסיאיישאנס און לאדושען און אלערליי פאראייניגונ־גען פון געשעפטס־לייט האבען אן אל־געמיינע בירגערליכע אסאסיאיישאן, האט דער יוניאן־לאקאל געפיהרט א פאליטישע מלחמה, מ'זאל אויך זיינע פארטרעטער צולאזען צו דיזער אסאסיאיישאן. און די מלחמה געוואונען. און ער ערקלערט מיר גאנץ ריכטיג:

— עס איז אונזער שטאט ווי זיי־ערע...

מיר זיינען געגאנגען איבער בריק־לאך פון שטיבער, אויף שוועלען זיינען געזעסען פארהארעוועטע טאט.ז. ניטא פיל צו טאן איצט אין די ארומיגע מאינס, איז מען פריהער אין דער היים. אבער אויף די היים איז ניט אנדערש ווי די גרוב, וואו מען ארבייט. אויף די ווענט זיינען אייביגע שאטענס. פון די אייוועלאך טראגט זיך א ריח פון געז. נאר צוויי זאכען באשעהנען די שטיב־לאך. די ווייסע טישטיכער אויף די טי־שען, וואס די מאמעס האלטען ריין; און די „פאמיליען־פיקטשורס", וואס א טאטע מיט א מאמע מיט קינדער האבען זיך געלאזט פאטאגראפירען, און מ'האלט די פיקטשור פארדעקט אויף א וואנט...

אבער די קינדער זיינען דאך בלינ־דע, בלינדע...

און מ'גיט מיר צו פארשטעהן, אז אפילו די, וועלכע זעהען, איז די ראיה ביי זיי א שוואכע. קוק איך אויף די קינדער, און מיר דאכט טאקע, אז די אויגעלאך זיינען ביי זיי פארשטעלטע, פארגלאזטע. איך האב ניט געזעהן קיין צאפעלדיגען געלעכטער און ליב־קינדער־שע שטיפעריי אין די מאינערשע קינדער פון שטעטעל. די מיילכעלאך לאכען, די הענטלאך און פיסלאך שטיפען, די געס־לאך זיינען פול מיט קינדערשע שטימע־לאך, אבער די אויגעלאך, די פענסטער־לאך פון די קינדערשע הערצלאך זיינען רוהיג, קאלט, פארגליווערט רוהיג...

שאטענס זיינען צוליינט אין זייערע קינדערשע נשמה'לאך — די שאטענס, וואס זייערע טאטעס נעהמען מיט פון די פינסטערנישען פון דער ערד!...

* * *

איך האב זיך דערוואוסט צו דער „פעקעדוש־פארטי". די גאנצע מאינער־שע שטעדטעל איז געקומען. דער האלל, הינטער דעם סאלון, איז געווען געפאקט. מענער זיינען געקומען מיט זייערע פרוי־ען, און חתנים מיט כלות. די פיאנא, וואס איז ביימאג געשטאנען אין סאלון, איז אריינגעשלעפט געווארען אין דעם האלל, און דערזעלבער שפילער, וואס דער סעקרעטער זאגט אויף איהם, אז ער איז דער „בעסטער שפילער וואס אמע־ריקא פארמאגט", איז ווידער געזעסען און געצימבעלט בראדוויי'ער טאנץ־ליד־לאך. עס איז געווען נאך א „קראפט". איינער האט געשפילט אויף א הארמאני־קע, אי פרעהליכס, אי אומעטיגס. ווען די טענער זיינען געווען טאנצענדיגע, הא־בען ווייבער מיטגעטאנצט הייבענדיג די פלייצעס; און ווען די טענער זיינען געווען אומעטיגע, האט מען געשאקעלט מיט די קעפ. אונטער די פיאנא־קלאנ־גען פון די בראדווייער טאנץ־לידלאך האבען זיך מאינערס מיט זייערע פרויען און חתנים מיט זייערע כלות אוועקגע־לאזען ריכטיג טאנצען, און פאררויכער־טע פנימ'ער מיט מידע הענט און פיס האבען געוואלט ווייזען, אז עס שטראמט נאך אין זיי יוגענד־לוסט...

ווער עס איז געקומען, האט גע־בראכט מיט זיך א „פעקעדוש", אלס א געשאנק פאר דעם אווענר 2; מ'זאל דאס געווינען פאר צעהן סענט א „ראפעל"; און אזוי מאכען מעהר געלד פאר דער פאמיליע, וואס איז געבליבען אהן א פארזארגער. די „פעקעדושעס" האט מען געבראכט איינגעוויקעלט אין ווייסע פאטשיילקעס, אדער פארפאקטע אין באקסלאך. —די שטעטעל אויבען האט דעם טאג געלייזט געלד. די ווייבער פון שטעטעל אונטען זיינען געגאנגען איבער די סטארס און געווען גוטע קאסטאמער.

יעדע מאמע האט עפעס געבראכט, און דערלאנגט איהר „פעקעדוש" צו דער „קאמיטע" ביים טיר מיט אן עהרפורכט, א הייליגקייט.

דער פעטער מענשעל, אויף וועמען דער סעקרעטער זאגט, אז ער איז דער „בעסטער באי, וואס אמעריקא פאר־מאגט", און איז דער באלעבאס פון סא־לון, איז אויך א געוועזענער מאינער, און ער האט געגעבען דעם האלל פריי, און צעהן סענטיגע גלעזער רוט ביר האט ער געגעבען בלויז א ניקעל.

די ליכט אין האלל איז ניט געווען קיין שארפע. דערפאר זיינען די ווענט געווען פארפוצטע. בילדער פון וואשינג־טאן און לינקאלן, און א בילד פון רוז־וועלט'ן זיינען געווען באהאנגען מיט פא־פירענע שרענגעס פון אלע קאלירען. די פאהן פון יוניאן־לאקאל, א בלאהע, מיט גרויסע אויסגעהעפטע בוכשטאבען, איז געווען צושפרייט ביי א וואנט אויבען־אן, און דער שטענדיגער „גארדיען" פון דער פאהן איז לעבען איהר געזעסען אהן א ראק, און יעדע ווייל'ע אנגעשטאפט נייע טאבאק אין זיין פייפ.

עס איז געווען היים, און כמעט אלע מענער זיינען געגאנגען אהן ראק, און די ברייטע שלייקעס איבער די פלייצעס, מיט נאך ברייטערע „בעלטס" ארום די גארטלען, זיינען אויף אלעמען געלעגען מיט א מין גדלות, וואס זיי־האלטען צו־זאמען מידע ארבייטער־גלידער.

האט כ'ען זיך געדרעהט ארום די „פעקעדושעס", און חתנים האבען גע־פיהרט כלות עפעס איינצושטעלען, און געווינען פאר זיי א „פעקעדוש"; און פרויען האבען שטילערהייד, אבער מיט אן אויספיינען־זיך, אנגעוויזען אנדערע פרויען, אז דארטען, יענער „פעקעדוש", איז זייער „פעקעדוש"; און מענער זיי־נען געשטאנען ביי דער „באר", און גע־זעסען אויף פענסטער מיט פולע און לעדיגע גלעזער אין די הענט; און אלע זיינען געווען פאראייניגט צו העלפען בלינדע קינדער פון אן אומגליקליכער מאמען, וועמענס פארזארגער'ס ביידע הענט און איין פוס זיינען צודריקט גע־ווארען אין א מאין...

עס איז אנגעקומען דער פאליסמאן פון שטעטעל אויבען, וואס איז ערשט פאר א יאהרען ארויס פון א מאין — האט מען איהם באגריסט ווי א העלד פון אן ארמיי; עס איז אנגעקומען דער שעריף, וועלכער לעבט גוט מיט די מאי־נערס — האבען אלע איהם גערופען צו „טריטען" איהם ביי דער באר; האט זיך אפגעשטעלט א פארבייפאהרענדער אויטאמאביל פון שטעטעל אויבען, און די פארבייפאהרער זיינען אריין אין סא־לון עפעס צו טרינקען, האט זיך קיינער ניט אומגעקוקט אויף זיי, און דער באלע־באס איז ניט געווען גערן זיי צו באַ־דינען...

קלאסען־קאמף!...

עס איז אך ארבייטער־אווענד, צו העלפען א געפאלענעם ארבייטער־ברו־דער, האט מען ניט געוואלט, אז אימי־צער, וואס איז ניט נאהענט מיט ארבי־טער, זאל דעם אווענד פארשוועכען...

ווען עס איז שוין געווען שפעט, און מ'האט שוין געהאלטען ביים פונאנדער־געהן, און עס זיינען נאך געבליבען „פע־קעדושעס", האט דער באלעבאס פון סא־לון זיך געשטעלט אויף א טשער, זיי אויסצופארקויפען פאר בילינער, און רו־פענדיג דעם עולם, האט ער געפלאנטערט מיט'ן צונג אן אפיעל — „בלינדע קינ־דער... בלינדע קינדער... העלפען... העל־פען...

און גאר שפעט, ווען אלע צוהויקער־טע שטיבלאך זיינען שוין געווען פארזונ־קען אין שלאף, און קיינער איז אויף די געסלאך מעהר ניט געווען, און איבער'ן שטעטעל האט זיך פון די ווייטע הויכע בערג געצויגען א צוקנייטשטער הימעל פון קליינע ווייסע וואלקענדלאך צווישען א סך, א סך שטערען, זיינען די שטערען געווען ווי בלינדע אויגען... קינדערשע בלינדע אויגען...

און ווען פון א שטיבעל האט זיך גע־הערט א קינדערש געוויין פון מיטען שלאף, האבען זיי אודאי געוויינט בלינ־דע אויגעלאך...

אמעריקאנער אינדוסטריע, רייך אין אלע רייכקייטען פון דער וועלט, און ליכ־טיג מיט ליכט וויפיל די זון פון דער ברייטער גרויסער וועסט קען נאר געבען, הארעוועט אין א ווינקעל א דור פון בלינדע קינדער — אין די אויגעלאך פון די קינדער איז פארגליווערט די פינסטער־קייט, וואס די טאטעס ברענגען פון די גרובען!...

בלינדע קינדער, בלינדע אויגען — און אין מיינע טריט אין דער שטילקייט פון דער נאכט, געהענדיג פון שטעטעל אונטען, צו דער שטעטעל אויבען, האט געקלונגען אונזער „בילל" גרינ'ס שטימע צו יענער פארזאמלונג פון די אינטערנע־שאנעל מיטגלידער אין ניו יארק —

„... א גאנץ פאלק קארטשעט זיך אונטער דער ערד, און פון דער דיקער פינסטערניש שטרעקען זיך הענט — א ביסעל ליכט, א ביסעל זון, ניט פאר אונז, נאר פאר אונזערע קינדער..."

די באלשעוויסטישע קאנצענטראציאנס לאגערן

(שלוס פון זייט 12)

פיהרט מען עס איין אויך פאר די ארעס־טירטע קראנשטאטער מאטראסען און פאר די פריש־צוגעקומענע פארשיקטע סטודענטען..."

„אבער דאס איז נאך אלץ ניט גענוג. איצט וויל מען אויך פאר אונז, שוין אנ־ערקענטע פאליטישע פארשיקטע, איינ־פיהרען די סיסטעם פון צוואנג־ארבייט. מ'האט ביי אונז צוגענומען די וועשעריי, די באר, מען שטעלט אונז אוועק אין א לאגע, אין וועלכער ס'האבען זיך קיינמאל ניט געפונען די פאליטישע ארעסטירטע אפילו אין די צארישע טורמעס.

„מ'נעהמט ביי אונז אוועק די עלע־מענטארע רעכט פון יעדען ארעסטירטען אין יעדער טורמע, דאס רעכט צו זעהן זיך מיט אונזערע פאמיליעס; ניט קוקענ־דיג אויף דעם, וואס דער שיף־פארקעהר האט זיך ווידער אנגעהויבען, ערלויבט מען ניט אונזערע נאהענטע צו באזוכען אונז."

קיין וואונדער ניט, אז די שטימונג פון די פארשיקטע ווערט אלץ נערוועזער און גערייצטער.

די דאזיגע שטימונג זעהען מיר פון די פילע בריף, וואס די אויסלענדישע פאר־טרעטער פון דער רוסישער סאציאל־דע־מאקראטישער פארטיי האבען באקומען אין פארלויף פון זומער, 1924.

די לאגע ווערט נאך ערגער דערמיט, וואס די פארשיקטע קומט אויס ממש צו הונגערען. מ'האט ביי זיי צוגענומען די „פארגרעסערטע פארציעס" (די אזוי גע־רופענע „פאלארע קעסט"), וועלכע מ'האט זיי אנערקענט דעם פאריגען ווינטער, אזוי, אז פון שטענדיגען ניט דערעסען ביי דעם שטרענגען קלימאט, פארלירען זיי די כחות. דער פראצענט פון קראנקע און אפגעשוואכטע איז זעהר גרויס (45 פרא־צענט פון די פאליטישע ליידען אויף סקארבוט, 23 פראצענט — אויף טובער־קולאזיס). דער גרעסטער טייל פון די פארשיקטע האבען ניט דעם פיזישען און ניט דעם מאראלישען כח אויסצוהאלטען נאך א צווייטען ווינטער אויף אט דעם „אינזעל פון מענשליכען עלענד".

די דאזיגע שרעקליכע לאגע האט גע־צוואונגען די פארשיקטע אנצוהויבען דעם 25טען סעפטעמבער א הונגער־סטרייק; די פאדערונג זייערע איז געווען: אריבער־פיהרען זיי אויפ'ן קאנטינענט.

אבער גראד, ווען דער הונגער־סטרייק האט זיך אנגעהויבען, איז אנגעקומען פון מאסקווע די „אונטערזוכונגס־קאמיסיע", אויף וועלכער די פארשיקטע האבען גע־ווארט פון דעצעמבער 1923 אן (די קא־מיסיע איז באשטאנען פון הויפט־פראקו־ראר קראסיקאוו און פון די פארטרעטער פון „טשעקא", קאטאניאן און באקיי). די פארשיקטע האבען באשלאסען דער־ווייל אויפצוגעבען דעם הונגער־סטרייק און אפצווארטען אויף די רעזולטאטען פון די אונטערהאנדלונגען מיט דער קאמיסיע.

די קאמיסיע, וואס האט זיך באצויגען צו די פאליטישע מיט גרויס חוצפה, איז דאך, אויס מורא פאר די פראטעסטען פון די אייראפעאישע סאציאליסטען, איינגע־גאנגען אויף געוויסע פארלייכטערונגען. מ'האט צוגעזאגט אריבערפיהרען אויפ'ן קאנטינענט די יעניגע, וועמעס צייט פון פארשיקונג האט זיך פארענדיגט. די הויפט־פאדערונג אבער וועגען אריבער־פיהרען אלע פאליטישע אויפ'ן קאנטי־נענט איז קאטעגאריש אפגעווארפען גע־ווארען.

די געשאפענע לאגע האט געצוואונגען די מעהרהייט פון די פארשיקטע אויס־צוגעבען דעם ווייטערדיגען קאמף, דעם געפלאנטען הונגער־סטרייק, ווייל זיי הא־בען ניט געזעהן קיין שום אויסזיכט אויף אן ערפאלג. די מינדערהייט אבער, מעהרסטענס אנארכיסטען און עס־ער'ען, האבען אנגעהויבען דעם דריטען אקטאבער (לויט דער אפיציעלער מעלדונג, דעם 4־טען אקטאבער) א הונגער־סטרייק. דער הונגער־סטרייק האט געדויערט ביז'ן 17־טען (לויט דער אפיציעלער מעלדונג ביז'ן 18טען), דאס הייסט גאנצע פערצעהן טעג!

כדי צו צוברעכען דעם ווידערשטאנד פון די הונגערענדע, האט די אדמיני־סטראציע פון דעם לאגער באשלאסען צו איזאלירען זיי פון די איבעריגע פאליטי־שע ארעסטירטע. מ'האט זיי פארשפארט אין אן אפגעזונדערטער געביידע, מ'האט אבסאלוט קיינעם ניט צוגעלאזען צו זיי און וועניג וואס זיך געקימערט וועגען זיי. ניט קיין דאקטאר און ניט ווער עס איז פון דער אדמיניסטראציע האט זיי ניט באזוכט. ערשט אויפ'ן זיבעטען טאג פון דעם הונגער־סטרייק איז געלונגען דעם סטאראסטא פון דער סאציאל־דעמאקרא־טישער גרופע פארשיקטע צו באזוכען זיי.

דער הונגער־סטרייק האט ניט געהאט קיין גרויסען ערפאלג. נאר א קליינער טייל פון די פאדערונגען איז נאכגעגעבען געווארען: מ'האט אריבערגעפיהרט די פאליטישע, וואס האבען זיך ביז איצט אויפגעהאלטען צוזאמען מיט די קרימי־נעלע, אין „פאליטישען" לאגער.

די ווייטערדיגע געשעהענישען אויף די סאלאווקי זיינען אונז ניט באקאנט, ווייל דאן האט זיך אנגעהויבען דער לאנ־גער פאלאר־ווינטער.

דער איינדרוקספולער מיטינג פון די דרעס פרעסער אין בעטהאווען האל

(שלוס פון זייט 10)

די דזשאינט באארד און די אינטערנעשא־נעל אין דעם קאמף וואס די קאמוניסטען פיהרען געגען דער יוניאן.

נאך זיגמאנ'ס רעדע האט דער טשער־מאן פון מיטינג, ברודער ברעסלאוו, גע־מאכט איינינע באמערקונגען און האט פארגענומען די רעזאלוציע צום שטימען. די רעזאלוציע איז אנגענומען געווארען מיט הורא־געשרייען, מיט אן אמת'ער הארציגער באגייסטערונג.

* * *

אבער ווי האט די פרעכהייט, די קאמוניסטישע פאסקוויל שמאטע, בא־ריכטעט פון דעם מיטינג? די זונה פון יוניאן סקווער האט פון דער נידערלאגע, וואס איהרע חברה לייט האבען דארט געכאפט, געמאכט א „גרויסען זיג". אזעלכע „זיגען" פארגינען מיר איהר פון גאנצען הארצען. די פראגע איז נאר, ווי אזוי ערלויבט זיך דאס בלעטעל אזוי גע־מיין און נידערטרעכטיג צו ליגען. ווי זי ערלויבט זיך עס אזוי אפען צו פאר־דרעהען די פאקטען, וואס אזוי פיל מענ־שען ווייסען דאך ווי ליגנעריש דאס איז. זי וועט זיך דערטרינקען אין איהר אייגען שמוץ.

פאר 3$ א חודש בלויז קענט איהר ווערען דער אייגענ־טימער פון א לאט אין דער וואונדערבארער סעקשאן פון

„ווידינג ריווער", לאנג איילענד

דער פולער פרייז פער לאט איז בלויז $77.50.

מיר זיינען זיכער, אז דער פרייז פון די לאטס וועט פארדרייפאכט ווערען אין א קורצער צייט. אלע וועלכע האבען געקויפט ווידינג ריווער לאטס זיינען פולשטענדיג צופרידען. ווארום זאלט איהר ניט זיין איינער פון די צופרידענע? ליינט דאס ניט אפ אויף מארגען און קויפט א לאט היינט.

עקסקוירשאנס און פריוואטע קארס פון דער קאמפאני'ס אפיס יעדען פריהמארגען אום 9 אוהר.

שניידט אויס דעם קופאן און שיקט דאס צו

Estate of Wading River, 27 Cleveland Place (Suite 801) N. Y. City

אהן קיין שום פארפליכטונג בעט איך אייך מיר צו שיקען פולע אינפארמיישאנס וועגען די לאטס אין ווידינג ריווער, לאנג איילענד.

נאמען — — — — — — —

אדרעס — — — — — שטאט — — — — —

בלויז דריי וואכען צו זיין אין דער יוניטי הויז

די אינטערנעשאנאל יוניטי הויז, אין פארעסט פארק, די בארימטע ארבייטער זומער־היים, וועט זיין אפען בלויז איבער לייבאר דעי, אין גאנצען נאך א דריי וואכען צייט.

אויב איהר ווילט זיין דארט, איילט זיך אונטער. רעדושיסטרירט זיך באלד אין אפיס פון דער אינטערנעשאנאל, 3 וועסט 16טע סטריט, אויפ'ן דריטען פלאר. טוט עס באלד, איהר זאלט ניט זיין צווישען די פארשפעטיגטע.

די שטאטליכע און פרי־וואטע פענשאן־סיסטעם.

(שלוס פון זייט 9)

קלייבען זיך אן אין דעם עלטער־פאנד. אזא פאל האט מיט א קורצער צייט צו־ריק פאסירט אין שיקאגא מיט איבער 400 אלטע מענער און פרויען, וועלכע האבען געלעבט אויף די פאר דאלאר וואס די „מאריס פעקינג קאמפאני" האט זיי אויסגעצאלט. דער גרויסער פעקינג קאנ־סערן „ארמער ענד קאמפאני" האט איבערגענומען די ביזנעס פון דער „מא־ריס קאמפאני" און האט נים געוואלט אנערקענען די התחיבות צו די עטליכע הונדערט פענסיאנערען, וועלכע האבען אפגעארבייט אין דער פירמע פון „מאריס קאמפאני" וועניגסטענס אין משך פון א פאר צענדליג יאהר. דער קאורט האט נאך א לאנגען פראצעס גע'פסק'נט, אז די אלטע לייט האבען בלויז א רעכט צו פארלאנגען די סומע, וואס איז פארבלי־בען אין פאנד, דאס מיינט ארום 300 טוי־זענט דאלאר. נאך בעפאר דעם פסק־דין האט זיך אבער די סומע איינגאנצען אויס־געשעפט, ווייל זי האט געקענט קלעקען אויף העכסטענס צוויי יאהר. לויט דער אויסרעכענונג פון עקספערטען האט זיך געפאדערט א רעזערוו־קאפיטאל פון אכט מיליאן דאלאר, כדי צו פארזארגען אלע ארבייטער פון דער פירמע ביז זייער טויט. דערביי האבען די ארבייטער במשך פון 12 יאהר כסדר ביינעטראגען צום פאנד און די קאמפאני האט בלויז צוגעטראגען 25 טויזענט דאלאר יעהר־ליך ביז דער פאנד האט דערגרייכט א האלבען מיליאן דאלאר.

די נייעסטע פארם פון א פריוואטער פענשאן־סיסטעם איז א מין קאמבינאציע פון דער פארצייטיגער ארדענונג מיט דער מאדערנער איינריכטונג פון קאלעקטיווע אינשורענס־פאליסים דורך די גרויסע פארזיכערונגס־קאמפאניעס. דערביי פא־לען אפילו אפ די שעדליכע און געפערלי־כע רעזולטאטען פון דער פריהערדיגער סיסטעם, ווייל די ארבייטער און אנגע־שטעלטע זיינען אומאפהייננגיג פון די בא־סעס און זיכערער מיט זייער פענשאן. נאטירליך, איז אבער אויך אט דער מי־טעל נים קיין לייזונג פון דער פראגע. די קאפיטאליסטישע אינשורענס־קאמפאניס הויבען אן צו באטראכטען דעם פלאן אלס א נייעם צווייג פון זייערע ביזנעס, פון וועלכען זיי קענען ציהען גוטע פראפיטען: דורכדעם ווערט זיכער נאך שטארקער ווערען די אפאזיציע געגען דער איינפירונג פון א שטאטליכען פענשאן־סיסטעם פאר ארבייטער און די אומפארמעגליכע ביר־גער בכלל.

אלע קרעפטען פון דער אמעריקאנער ארבייטערשאפט מוזען איצט אנגע־שטרענגט ווערען, כדי אויסצוקעמפען א סיסטעם פון עלטער־פענשאנס לויט די אויסגעארבייטע פרינציפען, וועלכע די מערסטע ציוויליזירטע לענדער האבען אנערקענט.

א פראווינץ צייטונג

(שלוס פון זייט 7)

— וואס דענקט איהר, מיר וועלען טאקע שרייבען פאר דער צייטונג?..

—יעס, מעם! איך מיין נים פאר דער צייטונג, נאר פאר „ווייידושעס!"

— ביז ווי לאנג, דענקט איהר, וועלען מיר — — —

— ביז מיר וועלען אפשפארען גענוג געלט אויף צו פארען אין „נעוו־יארק!" דאטסאל!

דער רעדאקטאר נומער 1 האט געוואלט וויסען וואס מען האט אזוינס געזאגט און איבער וואס איך האב א לאך געטאן.

מען האט א מאך געטאן מיט'ן האנט: גארנישט!

דער רעדאקטאר האט מיך געפרעגט וואס איז וועגען ראמאן. ער מוז האבען א נייעם ראמאן. איבערצודרוקען רא־מאנען וועט זיין בעסער אפצולעגען אויף שפעטער. ער מוז האבען א פאר קאפיטלען ראמאן און אן עדיטאריעל פאר'ן פרויען־פיידוש שוין, פאר'ן ערשטען נומער.

אן עדיטאריעל, איבער וואס? — —

איבער וואס נים איז! ס'האט איהם נים געארט איבער וואס. ער האט עס איינגאנצען איבערגעלאזען צו מיר. און דעם ראמאן אויך. ס'זאל נאר זיין שפאנענד; איז דאס וואס די לעזער ווילען. די ערגסטע ראמאנען האבען די גרעסטע צאהל לעזער. ס'דארף נים זיין ליטעראריש, ס'דארף זיין אינטערעסאנט.

איך האב געוואלט מעהר רעדען וועגען דעם, כדי צו ווי־סען בעסער, וואס און ווי און ווען, אבער דער רעדאקטאר האט געפיהלט שווער נאכ'ן זאטען מאלצייט און אפגעלצנט מעהר צו ריידען מארגען, מאנטאג, אין אפיס, אין רעדאקציע פון „וועג־ווייזער", שפעטער....

אזוי צו זאגען: א שעה פאר ליכט־בענטשען...

איך האב זיך געוואונט אליין צו פארען צוריק אין שטאט־טריין, צו טראכטען וועגען ראמאן, עדיטאריעל א. א. וו. איך האב'ן שפעטער נים פארלאזען, סיידען איך וועל גארנים אנ־הייבען, כדי צו זעהן וואס פאר א מין „פייפער" דאס וועט זיין, וואס פאר א פנים דאס וועט האבען. און ווער ווייס ווי א „פייפער" דארף זיך אין א קליין שטעדטעל אנהייבען, אפשר דארף און מוז יעדע קהל'שע וואך־ביי אירען דורך קריי־געריי ארויסקומען?...

מר. רעט האט מיך געבעטען נאך צוזווארטען א ווייל'ע, דער שווארצע, מר. וויס, אונזער סטער־פאטאגראפער וועט אונז ארונטערנעמען.

ער האט אונז אוועקגעשטעלט אויף דער ווינער וויט אין סטרים אין איין רייהע און געמוסטירט: אהער קוקען, שמייכלען, אזוי שטעהן, נים ריהרען זיך, קוקען אויף דער זון און נים ושמורען די אויגען.

איך בין געווען נים אויפגעלעגט מיט דעם „באנטש" זיך צו פאטאגראפירען; ס'האט זיך מיר נים געוואלט מים זיי שלעמען אויף איין בילד צו זיין: ווער זיינען זיי? וואס זיינען זיי? — עס האט אבער נים געפאסט זיך דערפון אפצוזאגען און מיר זיינען אלע אויף איין בילד, צום „אייבינען אנדענ־קען", ארונטערגענומען געווארען.

מען האט מיך א טייל פונ'ם וועג אויף צוריק אין מיין היים באגלייט. ער האט אזוי אפגעלאזען, ווי דער רעדאקטאר נומער איינס, וועגען דער ארבייט פאר'ן „פייפער" גערעדט; זיינע געדאנקען זיינען געווען פארנומען מיט ניו־יארק.

— דער בעסטער פלאץ אין בין איז דער סטיישאן, וואו מען נעמט די טריין אויף צו פארען אין ניו־יארק, — האט ער געזאגט. און ער וועט אויפהויבען ביידע הענט צום הימעל אין דעם טאג ווען ער וועט קענען די שטאט פארלאזען.

— און איהר? וואס געהט איהר טאן ביז מארגען? — האט ער מיך געפרעגט.

(פארזעצונג קומט.)

פרעסערס
פון קלאוקס

זיים וויסען דאס די ווייער ברעט־לאך צו פרעסען וועלוועט און בע־ליוויע, וואס מיר האבען ביז איצט געמאכט מיט די צונעפעכטע לייד־ווענר ארער צוגעשלאגען אויף האלץ זיינען ערקלערט געווארען פון אונ־זער פעקטארי־דאקטאר פאר אומ־געזונד צו יוזען, דען דער געדוך פון די צוואווארימטע פעך און די צופא־רעטע האלץ קאן ברענגען צו קאנ־סאמפשאן.

יוזט נאר אונזער נייעם פעטענט מים די קופערנע לייווענד, וועלכע איז אנערקענט געווארען פון די גרעסטע עקספערטען אין וואשינג־טאן אלס העכסט סאניטארישע וויי־ער ברעטלאך.

צו באקומען ביי די

אמעריקאן פלאש און וועלוועט פרעס־באארד קאמפאני

123 פינפטע עוועניו ניו יארק

טעלעפאן אשלאנד 6650-6651

מיר פארקויפען אויך די לייטעסט סטיל סטימערס. טרוקענע סטים טיט א גאראנטיע.

מיר האבען אויך פינקינג משינס — די בעסטע אין מארקעט.

לערענט דעזיינינג

איהר קענט פערדינען פון 50 ביז 200 דאלאר וועכענטליך.

נעהמט א קורס אין דער בעריהמטער

מיטשעל דעזיינינג סקוהל

פון מענ'ס, פרויען, מיסעס און קינדער קליידער און ליידיס פאר גארמענטס.

די מיטשעל סקוהל פאר דעזיינינג לערנען צו מאכען פעטערנס, גריידינג, דרייפינג און פיטען קלאוקס, סוטס, דרעסעס, פאר פאר גארמענטס און מענ'ס קליידער.

געגרינדעט איבער 50 יאהר.

די סקול האט ערוייכט

נייע אידעען, נייע סיסטעמען, בעסטע רעזולטאטען.

א קורס אין דער מיטשעל דעזיינינג סקול מיינט א באלדינע שטעלע און גוטע ווייידושעס.

א גוטע פראפעסיאן פאר מענער און פרויען, און עס איז זעהר לייכט זיך אויסצולערנען.

באזונדערע לעקציעס וועט געגעבען ווערען אין אייער איינענער שפראך. אוב איהר זאלט אלעס פארשטעהן.

די באדינגונגען פאר'ן אויסלערנען זיך זיינען זעהר לייכטע.

מיר זיינען די עלטסטע פעשיאן קאמפאניע אין אמעריקא און מיר פארקויפען פעשיאנס און שניידען אלערליי פעטערנס.

טאג און אווענט קלאסען.

אווענט־קלאסען, מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג.

פרייע דעמאנסטריישאן אין אונזער סקוהל.

קומט פערזענליך פאר פרייע אינפארמאציע.

מיטשעל דעזיינינג סקוהל

15 וועסט 37טע סטריט, ניו יארק. טעלעפאן פיטצרא 1674.

מ. ק. מאקאוו

ביזנעס בראקער

225 פינפטע עוו., ניו יארק, רום 1101

טעלעפאן מעדיסאן סקוועיר, 0914.

אלערהאנד לעדזשיטימיט־ ביזנעס צו קויפען און פארקויפען.

וואלדמאן און ליבערמאן

לאיערס

302 BROADWAY, NEW YORK

Telephone: Worth 5623-5636

ענגליש

פריוואטע לעסאנס ביי אייך אין הויז, קיין אונטערשיעד וואו איהר וואוינט. מיר זיינען ספעציאליס־טען און אונזערע מעטאדען זיינען אזוי לייכט, דאס מיר קענען פארזיכערען אייער ערפאלג. אלעס וואס מיר רעכענען איז $10 א מאנאט. שיקט אייער נאמען און אדרעס און אונזער מענעדזשער וועט אייך באזוכען.

Private English Teachers

157 East 47th St., New York

קויפט אויסשליסליך

קאלאמביא טהעע

צועטאטשני טשאי

הייט לילי טהעע

די אידישע אגרי־קולטור (באראן הירש) סאסייעטי

[illegible] איהר קויפט אייער פארם.

[illegible] קיינע דעפאזיטס איידער איהר בעראט זיך מיט אונז.

[illegible] און כאס איז אבסאלוט פריי [illegible] ערער קומט פערזענליך.

[illegible] אויסער שבת — פון 9 ביז 5, זונטאג — ביז 1 אוהר.

JEWISH AGRICULTURAL SOCIETY, [illegible]

[illegible] E. 14th St. New York [illegible]

אייער באנק

אינטערנעשאנאל יוניאן באנק

פינפטע עוועניו און 21טע סטריט

פארמעגען:

$4,000,000.00

פיער מיליאן דאלאר

4% עפענט איצט אן אקאונט און קריגט 4% פיער פראצענט אינטערעסט

International Union Bank

FIFTH AVENUE AND TWENTY-FIRST STREET

Member Federal Reserve System

1 דאלאר

עפענט אן אקאונט

5 דאלאר

ציהט אינטערעסט

לעגט נים אפ אויף שפעטער!

איצט איז די צייט אנצו־פאנגען, ווייל דער סיזאן נעהט אן. אין די סלעק וועט דאס זעהר צוניץ קומען.

געלדער אריבער־געשיקט אין אלע וועלט טהיילען שנעל, פינקטליך און ביליג!

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה.
(איוב, כ"ז, 6.)
אן מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט וואורקערס יוניאן

Vol. VII. No. 35. New York, Friday, August 28, 1925 פרייטאג, 28טען אויגוסט, 1925 PRICE 3 CENTS

נייע עקזעקוטיוו באארדס פון די לאקאלס 2, 9 און 22 אינסטאלירט

פרעזידענט זיגמאן און סעקרעטער באראף באקומען גרויסע אוואציעס. — ארבייטער פון קלאוק און דרעס שעפער שיקען בלומען־קראנצען צו די אינסטאלײשאן מיטינגען. — ענטוזיאסטישע פארזאמלונגען ווי אין די אלטע, גוטע צייטען. — נייע עקזעקוטיוועס שטעלען זיך אין קאמף געגען אלע יוניאן־ברעכער.

ניט אכטענדיג אויף אלע טראבעלס אין דער יוניאן; ניט אכטענדיג אויף די אלע פארלוימדונגען און פראוואקא־ציעס פון דעם קאמוניסטישען געזינדעל געגען אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן, מיט דעם געמיינעם, נידערטרעכטיגען צוועק צו ברעכען די ארגאניזאציע. און ניט אכטענדיג אפילו אויף דעם „סטא־פעדזש" פון פאראכטאגען דאנערשטאג, וואס האט זיך אנגערוקט ווי א פינ־סטערע כמארע אויף דעם יוניאן־הימעל און האט אזוי פיל געסטראשעט מיט בייזוויליגקייט און פארניכטונג — ניט אכטענדיג אויף דאס אלעס, האט זיך די לעצטע וואך געפיהלט גאנץ יום־טוב'־דיג אין די רייהען פון דער יוניאן. עס איז געווען א וואך פון פרייד און בא־גייסטערונג. און עס האט זיך געפיהלט, דאס פון איצט אן און ווייטער וועט דער הימעל אויסגעלייטערט ווערען, עס וועלען פארשווינדען די שווארצע וואל־קענס פון סקעביזם און פאררעט געגען דער יוניאן, און דאס די ליכטיגע זונען־שטראהלען פון סאלידאריטעט און איי־ניגקייט וועלען ווידער אויפשיינען, וועט צוריק אויפוואדימען די ברידערליכע גע־פיהלען פון די גרויסע מאסען מיטגלי־דער, און זיי וועלען מעהר זיך ניט לא־זען אויפרייצען אין א קאמף געגען זייער אייגענער יוניאן.

די יום־טוב'דיגע שטימונג אין דער יוניאן האבען געבראכט מיט זיך די איינדרוקספולע אינסטאלײשאן מיטינ־גען פון די עקזעקוטיוו באארדס פון די לאקאלס 2, 9 און 22, נאכדעם ווי אין דיזע לאקאלס איז מיט א וואך צוריק דורכגעפיהרט געווארען וואהלען פאר לאקאל באאמטע, אויף דעם פלאץ פון די אויסגעשלאסענע קאמוניסטישע רע־דעל־פיהרער. אין די האלס, וואו די אינסטאלײשאן־פארזאמלונגען זיינען פארגעקומען, האט געהערשט אן אמת'ער יוניאן־גייסט און עס האט זיך געפיהלט א פעסטע אנטשלאסענקייט זיך געגענ־צושטעלען געגען די אלע אטאקעס, וואס ווערען געמאכט אויף דער יוניאן פון אלע איהרע שונאים, אינערליכע און אויסערליכע, וואס לויערן אויף איהר לעבען, וואס האבען זיך פארשווארען איהר אומצוברענגען. דאס האט זיך אויסגעדריקט אין דער שטימונג פון די אנוועזענדע פונקט ווי אין די רייד פון די רעדנער. צו דעם ענטוזיאזם אויף די מיטינגען האט ניט וועניג בייגע־טראגען די פילע בלומען־קראנצען וואס

(שלוס אויף זייט 16).

דעזיינערס יוניאן רופט א מאס מיטינג דעם שבת 29טען אויג., בייטאג

די דעזיינערס יוניאן, לאקאל 45, רופט א מאסמיטינג דעם שבת בייטאג, דעם 29טען אויגוסט, צו באטראכטען וויכטי־גע פראגען פון טרייד. דער מיטינג וועט אפגעהאלטען ווערען אין פענסילווייניא האטעל, רום נומער 3, קארנער 32טע סטריט און 7טע עוועניו. דער מיטינג וועט זיך עפענען 1:30 נאכמיטאג און וועט אדרעסירט ווערען פון גוטע רעדנער פון דער ארבייטער באוועגונג און אויך פון דעזיינערס, וואס וועלען ריידען אי־בער דער לאגע אין טרייד.

די קלאוקמאכער פון די שעפער זיי־נען געבעטען אויפמערקזאם צו מאכען די דעזיינערס וועגען דעם מאסמיטינג. זא־לען זיי העלפען מאכען דעם מיטינג פאר אן ערפאלג. עס איז שוין די העכסטע צייט, אז די דעזיינערס זאלען זיין ארגא־ניזירט און אנערקענט ווערען אלס א פאקטאר אין טרייד. זיי זאלען זיין אר־גאניזירט און ניט זיין אונטערווארפען דעם קאפריז פון די באלעבאטים. עס איז צייט, זיי זאלען קענען דורך דער מאכט פון איינינקייט באקומען זייערע רעכטען.

א ווארט צו די מיטגלידער פון דער דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 22

שוועסטער און ברידער:

דער טומעל אין אונזער יוניאן פאר די לעצטע עטליכע וואכען, פאראורזאכט פון דער געוועזענער עקזעקוטיוו באארד, וועלכע האט פרובירט מיט אלע מיט־לען זיך אויפהאלטען אין מאכט, האט אנגעהויבען צו מאכען א ווירקונג אין די שעפער. די לאגע פון די דרעסמאכער, וועלכע איז פריהער אויך ניט געווען גלענצענד, איז באדייטענד פארערגערט געווארען. פרייזען פאר ארבייט זיינען געשניטען געווארען אהן רחמנות. די דיר־כציפלין פון די מיטגלידער איז אפגע־שוואכט געווארען, און די באלעבאטים נוצען אויס די לאגע פאר זייער טובה, פאר זייערע אינטערעסען.

דאס טאר ווייטער ניט דערלאזט ווע־רען!

עס איז די אויפגאבע פון דער ניי־ער־

(שלוס אויף זייט 6)

דזשאינט באארד נעמט ענטוזיאסטיש אויף די נייע דעלע־גאציעס פון לאקאל 2 און לאקאל 9

סטאפעדזש־קרבנות ווענדען זיך צו דער יוניאן מען זאל זיי רעאינסטייטען. — פרעזידענט זיגמאן פאדערט אויף די דיסטריקט מענעדזשערס און ביזנעס אייזשענטס איינצורופען דיסטריקט און שאפ מיטינגען זיך דורכ־צורעדען מיט די מעמבערס. — קאמוניסטישע קליקע סטראשעט ווידער מיט א גענעראל סטרייק.

גלייך נאך די וואהלען פאר באאמטע און עקזעקוטיוו באארדס אין די לאקאלס 2, 9 און 22, ווי נאר דיזע עקזעקו־טיוועס זיינען אינסטאלירט געווארען, האבען זיי גלייך אויסגעוועהלט דעלעגא־טען צו שיקען צום דזשאינט באארד. און אלע לײדיגע פלעצער אין דער קער־פערשאפט זיינען אויסגעפילט געווארען.

זינט די קאמוניסטישע רעדעל־פיהרער זיינען סוספענדירט געווארן און געשטעלט געווארען אונטער קלאגען, ביז לעצטען פרייטאג, איז דער דזשאינט באארד ניט געווען קאמפלעט; עס האבען דארט גע־פעלט די דעלעגאציעס פון די דריי לא־קאלס און דער באארד האט אפילו ביי זיין בעסטען ווילען ניט געקאנט ארביי־טען נארמאל. די דעלעגאציעס פון די אנדערע לאקאלס אין דעם דזשאינט באארד האבען זיך געפיהלט ניט גאר היימיש, עס זיינען געשטאנען א סך לײדיגע בענקלאך און עס האט זיך גע־פיהלט אביסעל אומעדיג. אגב איז עס אויסגעקומען דאס די דעלעגאציעס פון די לאקאלס וואס זיינען פארבליבען אין דער קערפערשאפט האבען אליין גע־דארפט טראגען אויף זיך די גאנצע לאסט און אנפיהרען דעם קאמף פאר די גאנצע יוניאן. און דאס איז, נאטירליך, געווען א גאנץ שווערע ארבייט, א גרויסע אנ־שטרענגונג פאר די אנדערע לאקאלס אין דזשאינט באארד.

אן ענדערונג צום גוטען איז געקומען פאראכטאגען פרייטאג, ווען צום מיטינג פון דזשאינט באארד זיינען געקומען די נייע דעלעגאציעס פון די לאקאלס 2 און 9. דעם פרייטאג צום מיטינג וועט שוין אויך קומען די נייע דעלעגאציע פון די דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 22 און דער דזשאינט באארד איז שוין ווידער גאנץ און פול, ביי זיין פולער קראפט און וועט קענען איצט ווי געהעריג איז זיך נעהמען צו דער ארבייט. איצטער וועלען די דע־לעגאטען פון די אלע לאקאלס, זיך אין קאמף שטעלען געגען די קאמוניסטי־שע יוניאן ברעכער, געגען די זאגענאנטע „עקשאן קאמיטע", די סקעב־אגענטור פון דער 21טע גאס, און דער קאמף וועט פון איצט אן געפיהרט ווערען מיט מעהר ווידערשטאנדס קראפט, ביז די דאזי־גע סקעב־אגענטור וועט אינגאנצען צוזאמענברעכען, ווי דאס איז געווען דער סוף פון די סולקעס סקעב אגענטור און די אנדערע אגענטורען וואס זיינען פון צייט צו צייט ענטשטאנען, און זיך פאר־נומען אונטערצוגראבען אונזער יוניאן.

אט דער גייסט האט זיך גוט געפיהלט אויף דעם לעצטען מיטינג פון דזשאינט באארד. ווי נאר די ניי־ערוועהלטע דעלע־גאציעס האבען אריינגעמארשירט אין האל איז געווארען א סך לעבעדיגער, עס איז געווארען פרעהלאכער און דער גאנצער עולם איז געווארען מונטערער און קאמפ־לוסטיגער. די דעלעגאציעס פון לאקאל 2 און 9, די נייע מיטקעמפער זיינען אויפ־גענומען געווארען מיט פרייד און אפלא־דיסמענטען און עס האט זיך אנגעהויבען נאר א ניי לעבען! און דאס וועט זיכער האבען א גוטע ווירקונג צו ברענגען צוריק די יוניאן צו איהר נארמאלען צושטאנד.

פרעזידענט זיגמאן האט געהאלטען א קורצע רעדע און באגריסט די נייע דעלע־גאטען אויסדריקענדיג די האפנונג, דאס זיי וועלען זיין די ריכטיגע מענשען אויפ'ן ריכטיגען פלאץ; דאס זיי וועלען ארביי־טען פאר'ן וואויל און בעסטען פון זייערע לאקאלס און פון די גאנצע יוניאן, און דאס זיי וועלען טאן אלץ וואס זיי קאנען גוט צו מאכען, וואס זייערע פארגענגער, וועלכע זיינען געווען בלינדע ווערקצייג און אויך אגענטען פון דער „טשעקא"

(שלוס אויף זייט 6).

לייבאר דעי — א גרויסער יום־טוב אין די יוניטי הויז

צו דער געלעגענהייט וועט געגעבען ווערען א שעהנער קאנצערט.

לייבאר דעי איז אמאל געווען א יום־טוב אין די יוניטי הויז. דאס מאל אבער קלייבט מען זיך דארט צו פייערן דעם יום־טוב אויף א באזונדערס גרויסען שטייגער.

צו דער געלעגענהייט וועט געגעבען ווערען א גרויסארטיגער ערשטע קלאסע קאנצערט, אין וועלכען עס וועלען זיך באטייליגען גרויסע טאלאנטען פון דער מוזיקאלישער און דראמאטישער וועלט.

די מענעדזשמענט פון די יוניטי הויז ערווארט פאר לייבאר דעי א גרויסען עולם, און אלע ארענדזשמענטס ווערען געמאכט, אז דער עולם זאל זיך פיהלען גוט און באקוועם אויפ'ן שענסטען און בעסטען אופן.

עס איז זעהר נויטיג, אז די יעניגע, וואס ווילען זיין אין די יוניטי הויז ליי־באר דעי, זאלען זיך גלייך רעדזשיסטרי־רען. דער רעדזשיסטריישאן אפיס געפינט זיך אין דער אינטערנעשאנאל בילדינג, נומער 3 וועסט 16טע גאס, אויפ'ן 3טען פלאר. דאס איז פונקט אזוי נויטיג פאר די באזוכער, וואס וועלען זיין דארטען, ווי דאס איז נויטיג פאר דער מענעדזש־

(שלוס אויף זייט 2).

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 35:

זייט 2. מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן — דזשאזעף פיש.
זייט 3. אין דער קלאוק אפערייטארס יוניאן לאקאל 2 — מ. י. אשפיז.
זייט 4. אויס דעם לעבען פון אונזערע לא־קאלס אין שיקאגא — מ. ביאלים. א בריף אין רעדאקציע — ה. גודעלמאן.
זייט 5. ביי די סעמפעל־מאכער יוניאן, לא־קאל 3 — ד. רובין.
זייט 6. טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען.
זייט 7. א פראווינץ צייטונג — מרים קארפילאוו. סען סימאן.
זייט 8. רעדאקציאנעלע נאטיצען.
זייט 9. נאך דער אפעראציע — ל. פינקעל־שטיין. אינטערנעשאנאל קאלענדער — ה. סקולמאן.
זייט 10. דער ליטעראַרישער משיח — על עם. אמעריקאנער דזשאז ניגונים — נחום י. קורץ און שארף — י. ב. ג.
זייט 11. דער גראנגעל פאר ערד אין פוי־לען — ז. ארטור. דער סאציאליסטישער אינטערנאציאנאל.
זייט 12. א בלעטעל פון דער רעוואלוציא־נערער פארגאנגענהייט אין רוסלאנד — ס. ד. ע. א פרעזידענטס וואקיישאן — ז. ווהילער.
זייט 13. קורצע שמועסען.
זייט 14. שלוסען און אדווערטייזמענטס.
זייט 15. זאכען גוט צו וויסען און אדווער־טייזמענטס.
זייט 16. שלוסען פון זייט 1.

[...]אמוניסטישע סקעב־פארשווערונג געגען דער יוניאן מאכט איהר לעצטע אנשטרענגונג

[...]טע חברה'ניקעס ווילען דוקא צושטערען די יוניאן און רואינירען דאס לעבען פון צעהנדליגער טויזענטער קלאוק און דרעססמאכער און זייערע פאמיליעס. — די יוניאן ווארענט די מיטגלידער זיך ניט צו לאזען אריינציהען אין א ווילדער אוואנטורע. — די קאמוניסטישע פאררעטער און סקעב־אגענטען וועלען מוזען אפגעבען דין וחשבון פאר זייער פאררעטערישער האנדלונג, — זאגט פרעזידענט זיגמאן.

די קאמוניסטישע דעמאגאגען, פאר־ טער און סקעב־אגענטען, פון דער נב־אגענטור אויף די 21טע סט., אמען מיט די פען־קארטען פון די כהיים, — דאס קומיניסטישע רינ־ ק־בלעטעל, וועלכע האבען אמאל ריצט מיט די ציהען נעגען די קאפי־ ליסטישע פרעסע און איהר באשול־ אין אל דאס בייז, זיינען איצטער ארען גאנצע שמעלקעס מיט דער נער פרעסע און קריכען ממש פון הויט פאר א סטייטמענט אין יע־ פרעסע, וועלכע זיי פארשרייען גע־ נליך פאר „קארופט, פארקויפט און דארבען". מיט אמאל איז ביי יע־ שורקען די קאפיטאליסטישע פרע־ געווארען א גאנצע היילינקייט און קניען און בוקען זיך צו איהר.

נאר צוריק גערעדט, וואס זאלען נעבאך טאן? די ארבייטער־פרעסע אן זיי זיכער ניט קריגען פאר זייער בעריי נעגען דער יוניאן, פאר דעם ראס און סקעבעריי פון ערנסטען ם וואס זיי פיהרען אן. פאר דעם די קאפיטאליסטישע פרעסע ווי אונשען!... טו זיינען זיי מיט געווארען גאנצע שמעלקעס און פען דארט איין בלאף גרעסער פון ערען, אין זייער פאררברעכערישען ך און פארשווערונג נעגען אונזער אן.

זאלען אבער וויסען יענע לומפען, אנגען און פאררעטער, וועלכע ווע־ אפשר נעפיהרט און אויפגעהעצט שפיאנען און פראוואקאטארס, וואס ן אימער דא צווישען די „טעטיגע וניסטען" אין אמעריקא, — זאלען וויסען, אז עס וועט קומען דער טאג זיי וועלען גערופען ווערען צו פאר־ ווארטליכקייט, ווען זיי וועלען דאר־ אפגעבען דין וחשבון פאר זייער ען פאררעט נעגען דער יוניאן. אלט וועלען זיי ווידער זיך דארפען יובען מיט דער קאפיטאליסטישער סע. ווארים די ארבייטער־פרעסע שוין איצטער ווער זיי זיינען און טער וועט זי וויסען נאך מעהר.

און די קאמוניסטישע פרעסע איז ערגער פון די קאפיטאליסטישע. דארט טוט זיך איז נאר א שרעק! אויסגעלאסענע אומפאראנטווארט־ ייט וואס הערשט דארט, וועט אין קיין אנדער פרעסע ניט גע־. די אומפארשעמטקייט וואס עהט דארט איז נאר ניט צו בא־ בען. ליגענס און פאלשקייטען צו מוצען אונזער יוניאן און איהר ערשאפט ווערט דארט געדרוקט די גרעסטע בוכשטאבען. דאס מען אבזיכטליך אפצונארען דעם, צו נעמען איהם אויף זיכער. ר וועט ווער מיינען אז דאס איז אמת.

און דאס גאנצע קאמוניסטישע גע־ ל דרעהט זיך און קרוטשעט זיך אלע זייטען, און מען זוכט אומע־ אפילו אין פיינדליכען לאגער, צו באקעמפען די יוניאן, צו אונ־ ראבען איהר עקזיסטענץ.

און מען כאפט זיך יעדען טאג פאר נדער אישו. היינט באשליסט מען מאכען „א גענעראל סטאפעדזש", צורופען די קלאוק און דרעססמא־ אין א פארביטערטען קאמף נעגען ליין, און באלד כאפט מען זיך, טויג עס ניט? ווארים וועלכער נער וועט אויספאלגען אן אר־ פער אזא סטרייק? פאר א סטרייק פאדערונגען, פאר א ווילדע אוואנ־ פון פארביסענע דעמאגאגען, ווילען איבערגעוואלד בלייבען אין וועהרענד זיי זיינען געזעצליך שלאסען געווארען.

„סטאפעדזש" קאן זיי אויך ניט העלפען

יך ווי פרעזידענט זיגמאן האט פורגען און פארעפענטליכט אין רעסע, אז פאסטער'ס „טשעקא" קאמוניסטישע פארטיי אין אמע־ האט באשלאסען אריינצושלעפען וק און דרעס מאכער אין א גע־ סטרייק, האבען די קאמוניסטען שונג עס געלייקענט. זיי הא־ ערקלערט פאר א „בלבול" גע־ באלד אבער האבען זיי דעם אליין אנגענומען אויף זייערע זיצונגען.

זיי האבען אבער גיך דערפיהלט, אז דער עולם פראטעסטירט, אז די קלאוק און דרעססמאכער ווילען ניט איצט קיין סטרייק און וועלען ניט פאלגען דעם סקעבישען רוף. האט מען גלייך גע־מאכט אן אנדער באשלוס, מען וועט פראבירען מזל דורך א סקעבישע „דע־מאנסטראציע", מען וועט רופען דעם עולם צו סטאפען בלויז עטליכע שטונ־דען. אזוי דרעהט מען זיך און מען פלאנטערט זיך. אט הייסט עס א „סטאפעדזש" און אט ווערט דערפון א „דעמאנסטראציע". עס באקומט יעדען טאג אן אנדער נאמען. אין אמת'ן איז עס אבער סקעבעריי פון ערנסטען סארט. עס איז א פראוואקאציע, וואס קאן ברענגען מיט זיך, אז א סך ארבייטער זאלען אריינגעצויגען ווערען, אליין ניט וויסענדיג אז זיי קאנען פאר־לירען די דזשאבס. וועלען די קאמו־ניסטישע דעמאגאגען זיי נאכדעם מיט עפעס העלפען? אבער וועגען דעם טראכטען זיי אפילו ניט. זיי האבען אין זינען בלויז די אייגענע אינטערע־סען און די מאסען ווילען זיי אויסנו־צען אלס א בלינדע ווערקצייג אין זייער פארשווערונג נעגען די יוניאן.

דאס אלץ וועט זיי אבער גארניט העלפען. דורך סקעביזם און פאררראט וועלען זיי צוריק זייערע אמטען אין דער יוניאן ניט באקומען. זיי וועלען איבערגעוואלד די יוניאן ניט פארכא־פען און אלע זייערע געמיינע אנ־שטרענגונגען זיינען גאנץ אומזיסט. זיי זיינען געזעצליך אויסגעשלאסען געווא־רען און וואס מעהר געמיינהייט זיי וועלען אן, אלץ שווערער וועט עס זיין פאר זיי צוריקצוקומען צו אן אמט אין דער יוניאן. און דאס האט פרעזידענט זיגמאן די טעג קלאר געמאכט אין א סטייטמענט אין דער פרעסע. רעדענ־דיג וועגען דער אנגעלעגענהייט האט ער געזאגט:

„די יוניאן־ברעכער זוכען איינצו־שמועסען דעם עולם, אז מיט דעם סקעב־סטאפעדזש, וואס זיי רופען, בא־צוועקען זיי אפצורעכענען זיך מיט די פיהרער פון דער יוניאן, וועלכע האבען באזייטיגט די קאמוניסטען. זיי זאגען, אז מיט זייער סטאפעדזש וועלען זיי אויספיהרען צו צווינגען די אדמיני־סטראציע פון דער יוניאן צו אנטלויפען פון אמט. אז דאס איז פוסטע בא־ריהמעריי ווייסען אלע מעמבערס, וועל־כע זיינען נאר עטוואס באקאנט מיט דער קאנסטיטושאן פון דער אינטער־נעשאנאל, — האט פרעזידענט זיגמאן געזאגט. — „די קאמוניסטישע דזשאינט עקשאן קאמיטע איז ניט א טייל פון דער יוניאן. זי ווערט געפיהרט און מאנעווורירט פון א קליקע קאמוניסטי־שע פאליטישענס פון אויטסייד. דער סטייטמענט זייערער, אז זיי רופען דעם פייק־סטאפעדזש צו צווינגען די באאמ־טע פון דער יוניאן צו רעזיגנירען, בא־ווייזט ווי ווייניג זיי גלויבען אין די רעגעלע טרייד־יוניאן פיהרונגען און פאליסיס. עס באווייזט ווי זיי פאר־אכטען די קאנסטיטושאן און געזעצע פון דער יוניאן.

„ווען זיי וואלטען געווען אמת'ע יוניאן־לייט, — האט פרעזידענט זיג־מאן פארטגעזעצט, — ווען זיי וואלטען געהאלטען טייער די אינטערעסען און גאנצקייט פון דער יוניאן, וואלטען זיי געהאנדעלט ווי יוניאן־לייט און וואל־טען געטרייט דורכפיהרען אלע ענדער־ונגען אויף א יוניאן־מעסיגען שטיי־גער. וואס איז שייך דער אינטערנע־שאנאל, באטראכטען מיר זיי פאר א גרופע „אוטלאס" און יוניאן ברעכער. די קאנסטיטושאן פון דער אינטערנע־שאנאל איז זעהר קלאר אין די דאזיגע פראגע, ווי מען קען עס זעהן פון די פאלגענדע פונקטען:

„ארטיקעל 11, סעקשאן 9, פון אונ־זער קאנסטיטושאן זאגט: „קלאגען נע־גען א באאמטען פון דזשענעראל עקזע־קוטיוו באארד דארפען איבערגעגעבען ווערען דעם סעקרעטער פון דער אפיל־קאמיטע און ער זאל גע'משפט ווערען אויף דעם אופן, וואס איז אנגעוויזען אין דער קאנסטיטושאן. אזעלכע קלא־גען קענען געבראכט ווערען נאר פון א לאקאל יוניאן אדער פון אן אנדער קער־פערשאפט פון דער אינטערנעשאנאל.

„ארטיקעל 6, סעקשאן 2, לייענט זיך ווי פאלגט: די דזשאינט באארדס זא־לען זיין פארטרעטענע קערפערשאפ־טען, צוזאמענגעשטעלט פון א גלייכער צאהל דעלעגאטען פון יעדער לאקאל־יוניאן, וואס איז אן זיי אנגעשלאסען.

„דיזער פונקט איז איינער פון די עלטסטע אין דער קאנסטיטושאן, און די אויסגעשלאסענע באאמטע האבען וועגען דעם פונקט פריהער ניט געהאט וואס אויסצוזעצען. מיט אמאל האבען זיי אנטדעקט, אז די לאקאלס זיינען ניט ריכטיג פארטראטען אין דזשאינט באארד.

„אויב אירגענד וועלכע מעמבערס ווילען עפעס אויספיהרען אין דער יוני־אן, קענען זיי דאס טאן בלויז אויף א יוניאן־מעסיגען און געזעצליכען אופן, און ניט דורך יוניאן־ברעכעריי און סקעבעריי".

אין א צווייטען סטייטמענט פון פרעזידענט זיגמאן, רעדענדיג דירעקט וועגען דעם „סטאפעדזש" וואס די קא־מוניסטען האבען באשלאסען פאר דא־נערשטאג בייטאג, האט ער צווישען אנדערעס געזאגט:

„מיר האבען שוין לאנג ערווארטעט, אז די קאמוניסטישע קליקע זאל ארויס־קומען מיט דיזער נייער פארשווערונג זייערער, צו רופען א דזשענעראל סטרייק.

„מיר ווייסען, אז נאך מיט צוויי וואכען צוריק זיינען די קאמוניסטען פון שיקאגא געקומען מיט דיזען ארדער צו זייערע אנהענגער און ווערקצייג אין ניו יארק. דיזער אקט פון אומפאראנט־ווארטליכקייט און יוניאן־ברעכעריי ציינט ווי טיף די קאמוניסטען זיינען געזונקען. זיי ווייסען, אז די גרויסע מאסע קלאוק־מאכער זיינען נעגען א סטרייק; זיי ווייסען, אז די הויפט־זארג פון די קלאוק־מאכער איז איצט ווי צו קריגען ארבייט און ניט סטרייקען; זיי ווייסען, אז א סטרייק וועט רואינירען די ארבייטער. זיי פרעגען אבער ניט די ארבייטער. זיי ווילען ניט פרעגען צו די קלאוקמאכער קענען איצט האבען א סטרייק, צי ניט.

„עס איז אן אקט פון פארצווייפלונג. זיי האבען דערזעהן, אז די גאנצע כמאר־טאכע זייערע וועט צורונען, אז דער טומעל ווערט איינגעשטילט, און זיי פראבירען עס אנהאלטען מיט קינסטליכע מיטלען. אבער די קלאוקמאכער זיינען געטריי צו יוניאן לייט און מיט דיזען לעצטען שפיל זייערען וועלען די קאמו־ניסטען אין גאנצען פארלירען און אפ־געווישט ווערען פון דער יוניאן. אונזער יוניאן וועט בלייבען שטארק, אייניג און אויסגערייניגט פון דער קאמוניסטישער פעסט, און זי וועט זיך קענען מיט נייע כוחות גרייטען פאר דעם ווירקליכען גרוי־סען סטרייק, וואס וועט מיט דער צייט מוזען קומען, אום אויסצוקעמפען די בא־דינגונגען וואס די יוניאן פאדערט פון די דזשאבערס און אנדערע באסעס פון טרייד."

יוניאן שיקט ארויס א ווארנונג צו די קלאוס און דרעססמאכער

גלייכצייטיג האט די יוניאן ארויס־געשיקט א באזונדער ווארנונג צו די מיטגלידער פון אלע לאקאלס וואס זיינען אנגעשלאסען צום דזשאינט בא־ארד, אין וועלכען זיי ווערען געווארענט, זיך ניט צו באטייליגען אין קיינע „דע־מאנסטראציעס" אדער „סטעפעדזשעס", וואס די קאמוניסטען פלאנעווען כדי צו שעדיגען די יוניאן.

דער בריף וואס איז ארויסגעשיקט געווארען צו די מיטגלידער לייענט זיך ווי פאלגט:

„ווערטער מעמבער:—

מיר האבען אייך שוין ניט איינמאל געווארענט וועגען דער פארשווערונג פון די קאמוניסטען צו צוברעכען און פאר־ניכטען אונזער יוניאן. די קאמוניסטען, וועלכע מאסקירען זיך אונטער'ן נאמען פון „דזשאינט עקשאן קאמיטע" האבען אלעס געטראים צו טאן כדי ארויפצוצווינ־גען זייער דיקטאטור אויף דער יוניאן. אבער ביז איצט זיינען זיי אין גאנצען דורכגעפאלען. עס איז זיי נאר געלונגען צו פארפירען עטליכע פערזאנען וועלכע זיינען ניט באקאנט מיט די אמת'ע אב־זיכטען און צילען פון די קאמוניסטען.

ווען זיי זיינען אזוי מיאוס דורכגע־פאלען אין אלעס וואס זיי האבען נאר געפרואווט צו טאן ביז איצט, האבען די קאמוניסטען אין זייער פארצווייפלונג בא־שלאסען צו מאכען נאך א לעצטע פראבע צו פארכאפען אדער פארניכטען אונזער יוניאן. זיי פלאנעווען איצט צו מאכען א שריט וואס קען אהן צווייפעל באטראכט ווערען אלס דער סאמע שענדליכסטער פאררראט וואס איז ווען באגאנגען געווא־רען פון אירגענד וועלכע שונאים פון אונ־זער יוניאן.

די קאמוניסטישע קליקע, אונטער דעם פארשטעלטען נאמען פון „דזשאינט עק־שאן קאמיטע", האט געמאכט א פאר־שווערונג אריינצושלעפען די קלאוק און דרעססמאכער אין א „דזשענעראל סטא־פעדזש", ווי זיי רופען עס — אין דער אמת'ן א דזשענעראל סטרייק. דער אר־דער אריינצוווארפען אונזער אינדוסט־ריע אין א שרעקליכען כאאס און שאפען ביטערע נויט און ליידען פאר אונזערע מעמבערס, קומט דירעקט פון שיקאגא, פון דער נאציאנאלער עקזעקוטיוו קאמיטע פון דער ווארקערס (קאמוניסטישער) פארטיי.

דיזע אונפאראנטווארטליכע אוטסיי־דינע קליקע, די קאמוניסטישע עקזעקו־טיווע, איז צוזאמענגעשטעלט פון מענשען וואס זיינען קיינמאל ניט געווען קיין מעמבערס פון אונזער יוניאן, וואס האבען קיינמאל ניט געארבייט אין אונזער טרייד און וואס האבען קיינמאל גארניט געהאט צו טאן מיט אונזערע מעמבערס. — דיזע קליקע, וועלכע האט ניט דעם מינדסטען באגריף פון די פראבלעמען און שוועריג־קייטען פון די ארבייטער אין אונזער אינ־דוסטריע, נעמט זיך אונטער צו שפילען מיט די לעבענס און מיט דעם ברויט פון 80 טויזענד ארבייטער און זייערע פרויען און קינדער.

די קלאוקמאכער האבען ערשט ניט לאנג צוריק באשלאסען דורך אן אלגעמיי־נעם רעפערענדום ניט צו רופען איצט קיין סטרייק, נאר אנגעהן מיט דעם איצטיגען אגרימענט נאך א יאהר צייט. וואס אנ־באלאנגט די דרעססמאכער איז אין דער דרעס אינדוסטריע פאראן אן אגרימענט וואס וועט אויסגעהן ערשט אין 1927. עס איז דערפאר קלאר ווי דער טאג אז די איינציגע אורזאכע פארוואס די קא־מוניסטען פיהרען איצט אן זייער שעדלי־כע פראפאגאנדע פאר א גענעראל סטרייק אדער סטאפעדזש, איז כדי צו שאפען כאאס אין אונזער אינדוסטריע, פאראור־זאכען ביטערע נויט און ליידען פאר אונ־זערע מעמבערס און דורך דעם פארשטאר־קען זייער פאליטישע פארטיי.

מיר ווייסען אז אונזער גרויסע מעמ־בערשיפ איז ענטריסטעט נעגען דיזע פראבע פון פרעמדע עלעמענטען ארויפ־צולעגען זייער לאפע אויף דער יוניאן און דיקטירען ווי זי זאל זיך פיהרען. מיר זיינען זיכער אז די מעמבערס פון אונזער יוניאן וועלען ניט שענקען די מינדסטע אויפמערקזאמקייט צו אירגענד וועלכען ארדער פאר א סטרייק אדער סטאפעדזש וואס דיזע שונאים פון אונזער יוניאן וועלען געבען. פונדעסטוועגען איז מעגליך, אז עס זאלען זיך געפינען פערזאנען אין אונזער יוניאן וועלכע זאלען פארפירט ווערען פון זייערע פוסטע פראזען. און צו דיזע מעמבערס ווענדען מיר זיך דער־פאר מיט א ווארנונג.

אלס די פאראנטווארטליכע באאמטע פון אייער יוניאן האלטען מיר עס פאר אונזער פליכט צו מעלדען אייך אז אויב עס וועלען זיך געפינען מעמבערס וועלכע וועלען זיך ערלויבען פארפירט צו ווערען פון די ארדערס פון דער קאמוניסטישער קליקע, וואס נעהמט אונטער דעם פאר־שטעלטען נאמען פון „דזשאינט עקשאן קאמיטע", וועלען אזעלכע מעמבערס דאס טאן אויף זייער אייגענע פאראנטווארט־ליכקייט.

איהר דארפט האבען אין זינען אז פילע באלעבאטים זוכען א געלעגענהייט צו שעדיגען דער יוניאן כדי פטור צו ווע־רען פון מאנכע ארבייטער אין זייערע שעפער. אויב מעמבערס וועלען סטאפען פון דער ארבייט און זיי וועלען פארלירען זייערע דזשאבס אדער זיי וועלען ליידען אנדערע טראבעל און אומבאקוועמליכ־קייטען, וועט די יוניאן ניט זיין אין א לאגע צו פארטיידיגען זיי, און דיזע מעמ־בערס וועלען זיין פאראנטווארטליך פאר זייערע אייגענע טהאטען.

גיט זיך ניט איבער אין די הענט פון די באסעס. העלפט זיי ניט אפשוואכען אייער ארגאניזאציע. גיט זיי ניט קיין געלעגענהייט צו שעדיגען אייך. לאזט זיך ניט פארפירען פון דער שעדליכער פרא־פאגאנדע פון דער אונפאראנטווארטליכער קאמוניסטישער קליקע.

צוליב אייערע אייגענע אינטערעסען, צוליב אייער אייגענעם וואוילזיין, און דעם וואוילזיין פון אייערע פאמיליעס, דארפט איהר האנדלען ווי א גוטער דיס־ציפלינירטער יוניאן מעמבער. בלייבט גע־טריי און אייניג אין אייער יוניאן. נעמט ארדערס נאר פון אייער יוניאן און ניט פון קיין אנדערע.

מיט ברודערליכען גרוס,

דזשאינט באארד קלאוק און דרעס־מאכער יוניאן.